STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02920

FUN LAND TSU LAND

Osher Jaime Schuchinski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אָשר (חיים) שטשוטשינסקי

פון לאַנד צו לאַנד

דערציילונגען

געווידמעט מײַנע אייניקלער

יצחק, יעקב, שושנה, יוחנה, דוד

אשר שטשוטשינסקי



פון לאנד צו לאנד

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, תשל״ט — 1979

OSHER (JAIME) SCHUCHINSKY
FUN LAND TZU LAND

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv, Israel

אָשר (חיים) שטשוטשינסקי
פון לאַנד צו לאַנד
דערציילונגען

י. ל. פרץ־פאַרלאַג, רח׳ אלנבי 31, תל־אביב

Copyright
by Osher (Jaime) Schuchinsky

Printed in Israel 1979 — נדפס בישראל תשל״ט

דפוס „להב״ בע״מ, תל־אביב, רח׳ המסגר 60, טל. 336564

ערשטער טייל

היים און שטעטל

צוויי ברידער

אָן אומעט איז געווען אויסגעגאָסן אויף דעם הילצערנעם הויז, וואָס איז געשטאַנען אויפן ראַנד פון באָטשאַנבאַרג. די ברוינע פאַרב, מיט וואָס מען האָט דאָס הויז אַ מאָל אָפּגעשמירט, האָט זיך איצט געשיילט צוזאַמען מיטן פרוכנעם האָלץ און געלאָזט לעכלעך ווי ווונדן. די גרויע, אָפּגעקראָ־כענע אושאַקעס אַרום די פענצטער האָבן נאָך טונקעלער געמאַכט די שײַב־לעך, און דער אַלטער שינדלדאַך איז געווען אײַנגעבראָכן און פון אַלע ווינקלען האָט געשלאָגן אַ ריח פון פאַרפוילטקייט... דער אַרײַנגאַנג איז געווען אויף דער העכערער זײַט פון באַרג.

פון הינטן איז די כאַלופּע געווען אונטערגעשפּאַרט מיט עטלעכע דיקע, כּמעט נײַע סלופּעס. ווען נישט אָט די סלופּעס, ווער ווייסט, ווי ווײַט פון דאָרטן וואָלט שוין געלעגן דאָס הויז... דאָ וווינט אַרקע דער גלעזער מיט זײַן ווײַב און פיר קינדער. ס׳איז געווען שווער צו וויסן וועלכער פון די קינדער איז עלטער און וועלכער יינגער. זיי האָבן אויס־געקוקט אַלע ווי איינער — פאַרדאַרטע, מיט בלייכע, אומעטיקע פּנימלעך.

אַרקע דער גלעזער האָט געהאַט אַ בעסער הויז. ס׳איז אָבער אַרײַן אין אים אַ מאַנקאָליע, ווי אַ זשומענדיקע פליג, וואָס האָט נישט אָפּגעע־טראָטן. ער וויל פאָרן קיין אַמעריקע. אין אַמעריקע ווערט מען רײַך. זײַן ברודער שלמה, בײַ וועמען ער האָט געאַרבעט גלעזערײַ די ערשטע יאָרן נאָך דער חתונה, האָט זיך בײַ אים געבעטן: „אַרקע, פאָר ניט. דו טויגסט ניט פאַר אַמעריקע. ס׳פעלט דיר בײַ מיר גאָרניט״.

אַרקע האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, פאַרקויפט דאָס הויז — די ירושה פון זײַן טאַטן — איבערגעלאָזט שיינדלען מיט די פיר קינדער, פיר יאָר נאָך דער חתונה, און אַוועק קיין אַמעריקע.

שלמה איז געוואָרן ברוגז אויפן ברודער און האָט זיך מיט אים אַפילו ניט געזעגנט. „פאָר — האָט ער געטראַכט — וועסט שוין זען, וועסט שוין וויסן וואָס אַמעריקע איז״.

אַרקע האָט זיך אָפּגעוואָלגערט אין אַמעריקע עטלעכע יאָר און אָנגעהויבן שרײַבן שײנדלען אַז ער קלײַבט זיך קומען צוריק. שלמה פּלעגט דערווײַל קומען פון צײַט צו צײַט זען די קינדער און העלפן שײנדלען מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט. אין שטעטל האָט מען זיך געשושקעט: „אַוודאי קומט ער זען די קינדער, וואָס דען, דערווײַל זעט ער שײנדלען אויך...".

איין טאָג האָבן שלמהס שכנים דערהערט געוואַלדן. פון זײַן הויז זענען עס דערגאַנגען געשרייען, זידלערײַען און דער אָפּקלאַנג פון געוואָרפענע כלים:

— וועסט מיר שוין מער ניט גיין צו איר. גט מיך אָפּ און אַ סוף זאָל דאָס נעמען צו מײַנע צרות!.

— ווילסט איך זאָל ניט גיין זען מײַן ברודערס קינדער?

— ליגנער, מאַשעניק, מיר דערציילסטו אַ מעשה! קענסט דאָך דײַן ברודערס נאָמען ניט הערן, דו קענסט דאָך אים ניט מוחל זײַן וואָס ער איז אַוועק קיין אַמעריקע און ניט געוואָלט מער אַרבעטן אויף דיר. דו גייסט זען דײַן ברודערס קינדער? דו לויפסט דאָך איר נאָך... נעכטן האָסטו דאָך געטראָגן איר פּעקל וועש צום טײַך. מיינסט אַז מען האָט עס מיר ניט דערציילט... איך וויל מאַכן אַ סוף — גיב מיר אַ גט!

שלמה האָט געטראַכט בײַ זיך אַז ס'וואָלט גאָרנישט געווען קיין שלעכטע זאַך, אָבער ער ווייס דען, וואָס ס'וועט פון דעם אַרויסקומען.

דערווײַל איז אַרקע צוריקגעקומען פון אַמעריקע. פון דעם געלט פאַר דעם הויז וואָס מען האָט פאַרקויפט, איז שוין קיין דריטל ניט געבליבן — ס'איז אַוועק אויף שיפסקאַרטן, אַ ביסל האָט שײנדל מיט די קינדער אויפגעגעסן און אַ ביסל האָט זי פאַרקרענקט.

— ווי נאָר איך בין אַוועקגעפאָרן האָסטו אָנגעהויבן קרענקען. ביסט פאַר דעם געווען אַ מויד ווי אַ בלום... און פּלוצלינג האָסטו אָנגעהויבן קרענקען. נאָך גוט וואָס דו האָסט ניט אויסגעקרענקט נאָך אַ קינד... דו מיינסט אַז מען ווייס ניט. מען האָט מיר שוין אַלץ צוגעטראָגן.

אַרקע האָט גערעדט מיט ביטערניש, ס'האָט אים געמאַטערט דער חשד

— אַרקע, וואָס רעדסטו? איך בין דאָך דײַן ווײַב. דו ווילסט מיר

פאַרשוואַרצן דאָס פּנים... וואָס האָב איך דיר געטאָן שלעכטס? געהיט אין דחקות די פיר קינדער. רעדסטו נאָך אויף מיר...

— זלאַטע האָט מיר אַלץ דערציילט, ניטאָ קיין סודות...

אַרקע האָט מיט עטלעכע רובל, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן, איינגע־קויפט די אַלטע כאַלופּע אויפן ראַנד פון באַרג, זי אונטערגעשפּאַרט מיט בעלקעס און זיך אַריינגעצויגן מיטן ווייב און פיר קינדער.

*

אַרקע איז אַוועק צו די קונים, וואָס האָבן אים געקענט פון די ציַיטן ווען ער האָט געאַרבעט ביַי זיַין ברודער, געוועז צווישן זיי אַ פּאָר קלע־נערע פּריצים. זיי האָבן אים גוט אויפגענומען און געבעטן ער זאָל זיי דערציילן וועגן אַמעריקע. פון זיַינע מעשׂיות האָבן זיי גאָר אַנגעקוואָלן. זיַין תּירוץ, אַז ער איז געקומען צוריק וויַיל ס'איז זיַין געבוירן־לאַנד, אַז ער האָט ניט ליב אַמעריקע — מען אַרבעט דאָרטן ווי די אייזלען — האָט ביַי די פּריצים אויסגענומען.

אַרקע האָט יעדן באַזונדער אויסגעפרעגט צי זיי דאַרפן אַריַינשטעלן שויבן — ס'רוקט זיך אָן דער ווינטער, און זיי האָבן אים צוגעזאָגט לאָזן צו וויסן ווען זיי וועלן דאַרפן. שוין גייענדיק אַהיים דערציילט אים אַ פּויער, וואָס ער האָט באַגעגנט, אַז נעכטן ביַי נאַכט האָט מען אין הויף געפּראַוועט דעם געבורטסטאָג ביַי קראַנקאָווסקיס וויַיב. האָבן די געסט זיך אָנגעשיכּורט, זיך געשלאָגן מיט די פלעשער און אויסגעבראָכן אַלע פענצטער.

אַרקע האָט נישט פאַרלירנדיק קיין מינוט זיך אַוועקגעטראָגן צו קראַנקאָווסקיס הויף. שוין פון וויַיטן האָט ער געזען אַז דער פּויער האָט אים ניט אָפּגענאַרט, ס'זיַינען געווען אויסגעשלאָגן אַלע שויבן. אַז ער איז צוגעקומען נענטער איז אים געוואָרן שווערער אויפן האַרצן — „די אַלע שויבן זיַינען דאָך קאַלירטע. איך האָב דען קאַלירט גלאָז? אַוו וועל איך נעמען קאַלירט גלאָז? מיַין ברודער שלמה האָט קאַלירט גלאָז... נאָר וואָס איז די פּעולה?".

דער קאָפּ האָט אים געאַרבעט שווער, ווי ניט־געשמירטע רעדער אונטער אַ פורן וואָגן מיט אַ משׂא. וואָס טוט מען?

ער איז אַרײַן אין הויף. די הינט האָבן אָנגעהויבן בילן און זיך רײַסן פון די קייטן. דער פאַרוואַלטער האָט דורכן פענצטער אים דערקענט און אַרויסגעשיקט זײַן געהילף אים אַרויפצוברענגען. די ערשטע זאַך האָט דער פאַרוואַלטער געוואָלט וויסן צי אַרקע האָט געבראַכט אַ סך געלט פון אַמעריקע. און אַרקע האָט ניט געוווּסט ווי ס׳איז בעסער: זאָגן „יאָ". צי זאָגן „ניין" — האָט ער געשוויגן.

אַרקע האָט זיך באַמיט צו מאַכן דעם שמועס וואָס קירצער. דאָס קאַלירטע גלאָז האָט אים געשטאָכן, ווי זייערע שערבלעך וואָלט ער געטראָגן אויף זײַנע אַקסלען... ס׳איז אים באַפאַלן אַן אומזיכערקייט. „און אַז מען וועט מיר הייסן קומען, האָב איך דען קאָלירט גלאָז?" — האָט ער געהאַלטן אין איין טראַכטן.

דער פאַרוואַלטער האָט אַרײַנגעפירט אַרקען אינעם זאַל וווּ מען פלעגט אָפּהאַלטן די בעלער, און מיט איין מאָך מיט דער האַנט איז קלאָר געוואָרן פאַר אַרקען וואָס דער ערל וויל: יעדע שויב מוז זײַן פון זעלבן קאָליר ווי ס׳איז געווען פריִער. „קוק" — האָט ער אים געוויזן מיטן פינגער — „אין מיטן — איין רויט, פון ביידע זײַטן — גרינע, דערנאָך — צוויי בלויע, און פון ביידע זײַטן — צוויי גאָלדענע. זעסט, זיבן שויבן — פיר קאָלירן. דער פּריץ וויל גאָרניט איבערבײַטן. קענסט דאָס מאַכן?".

אַרקע איז געבליבן אַ ווײַלע שטום. דאָס בלוט האָט אים ווי אַ שווע־רער האַמער אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ. וואָס טוט מען? ווי קאָן ער אָננעמען די אַרבעט? ס׳האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק: שיינדל וועט קריגן דאָס קאָלירטע גלאָז... ניין, איך וועל אַליין גיין! שלמה איז מײַנער אַ לײַב־לעכער ברודער. ער וועט ניט לאָזן אַ משפחה אויסגיין פון הונגער.

— יאָ — האָט ער מיט אַ זיכערער שטימע געענטפערט. — יאָ, איך קען דאָס מאַכן. ווען ווילסטו איך זאָל קומען מיטן גלאָז?

דער פאַרוואַלטער האָט באַשטימט דעם קומענדיקן דינסטיק און אַרקע האָט נאָכן אָפּדאַנקען אים פאַר זײַן פרײַנדשאַפט אים געווונטשן אַ גוטן טאָג און באַגלייט פונעם געהילף זיך אַרויסגעשאַרט פון הויף.

*

אַז אַרקע איז אָנגעקומען צו זײַן היים האָט אַ שטאַרקער רעגן געפּליוכעט אין די בלאָטיקע ריטשקעס אויפן באַרג, דאָס וואַסער איז געלאָפן באַרג־אַראָפּ, אַרום און אַרום זײַן הויז. אויפן שינדלדאַך האָט דער געדיכטער רעגן זיך אָנגעשלאָגן אין ווייכן פּרוכנעם האָלץ, זיך דורכגעריסן צום בוידעם און דורכן צעטריקנטן פּולאָפּ אין שטוב אַרײַן — אויפן טיש, אויפן בעט, און וווּ די רעגן־טראָפּנס האָבן נאָר געוואָלט.

אין אַ הויז וווּ ס׳רעגנט אַרײַן דערפילט זיך אַ מענטש שטאַרק דערשלאָגן.

אַרקע איז אַ ווײַלע געשטאַנען לעבן טיר. ער איז געווען אַזוי אויסגעווייקט, אַז ס׳האָט אים שוין ניט געאַרט וואָס עס גיסט אויף אים אָן אויפהער — ער האָט געקילט זײַן צעהיצטן קאָפּ אונטערן רעגן און עפּעס ווי בכיוון געוואָלט זײַן נאָך נאַסער. ער האָט אַן עפן געטאָן די טיר און דערזען שיינדלען אין אַ ווינקל פון צימער, ווי זי וואָלט זיך געטוליעט צו דער וואַנט. אַרום איר זײַנען געשטאַנען די פיר קינדער און זיך אויסבאַהאַלטן פון די קאַלטע טראָפּנס וואָס זײַנען געפאַלן, צוזאַמען מיט צעברעקלטע שטיקלעך קאַלך איבערן שטוב.

אַרקע איז געבליבן שטיין ווי אַ פאַרשמעליעטער לעבן טיר, ס׳האָט אים אויפגערודערט דאָס דערזען אַזוי זײַן היים, זײַן משפּחה... זײַן גאַנץ לעבן האָט זיך אַ טראָג געטאָן אין זײַן געדאַנק: פאַרקויפט דאָס הויז, דעם טאַטנס ירושה, און געקומען צו דער כאַלופּע... געפאָרן קיין אַמעריקע, צעקריגט זיך מיטן ברודער...

ער האָט זיך אײַנגעקוקט מיט נאַסע אויגן אויף זײַן ווײַב, אויף זײַנע קינדער — „וואָס קען איך זיי זאָגן?". ס׳האָט אַ בליץ געטאָן אין געדאַנק אַ שטיקל פרייד — די אַרבעט בײַם פריץ — און איז באַלד צעשוווּמען: „קאַלירט גלאָז, ווער וועט מיר געבן?... שלמה וועט מיר געבן, נאָר ער וועט וועלן אַז שיינדל זאָל גיין אים בעטן. שלמה האָט מיך פײַנט... ער האָט אָבער ניט פײַנט"... ס׳האָט אים איבערגעריסן שיינדלס קול:

— וואָס שטייסטו לעבן טיר, אַרקע? קום אַרײַן, טריקן זיך אָפּ. וועסט נאָך ווערן קראַנק, חס־וחלילה. דער רעגן וועט איבערגיין, ס׳וועט אייביק ניט גיסן...

אַרקע האָט דערפילט אַז די אויגן זײַנען אים געוואָרן נאָך נאַסער. טרערן פון צער, פון חרפה און פון חרטה, אויף אַלץ וואָס ער האָט געטראַכט, האָבן אַ שלאָג געטאָן און זיך אויסגעמישט מיט די רעגן־טראָפּנס. „איך האָב נאָך טענות צו איר".

*

די זון האָט זיך באַוויזן אויפן הימל גלײַך אויפן פרימאָרגן. אַרקע איז אַרויס פון שטוב זען וואָס דער גוס־רעגן האָט נעכטן אָנגעבראַכט. ער האָט געקוקט אויפן הויז, אויפן באַרג־אַראָפּ, אויף די סלופּעס וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן די כאַלופּע. איבער אַלץ האָט געשלאָגן איין געדאַנק אין מוח: קאָלירט גלאָז. זאָל ער שיקן שיינדלען אַליין? „ער איז דאָך מײַן ברודער. איך קען דאָך בײַם פּריץ מאַכן פּרנסה אויף עטלעכע וואָכן. אַלע שויבן זײַנען אויסגעהאַקט. איך דאַרף נאָר קאָלירט גלאָז... ניין! איך טאָר ניט גיין, כ'וועל נאָר איבערפירן. איך וועל אים אַרײַנפירן אין מער רוגזה אויף מיר און דעמאָלט וועט זײַן פאַרפאַלן די אַרבעט אין הויף... און אפשר מײַן גאַנץ לעבן... שיינדל מוז גיין... איך וועל זי בעטן".

נאָר ווידער גיט אַ פּיק דער חשד, ווי אַ וואָרעם... אַרקע פּרוּווט אים דערשטיקן, „ס'איז אַ ליגן, זאָל מען רעדן... איך דאַרף מפרנס זײַן מײַן ווײַב און קינדער". ער גייט אַרײַן אין שטוב. שיינדל שטייט אין קיך און בריט מילך פאַר די קינדער. „כ'האָב נעכטן גענומען בײַ דער טאָקאַרקע צוויי קוואָרט מילך אויף באָרג... מיר זײַנען איר שולדיק פון פריִער. מען קען דאָך ניט לאָזן די קינדער אָן אַ ביסל מילך". אַרקע הערט אויס שיינדלען און טראַכט: „מײַן ווײַב דאַרף קויפן צוויי קוואָרט מילך אויף באָרג, און מײַן ברודער דער בעזדיעטניק האָט אַ קו; ס'ווערט איר צע־שפּאַרט דער אייטער...".

ער דערציילט שיינדלען ווי ער האָט גערעדט מיט די פּריצים. די גרויסע אַרבעט וואָס ער האָט אָנגענומען בײַ דעם פּריץ קראַנקאָווסקי. „איך וואָלט וועלן דו זאָלסט צוגיין צו שלמהן און קריגן אַ קאַסטן קאָלירט גלאָז". ער רעדט געלאַסן, ער פילט אָבער ווי ס'שלאָגט אים דאָס בלוט אין די שלייפן.

שיינדל זאָגט ניט קיין וואָרט. זי גיסט אָן טעפּעלעך מילך פאַר די קינדער, ס'באַוויַיזן זיך טרערן אין אירע אויגן:

— זאָלסט בלײַבן מיט די קינדער, זאָלסט ניט אַוועקגיין ביז איך וועל קומען צוריק.

נאָך אַ ווײַלע טראַכטן גיט אַרקע מיט זײַן דראָבנעם גוף אַ שפּרונג אויף:

— איך ווייס אַז ער וועט דיר געבן דאָס קאָלירטע גלאָז, אָבער איך וויל ניט, גיי ניט...

שיינדל האָט אָנגעקוקט איר מאַן. אַרקע איז געווען יינגער פון זײַן ברודער שלמהן, ער האָט אָבער אויסגעקוקט אַ סך עלטער. דער יאָך פון פיר קינדער, די שווערע איבערלעבונגען, די אָרעמקייט, דער חשד אויף זײַן ווײַב האָבן אים פאַרעלטערט. שיינדל איז געווען אַ מאָגערע, אַ שלאַנקע, מיט אַ ליכטיק פּנים, אויף וועלכן ס'איז געווען אויסגעגאָסן אַן אומעט, וואָס האָט איר געמאַכט נאָך שענער.

אַרקע האָט באַטראַכט זײַן ווײַב, זי פאַרגליכן מיט זײַן שוועגערין זלאַטע מיט איר צעגאָסנקייט און פאַרשמאָדערטן פּנים און אַ ברום געטאָן ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה:

— ניין! דו וועסט ניט גיין, אַוודאי וועט ער דיר געבן אַ קאַסטן קאָלירטע גלאָז. אפשר זאָל איך גיין? — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין.

שיינדל האָט געוווּסט וואָס איר מאַן טראַכט. זי האָט דערפילט אַ פרײַנדשאַפט צו אים, אַ נאָענטקייט. אין איר קאָפּ איז פאַרבײַגעלאָפן איין קורצער געדאַנק: „אונדזערע קינדער". זי האָט זיך דערנענטערט צו אים:

— איך וועל גיין, אַרקע, זײַ רויִק. מיר וועט ער ניט אָפּזאָגן. זײַ מיך ניט חושד... איך וויל דיר העלפן, דיר און אונדזערע קינדער. דו מיינסט, אַז ס'איז מיר אַזוי ליב זיך צו טרעפן מיט זלאַטען, דער מאַרק־יידענע... איך וועל גיין.

אַרקע האָט געשוויגן. אויף זײַן פּנים האָט זיך אויסגעגאָסן אַ רויִקייט, ווי מען וואָלט אַראָפּגענומען אַ שווערע משׂא פון זײַנע פּלייצעס.

מיטן זעלבן קיכקליידל און אויסגעדרייטע שיך איז שיינדל אַרויס פון איר היים.

*

— שיינדעלע — האָט שלמה זי מקבל־פּנים געווען, — וואָס איז געשען?

— שוואָגער, אַרקע דאַרף אַ קעסטל גלאָז פון אַלע קאָלירן. ער האָט אָנגענומען אַ גוטע אַרבעט, ער וועט אײַך באַצאָלן.

— דו קומסט שטענדיק ווען זלאַטע איז דאָ... גנבטע דו, קום איין מאָל ווען זי איז ניטאָ — האָט שלמה גערעדט צו שיינדלען מיט אַ זיסן קול.

— שוואָגער, איך האָב דאָך פיר קינדער, איך מוז דאָך לאָזן אַרקען אין שטוב ווען איך גיי אַוועק... מען קען דאָך ניט לאָזן קיין קינדער אויף הפקר.

— דו האָסט פיר קינדער און איך האָב ניט קיין איינעם. זאָג מיר צו אַז דו וועסט קומען, וועל איך אַוועקפירן זלאַטען צו איר שוועסטער אין דאַוונאַבע...

— איך וועל פאַר אײַך אָפּקאָכן, איך וועל אויפראַמען די שטוב...

— דו פאַררעדסט מיר די ציין, דו ווייסט וואָס איך מיין.

— שוואָגער, איר וועט געבן אַרקען דאָס קאָלירטע גלאָז?

— זאָג אים ער זאָל קומען נעמען.

שיינדל האָט זיך געגעבן אַ שאַר אַרויס פון הויז דורכן זײַטיקן טירל, און גיך געלאָפן אַהיים אָנזאָגן אַרקען ער זאָל גיין נאָך דעם קאָלירטן גלאָז.

ליכטיקע שאָטנס

אויףביידע זײַטן מזרח ברענען נאָך די גרויסע נאַפּטלאָמפּן, וואָס הענגען אויף גראָבע דראָטן צוגעבונדן צו גרויסע קרוקעס אין הילצערנעם סופיט. פון די קײַלעכדיקע קנויטן רײַסן זיך האַלב־רונדע פלעמעלעך, וואָס באַלויכטן די פאָדערשטע ווענט, דעם אָרון־קדוש, די פאָדערשטע זײַט פון דער בימה. דורך דעם ברייטן העלדזל פון גלאָז שלאָגט אַרויף אַ העלע ליכט, וואָס רינגלט אַרום ווי אַ לבנה דעם פאַרבויגענעם שוואַרצן קרוק און וואַרפט זיך ווי אַ וואַגשאָל הין און צוריק, הין און צוריק.

די גראָבע הילצערנע בעלקעס, וואָס שפּאַרן אונטער דעם האַלב־אײַנגעבויגענעם פּולאָפּ, די ווינקלווענט פון דער בימה, די הויכע ווענטלעך פון די בענק, וואַרפן שטיקער שאָטן אויף דער הינטערשטער וואַנט, וואָס טיילט אָפּ די ווײַבערשע שול. די שאָטנס שפּילן אויפן גרויסן קאַכלאָוון אויוון, אויף דער גרויסער שאַפע ספרים, און ווי אימעצער וואָלט זיי געצויגן — די שאָטנס, — זיי געשטופּט איינער אויפן צווייטן, זיי אַראָפּ־געשלײַדערט איינעם פונעם אַנדערן, געשטויסן זיי אויפן אויוון, געוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע, — אַזוי באַוועגן זיי זיך מיטן שאָקלען פון די צוויי לאָמפּן.

פון די גרויסע צוועלף רעמלדיקע פענצטער שלאָגט אַרײַן אַ חושך, ווי אימעצער וואָלט געשאָטן קוילנשטויב. פון הינטער דער בימה הערט זיך אַ מורמלען — „והוא יעשה שלום עלינו“ און צעטראָגט זיך סודותדיק פון טונקעלן טייל בית־מדרש ביז די מזרח־ווענט, און שלאָגט זיך אָן אין די פײַנצטערע שײַבלעך, וואָס קוקן צום שוואַרצן דרויסן.

ניסן דינקעס האָט געענדיקט דאַווענען מעריב און זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום אויוון.

— רב מרדכי! איר וועט ניט זײַן אין כעס. אַרײַנגעלאָפן הײַנט אַ ביסל צו שפּעט פון דאָרף, קורצע טעג, שווער צו גיין אויפן אַנגעפּאַ־לענעם שניי, די קעלט פאַרהאַקט דעם אָטעם, אָבער מעריב מוז מען דאָך

דאַוונען און אַז מען קען אין בית־מדרש איז אַוודאי גוט. איר בלײַבט נאָך דאָ, מרדכי, איך אײַל זיך גיין עסן וועטשערע. דעם אמת געזאָגט דאַרף איך נאָך עסן אָנבײַסן, נאָר מען מוז דאָס שוין מאַכן צוזאַמען. נו, גאָט צו דאַנקען, אַבי מען איז געזונט און מען האָט חיונה.

— איך מאַך נאָר צו דעם אויוון, גיי איך שוין אויך.

מרדכי דער שמש האָט צוגעמאַכט דאָס אײַזערנע טירל און פאַרדרייט דעם שרויף, שטאַרק געדריקט דאָס מעשענע הענטל ביז עס האָט זיך געהערט אַ סקריפּ:

— אַז איך מאַך צו אָט אַזוי די טירל פון אויוון געפין איך נאָך אין דער פּרי הייס דעם אַש.

עס האָבן זיך דערהערט טריט אין פּירהויז און אַ שאָרך פון דער אײַזערנער ספּראַנזשינע. ביסלעכווײַז האָט זיך געעפנט די שווערע הילצערנע טיר, וואָס איז פון אינעווייניק געווען נאַס פון צעגאַנגענעם אָנגעטראָגענעם שניי. ס'איז אַרײַנגעקומען אַ ייִד, דאָס קײַלעכדיקע שוואַרצע היטעלע איז אים געלעגן אויף די ברעמען. די שטיקלעך ניט־באַוואַקסענע באַקן און די נאָז האָבן געפלאַמט פון קעלט. די באָרד אַרום מויל איז געווען ווײַס, פאַרפראָרן, די קליאַפּעס פון דער קאַפּאָטע זײַנען געווען פאַרלייגט איינע אויף דער צווייטער, אונטערן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ פּירקאַנטיק פּעקל אײַנגעוויקלט אין גרויער דאַטשקע.

מרדכי דער שמש האָט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, אָנגעשפּיצט די אויגן און דורך די טונקעלע שאָטנס באַטראַכט דעם ייִדן. ניסן דינקעס האָט אויך געקוקט צו דער טיר.

— ווער איז דאָס? אַזוי שפּעט! — האָבן ביידע שטיל געמורמלט.

— געלויבט איז גאָט! אַבי כ'בין שוין געקומען, אַז עפּעס גאָר קיין טאָג ניט! דו קוקסט זיך גאָרניט אַרום און עס איז שוין פינצטער, אַ לעבן אָן טאָג, הוילע נעכט. איר זײַט דאָך מן־הסתם דער שמש? איך האָב אײַך געוואָלט בעטן, ס'הייסט פרעגן, איך וואָלט דאָ געקענט איבערנעכטיקן? אָט טאַקע דאָ גופא, לעבן אויוון, ניטאָ קיין ברירה...

מרדכי דער שמש האָט אָנגעקוקט דעם אורח מיט אַ פּאָר שאַרפע אויגן.

— מיינט ניט, אַז דער גבאי האָט זייער ליב אַז מען לאָזט דאָ

שלאָפן אורחים, דערנאָך גייט דאָס אויס צו מײַן קאָפּ. איך האָב אים אָבער געזאָגט: רב שמאַי, אויב איר ווילט ניט לאָזן שלאָפן אין בית־מדרש קיין אורחים מוזט איר זיי קומען אַרויסטרײַבן, ווײַל איך האָב ניט קיין האַרץ צו זאָגן אַ ייִדן, ער זאָל אין אַזאַ ביטערע קעלט גיין שלאָפן אין גאַס. נישקשה, פאַראַן געגונג גבירים אין שטעטל, מען האָט גאַנץ גוט געמעגט האָבן אַן הכנסת־אורחים, אַז ייִדן זאָלן טאַקע ניט דאַרפן שלאָפן אין בית־מדרש, אָבער ניט לאָזן אַ ייִדן איבערנעכטיקן וואָלט געווען אַ חילול־השם.

דער אורח האָט אויפגעהויבן דאָס היטל מיטן דאַשעק און אָפּגעדעקט אַ הויכן שטערן, פון דער קאַפּאָטע־קעשענע האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ גרויס גרוי טיכל און געווישט דעם נאַסן פּנים און די באָרד אָפּגעטײַעטע פון פראָסט. — —

מרדכי דער שמש האָט אַ קער געטאָן די אויגן צו ניסן דינקעס:

— נו, איר זעט? — איז שוין גוט וואָס איר זײַט געקומען שפּעט צו מעריב. באַשערט דעם ייִדן אונדז דאָ צו טרעפן, נו מילא, וועט איר שוין דאָ איבערנעכטיקן, איר גייט דאָך מאָרגן געוויס ווײַטער. אָבער דער פּלאַץ — ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויפן באַנק בײַם אויוון — איז שוין פאַרנומען, מיר האָבן נאָך אַן אורח, יענער האָט שוין פריִער באַשטעלט, און די זײַט איז פאַר יאַנקל דעם משוגענעם, ער האָט שוין אויף דעם האַלבן אויוון אַ חזקה... אַ חזקה פאַר אַ סך יאָרן...

— נו, וואָס קען מען זיך העלפן, וועל איך זיך לייגן אויף דער באַנק אַנטקעגן, נעבן דער בימה, אַ ייִד גיט זיך אַן עצה...

ניסן דינקעס האָט אַ קוק געטאָן אויפן אורח:

— די איז מײַן שטאָט! האָט ער אַ ביסל מיט גאווה אַ זאָג געטאָן.

— נו, ווילט איר ניט איך זאָל זיך דאָ לייגן? — האָט אים דער אורח הכנעהדיק געפרעגט.

— פון מײַנעט וועגן, וואָס קען דאָס מיר אַרן, עס קען עפּעס אָפּקומען פון דער שטאָט? מײַן זיידע איז אויף איר געשטאַנען, מײַן טאַטע, און איצט, ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר, שטיי איך.

— בזכות דעם וועט איר טאַקע שטיין אויף דער שטאָט ביז הונדערט

מיט צוואַנציק יאָר! אָמן! — האָט דער אורח מיט התלהבות און כּהנישער ערנסטקייט געבענטשט ניסן דינקעס.

— אָמן! הלוואַי! און איר זאָלט קענען שלאָפן בײַ זיך אין דער היים און ניט דאַרפן זיך וואַלגערן אין קעלט, אין די פינצטערע נעכט איבער דער וועלט. איר האָט שוין עפּעס געגעסן? — האָט אים ניסן דינקעס געפרעגט.

דער אורח האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ לאַנגע ווײַלע געשוויגן.

— איך האָב אָנגעביסן — אויפן פרימאָרגן — אַז מען קלײַבט זיך אין וועג איז דאָך ניטאָ קיין צײַט צו קלערן וועגן עסן... און עס איז טאָקע ניט געווען וואָס.

— קומט אורח מיט מיר! וועט מען עסן צוזאַמען וועטשערע. ווי זאָגט מען, אַ כּזית קען מען אויך צעשפּאַלטן אויף דער העלפט, מען דאַרף נאָר וועלן. לאָזט איבער אײַער פּעקל דאָ, אונטערן באַנק, קיינער וועט אין בית־מדרש ניט גנבענען. וואָס האָט איר דאָרטן? אַ שווער פּעקל זעט זיך.

— סדורים, חומשים, מחזורים, וואָס האָב איך ניט? ניט פֿאַר קיין ייִדן געדאַכט, נעכטן און הײַנט ניט געלייזט פֿאַר קיין איין ספר, ווען ניט וואָלט איך געגאַנגען צו פוס אין אַזאַ ביטערן פראָסט, ווען ניט וואָלט איך געוואָלט נעכטיקן אין בית־מדרש...

— קומט רב... אורח! לאָמיר שוין מער ניט פאַרציִען דעם הונגער.

— יצחק־אריה איז מײַן נאָמען. איטשע־לייב רופט מען מיך...

מרדכי דער שמש האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן זײַן דאַרן גוף פון דער באַנק, האָט אַ הייב געטאָן די לאַנגע האַנט ביז איבערן האַלדז, און זיך אַ קראַץ געטאָן די פּלייצע איבער דער פאַרלאַטעטער קאַפּאָטע. שלעפּנדיק דעם לינקן פוס האָט ער זיך צוגעשאַרט צום לאָמפּ, אַרויפגעקראָכן אויף דער באַנק, און האַלטנדיק מיט איין האַנט דעם געניקלטן דראָט וואָס האָט אַרומגענומען דעם לאָמפּ האָט ער מיט דער צווייטער האַנט אַראָפּגעדרייט דעם קנויט. דאָס פלעמל איז געוואָרן קלענער, קלענער, ביז דאָס פײַער האָט זיך אויסגעלאָשן. איבער דער וואַנט האָט זיך געוויגט דער שאָטן פון פאַרלאָשענעם לאָמפּ, הין און צוריק.

מרדכי האָט זיך צוגעשאַרט צום צווייטן לאָמפּ, איבער אַ נײַס אַרויף־

געקראָכן אויף דער באַנק, אַראָפּגעדרייט ביסלעכווייַז דעם קנויט. אין בית־מדרש איז געוואָרן פינצטער, נאָר דאָס לעמפּל בייַם עמוד האָט געברענט און געוואָרפן אַן אומעטיקע געלע ליכט איבערן גרויסן אומע־טיקן חלל.

— נו, לאָמיר שוין גיין! איר הערט, אורח, אָט דער יאַנקל דער משוגענער, ער רעדט אַ מאָל צו דער זאַך... ס'איז אָבער בעסער אַז מ'רעדט ניט מיט אים... ער טראָגט אַ שווער האַרץ אויף די בעלי־בתים, די גבירים האָט ער פייַנט בתכלית־השנאה.

אַלע דרייַ זענען אַרויס פון בית־מדרש.

*

— הערסטו, ניסן! אַ גוי האָט טאַקע מזל. דער אורח, וואָס איז דאָ פריִער געקומען, האָט מיר דערציילט, אַז גייענדיק האָט ער געטראָפן אַן ערל מיט אַ ביקס. ער זאָגט, אַז עס ווייַזט אויס אַ יעגער, האָט ער גע־טראָגן אַ חיה, אַ ברוינע, וואָס ער האָט געכאַפּט אין וואַלד, האָט ער אים געפרעגט וואָס דאָס איז פאַר אַ חיה וואָס איז דומה צו אַ קאַץ, מיט אַזאַ געלער לאַטע אונטערן העלדזל. דו וועסט גאָרניט גלייבן, ער זאָגט, אַז דאָס איז ווערט אפשר הונדערט זלאָטעס, דו מוזסט דאָך וויסן וואָס דאָס איז, דו האַנדלסט דאָך מיט די אַלע זאַכן.

ניסן האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ צו מרדכין, דערזען אַז דער אורח גייט אין מיטן צווישן ביידע, האָט ער זיך איבערגערוקט נענטער צום שמש, אַז ער זאָל גיין אין מיטן.

— נו, און ווער איז ער דער ערל? אַז ער כאַפּט חיות, אַוודאי איז ער אַ יעגער! ער האָט דיר ניט געזאָגט זייַן נאָמען?

— יע! ער האָט מיר געזאָגט — זייַן גוייִשן נאָמען, אָבער ווער קען דאָס געדענקען זייערע נעמען... ער וווינט אויף אָלשאָווער וועג, לעבן וואַלד.

— אויף אָלשאָווער וועג? — האָט ניסן גיך איבערגעפרעגט — איז דאָך דאָס פּאַן אָלשעווסקי! מייַנער אַ גוי... פאַר וואָס האָסטו דאָס מיר

ניט געזאָגט באַלד ווי איך בין אַריַין אין בית־מדרש? — אין זיַין שטים האָט זיך געפילט אַן אומרויִקייט.

— דער איז דאָס טאַקע, ניסן. איר האָט דאָך אַ רבנישן קאָפּ, באַלד געטראָפן, איך האָב איַיך גאָרניט געדאַרפט זאָגן, איר קענט אים? אַ מזל פון אַ גוי, כאָטש אַ גוטער גוי?

— פאַר וועמען האָט ער דאָס דערציילט, דער אורח? — האָט ניסן געפאָרשט.

— פאַר מיר! פאַר וועמען וועט ער דערציילן? — האָט זיך מרדכי דער שמש געגרייסט. — איך האָב דאָס אים דען געפרעגט? ער האָט געוואָלט, האָט ער מיר דערציילט.

זיי זיַינען צוגעקומען צו שמערל דעם מלמדס חדר.

— אַ גוטע נאַכט, ניסן! אַ גוטע נאַכט, אורח! איך וווין דאָ אונטן אין דאָל. אַ ביטערער רחמנות, אין אַזאַ עסיקער קעלט לאָזט מען אַ לעבע־דיקע בהמה אין דרויסן, איר זעט, ניסן? שמערל דעם מלמדס קאָזע, אַ פינצטערע עבירה, גאָט זאָל באַהיטן פאַר אַזאַ זאַך. שמערל איז ניט שולדיק, זי, די מרשעת, טריַיבט אַרויס די קאָזע פון פירהויז. וואָס קען זי איר דאַרטן קאַליע מאַכן? אַי, קינדערלעך, מען דאַרף האָבן מזל, ווען איך האָב אַ קאָזע, וואָס וואָלט איר געפעלט? אויפן שניי וואָלט איך איר געלאָזן שטיין? די קאָזע האָט זיך צוגערוקט צו מרדכי דעם שמש און אַ מעקע געטאָן, — איר זעט? איר זעט? זי פאַרשטייט דאָך וואָס איך זאָג, אַ בהמה האָט אויך שכל. אַ גוטע נאַכט! אַ גוטע נאַכט!

מרדכי האָט געשטעלט דעם רעכטן פוס אויפן פרישן שניי און דעם לינקען נאָכגעשלעפּט טריט נאָך טריט, דאָס איז אים געבליבן אַ זכר פון פריזיוו. ער איז אָבער ניט געגאַנגען דינען דעם פאָניע...

ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן גדליה דעם סטאַליערס צעבראָכענעם פאַרקאַן, געקוקט אויף דעם טונקל־ראָזעווען ליכט וואָס האָט זיך דורכ־געזיפּט דורך די קליינע פאַרפראָרענע פענצטערלעך פון זיַין הילצערן היַיזקע. דאָס היַיזקע שטייט מיטן רוקן אָנגעשפּאַרט אָן שולבאַרג. „גאָט שיקט די רפואה פאַר דער מכּה", האָט מרדכי דער שמש צו זיך געטראַכט. גדליה דער לאַטוטניק האָט געבויט די כאַלופּע פונקט צופוסנס פון באַרג.

ער האָט מיר טאַקע געזאָגט: „מרדכי! דו קויפסט אַן אייביקע זאַך, אַפילו קיין שטורעם קען איר ניט איַנוואַרפן, פריִער דאַרף איַנזינקען דער באַרג, שטייט דאָך אויף אים די שול״...

מרדכין האָט אַ ציִ געטאָן ביַים האַרצן פון הונגער. „זי האָט כאָטש געקראָגן אַ ביסל ליאַק צו די בולבעס, ביַי ליפּע דעם קרעמער — אַ מאָל פאַלט אַריַין אַ שטיקל איקרע אויך״...

אַ פולע לבנה איז געשטאַנען אין ווינקל פון הימל און באַזילבערט די קאַלטע פאַרשנייטע וועלט.

*

ניסן האָט שטאַרק אַ ציִ געטאָן די קליאַמקע פון דעם אָנגעפראָרענעם טירל און איר פאַרמאַכט הינטער זיך. ער איז אַרויף די דריַי שטיינער וואָס זיַינען געלעגן אויסגעלייגט ווי טרעפּלעך און שטייענדיק אין מיטן געסל אַרויפגעקוקט צו זיַין שטוב. אַ וואַרעמקייט איז אים אַדורך איבערן גאַנצן גוף. „מיַין שטוב — אַן אייגענער דאַך איבערן קאָפּ״. עס האָט פאַר אים אַ שוועב געטאָן די געשטאַלט פון נעכטיקן אורח, וואָס שלאָפט איצט אין בית־מדרש.

דער דיקער שניי, וואָס האָט צוגעדעקט דעם שינדלדאַך האָט געמאַכט די שטוב העכער, די שיַין פון דער לבנה האָט באַפאַרבט אויף זילבער־וויַיס דאָס גרויע האַלץ פון די ווענט, אים אַרומגעהילט ווי מיט אַ וויַיסן מאַרמאָר. אין ניסנען האָט אַ ווייע געטאָן מיט גבורה. ער האָט אַ וואָרף געטאָן דעם ליידיקן זעקל אונטערן אָרעם און אָנגעהויבן גיין.

— ניטאָ זיך וואָס צו איַילן. דער זייגער איז נאָך איצט אַרום פיר. איך וועל אָנקומען פאַר פינצטער — פאַן אָלשוועסקי וועט נאָך זיכער שלאָפן... אַ מאַרדער מיט אַ געלער לאַטע אונטערן האַלדז... אַ בויממאַר־דער... דער אורח, דער צווייטער אורח וואָס האָט נעכטן ביַי אים געגעסן וועטשערע, דער שמש... אַלע זיַינען מיטגעגאַנגען, זיך מיטגעשלעפּט אין די דמיונות.

ניסן איז געגאַנגען ביַי דער זיַיט פון הויכן פּאַרקאַן וואָס האָט אַרומ־געצאַמט די גרויסע הילצערנע תּפילה, די קאַלירטע שיַיבלעך פון די גאַר

הויכע פענצטער האָבן אויסגעקוקט ווי שוואַרצע טיפֿע אָפּגרונטן, וואָס זאַפּן אין זיך אַריַין די פינצטערניש און זענען נאָך חושכדיקער פון דער נאַכט.

וויַיט פון וועג — פאַר א פּאָר ווירסט — איז געשטאַנען דער גרויסער אַלשאַוועם וואַלד. די הויכע לאַנגע ביימער, די צוויַיגן, האָבן אויסגעזען ווי אָדערן אין אַ גרויסן גוף. די העלע לבנה־ליכט איז געפאַלן איבער די שפּיצן ביימער און צעבליאַסקעט דעם שניי איבער דעם גרויסן וואַלד.

איבערן גאַנצן ראַנד, לענג־אויס דעם וואַלד, האָט זיך אויפֿן שניי אָפּגעשלאָגן אַ ברייטער טונקעלער שאָטן, וואָס איז געפאַלן פון די הויכע סאָסנעס.

ניסנען האָט עפּעס אַ מיניע געטאָן פאַר די אויגן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עפּעס אַ גרויסע זאַך קיַיקלט זיך איבערן שאָטן... אַ ווייטיק־לעכער צוק איז אים אַדורך איבערן שטערן ביז צו די שלייפן... ער האָט צוגענומען די אויגן פון וואַלד, עס האָט אָבער צוריק אַ ציִ געטאָן, זיַין בליק האָט נאָך בולטער געזען די גרויסע גרויע משא וואָס שטופּט זיך איבערן שוואַרצן שאָטן אויפֿן שניי.

— ס'איז אַ בהמה, — האָט ער זיך געוואָלט באַרויִקן. אָוו האָסטו היַינט בהמות אין אַזאַ קעלט, אין אַ ווינטערדיקן ביַינאַכט. עס איז גיכער ענלעך צו אַ מענטשן ווי צו אַ פירפיסיקן, ס'איז דאָך אָבער גרעסער ווי צוויי מענטשן...

דער וועג וואָס האָט געפירט אין וואַלד האָט דעם שאָטן צעשניטן אויף צווייען. דער שטיקל וועג איז געווען באַלויכטן פון דער לבנה און דער גרויסער גוף האָט זיך געזען קלאָר ביַי דעם שיַין. ניסנען איז אַדורך אַ קעלט איבערן גאַנצן ליַיב, ווי איַיז־קאַלטע טראָפּנס וואָלטן זיך אים אַראָפּגעגאָסן איבערן גאַנצן רוקן, ווער קען דאָס זיַין אין מיטן דער נאַכט? ער גייט מיר נאָך פון בית־עולם אָן! — איז אים איַינגעפאַלן. „מה טובו אוהליך יעקב״, האָט ער אָנגעהויבן אויף גיך דאַוונען שחרית, און אין קאָפּ האָט אים געשלאָגן אַ געדאַנק: „מ'טאָר ניט אַרויסגיין פון שטוב פאַרן דאַוונען שחרית! קיינער וועט דיַינע ניט פאַרכאַפּן! מיַין טאַטע — מיר

צו לאַנגע יאָר — פלעגט שטענדיק פריִער אַרײַנגײן אין בית־מדרש און דאַוונען, דערנאָך פלעגט ער אַרויס אויפן דאָרף, האָט אים טאָקע גאָט געהאָלפן, אַזאַ שטוב, קיין עין־הרע ניט, אויסגעבויט. דאַכט זיך אַז איך האָב ניט אָפּגעגאָסן קיין נעגל־וואַסער... ניסן האָט זיך אַ בייג געטאָן צו דער ערד, אַ נעץ געטאָן די הענט אָן שניי, זיי אָנגעריבן איינע אָן דער צווייטער און אָפּגעווישט אָן זעקל.

— כ׳וועל גיין פּאַמעלעך, איך וויל זען צי ער וועט מיר אַריבעריגיין. ניין! האָט ער פעסט צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן, משוגע מײַנע שונאים! ניין, כ׳וועל גיין גיכער... — ער גייט מיר נאָך! רבונו־של־עולם, וועמען האָסטו דאָ אויף מיר אָנגעשיקט, פאַר וואָס קומט דאָס מיר, פאַר וואָס איך בין מכניס־אורח געווען? צעטיילט זיך נעכטן מיט דער וועטשערע... ס׳איז שוין נאָענט דער דאָרף... כ׳בין שוין אויפן בריקל. ער האָט קלאָר געזען ווי יענער דרייט זיך אויך אויס צום בריקל, ער גייט נישט איבערן פאַרפראָרענעם טײַך. ער גייט אַהער! עס איז אַ מענטש! זע ווי ער הייבט גרויסע, גראָבע פיס. ניסן איז אַריבער דאָס בריקל, די פיס האָבן זיך אים אַלע ווײַלע אונטערגעבראָכן, ער האָט שווער געסאָפּעט און מיט די לעצטע כוחות אָנגעהויבן לויפן...

— אָט איז די ערשטע שטוב — פעלך דער פורמאַן — ניין! ס׳איז פינצטער, דער הונט פעלכס... ניין, איך האָב מורא פאַר פעלכן, איז דער צווייטער בעסער, ס׳איז אָפן דער טויער... כ׳וועל אַרײַנגיין.. כ׳וועל זיך אַראָפּבייגן הינטערן טויער...

ניסן איז אַרײַנגעלאָפן אין הויף, און האַלב פאַרמאַכט דאָס טויער־טירל.

— כ׳וועל דאָ שטיין און זען וואָס ס׳וועט זײַן. אָט גייט ער! ער טראָגט שמאַטעס אויף די פיס.

ניסן האָט געפילט אַז ס׳ווערט אים צעפלאַצט דער קאָפּ, און דאָס האַרץ צאַפּלט הינטער דער וואַטאָווקע...

— זע נאָר, ס׳איז דאָך דער טויבער! אַלטער צאַלעלס! — ניסן האָט דערפילט אַז ער פאַלט אַנידער. ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן דער טיר. אַ מענטש זאָל אַרויפשלעפּן אויף זיך דעם פוטער מיט די שוואַרצע האָר

אויף אַרויף — זע נאָר וואָס ער שלעפּט דאָס אַלץ אויף זיך... אַ באַשליק און נאָך אַ קאָלדרע אויפֿן האַלדז, זאָל ער גיין...

ניסן איז אונטערגעשטאַנען הינטערן טויער און געוואַרט אַז אַלטער דער טויבער זאָל אַריבערגיין. ער האָט געשפּירט, אַז ס'וועט אים לײַכ־טער, ווי מען וואָלט אָפּגעלאָזט אַ שטאַרק אײַנגעשטײַפטן פּאַס פון איבערן גאַנצן גוף.

— איך וועל הינטער די שײַערס צוגיין צום וועג וואָס פירט צום וואַלד, זאָל ער מיך נאָך אַ מאָל ניט דערזען... זאָל דאָס אויסגיין צו אַלע בייזע ווינטן, וואָס פאַר אַ שרעק איך האָב דאָס געהאַט.

*

ניסן האָט אַ שלעפּ געטאָן דעם הילצערנעם פּאַררוקער און געעפנט דאָס קלענערע טויערל און איז אַרײַן אין הויף. פון פירהויז און פון די שטאַלן האָט זיך אַ ריס געטאָן אַ וואַיען, אַ בילן פון הינט, וואָס האָבן זיך מיט די פיס און מאָרדעס געדראַפּעט אָן די טירן און זיך געריסן אויף אַרויס.

איגנאַץ דער פּאַראָבעק האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פון אַ הינטערש־טער טיר און מיט אַ גראָבער פאַרשלאָפענער שטים געפרעגט:

— ווער גייט דאָס דאָרטן?

די הינט האָבן זיך נאָך האַסטיקער אַ וואָרף געטאָן און זיך צעהאָוו־קעט אויף די העכסטע טענער, זיי האָבן אויך געוואָלט וויסן ווער קומט דאָס אין אַזאַ קאַלטן ווינטערדיקן פרימאָרגן שטערן זייער רו.

— איך, ניסל דינקאָ! האָט זיי ניסן געזוכט צו באַרויִקן.

— אַזוי פרי? דער פּריץ איז דיר געקומען צו חלום? ער האָט דיך טאַקע געוואָלט שיקן רופן... וואַרט צו, אָט וועל איך אַרויספירן די הינט און מאַכן ליכטיק.

איגנאַץ האָט אַרויסגעפירט צוויי גרויסע ווײַס־שוואַרצע הינט, וואָס האָבן זיך געוואָרפן איינער אויף דעם צווייטן און ביידע זיך געריסן צו ניסנען. ער האָט זיי צוגעבונדן צום סלופּ וואָס איז געשטאַנען אַרײַנגע־גראָבן אין דער ערד לעבן נײַעם שפּײַכלער.

— איר קענט דאָך מיר, וואָס בילט איר אַזוי און וואַרפט זיך, ווי אמתע כּלבים? — האָט ניסן צו זיי גערעדט זיך אָפּרוקנדיק זיך וואָס ווײַטער...

— קום אַרײַן ניסן! מיר האָבן פאַר דיר סחורה, די אמתע סחורה.

אין דרויסן האָט אָנגעהויבן טאָגן, דער שניי איז געוואָרן גרויער, די לופט דורכזיכטיקער, ניסן איז אַרײַן אין פירהויז און פון דאָרטן אין קיך, דאָס בילן פון די הינט האָט אויפגעהערט.

— זיי האָבן מיך דערקענט, די כּלבים, מ׳דאַרף וויסן ווי מיט זיי צו רעדן...

אין נאָז האָט געשלאָגן אַ ריח פון פאַרדומפּענעם קרויט. דאָס קליינע נאַפטלעמפּל האָט קוים באַלויכטן די גרין געקאַלכטע קיך. ניסנס אויגן זענען אַרומגעלאָפן איבער די ווענט און געזוכט... זאָל כאָטש ניט זײַן אומזיסט דער וועג, ניט האָבן אָפּגעקומען אומזיסט אַזאַ שרעק, זאָל אַלטער דער טויבער ניט דערשמעקן אַ מאָל אין דאָרף און קומען צו לויפן... אין ווינקל איז געהאָנגען אָנגעבונדן אָן אַ טשוואָק אַ גרויסער בויממאַרדער איבער דער פעל פון אַ פוקס מיט אַ פּודלאָטן באַזילבערטן ווידל.

— ער האָט ניט אָפּגענאַרט, דער אורח, אַ גוטער שליח געווען... גאָט זאָל מיר העלפן פאַר אַלץ וואָס איך בין אָפּגעקומען הײַנטיקע נאַכט...

— פאַן אַלשעווסקי קומט שוין, ניסל.

ניסן האָט זיך אָװעקגעשטעלט גלײַך, ווי אַ סאָלדאַט, גרייט צום באַגריסן.

*

— איגנאַץ, זײַ אַזוי גוט און פיר מיך אַרויס, איך האָב מורא פאַר די הינט.

ניסן האָט אים אַרײַנגערוקט אין קעשענע פון בורקע אַ קליין פּעקעלע מאַכאָרקע.

— אַז ס׳וועט עפּעס זײַן — זאָג מיר אָן, איך פאַרגעס קיין מאָל ניט קיין טובה.

איגנאַץ האָט אַ שאָקל געטאָן מיט דעם בלאָנד־באַוואָקסענעם קאָפּ.

— געוויס, געוויס, דו ווייסט אַז מיר ווילן בעסער אַז דו זאָלסט קויפן איידער אַ צווייטער...

איגנאַץ האָט אַ צי געטאָן די טיר פון פירהויז אויף אינעווייניק, אַלטער צאַלעלס איז געשטאַנען און געשטופּט די טיר אַריַין...

— אָ, ניסן דינקעס! דו ביסט, וויַיזט אויס, דאָ געשלאָפן?

אַלטער האָט אָפּגעשפּילעט דעם איבערגעקערטן פּוטער און אַראָפּ־געשלעפּט דעם באַשליק פון קאָפּ.

— ביסט מיר פאַרלאָפן דעם וועג, פאַרפאַלן, שלאָפסט ביַי די גוייִם...

— ניין, רב אַלטער — האָט ניסן אים געשריגן — מ׳טאָר ניט לויפן אין דאָרף פאַרן דאַווענען...

— און דו? איך דאַוון גייענדיק — איך האָב נעכטן געדאַוונט מעריב אין בית־מדרש און מכניס־אורח געווען אַן אָרעמען ייִדן.

אַלטער דער טויבער האָט אַ הייב געטאָן די גרויסע שוואַרצע ברעמען איבער די אויגן, זיַין באַוואָקסן פּנים האָט זיך ווי אַ צעצי געטאָן, ער האָט אַ שאַר געטאָן די האַנט איבער דער גרויסער צעקודלעטער שוואַרצער באָרד:

— דו האָסט גענומען דעם אורח צו דיר אויף וועטשערע? אין האָב ניט געהאַט אַוו אים צו נעמען... מיַין שיינע־יענטע האָט מיך איבער־געלאָזן אַליין... פאַרפאַלן, ס׳האָט דיר געקומט...

צאַלקע דער וואַלד־סוחר

ביי צאַלעקן צו גיין פון איין שטעטל אין דעם צווייטן, פון איין דאָרף אין אַן אַנדערן, צען־פופצן וויאָרסט, איז אַ שפּאַצירגאַנג. ער האָט גאָרניט ליב צו פאָרן. ערשטנס, טענהט ער, האָט ער פיינט פורמאַנעס, אמת, נישט אַלע פורמאַנעס. אָט איז שמחה אַ בעל־עגלה און איז זייער אַ פיינער ייִד. אָבער די מערסטע פורמאַנעס — ווייסט איר דאָך וואָס זיי זיינען. איך וויל גאָרניט איבעררײדן... און צווייטנס — גיבן זיי דיך אַ זעץ אַוועק לעבן אַן אשת־איש און דו זיצסט ווי איינגעקלעמט אין שטריק. קענסט זיך ניט רירן, ווייל ווו דו זאָלסט זיך ניט דרייען טאַפּסטו זי אַלע מאָל אָן. איך האָב טאַקע ניט קיין ווייב — אָבער קיין פרעמדע דאַרף איך ניט.

אַ פורמאַן זאָגט דיר אַז ער וועט אַרויספאָרן זעקס אין דער פרי — זאָלסט ניט גלייבן, הלוואי פאָרט ער אַרויס אַכט. אַ ביסל פאַרשלאָפט ער אַליין, דערנאָך הייבט זיך אָן אַ וואָרטעניש אויף די פּאַסאַזשירן, איינעם דאַרף מען פאָרן צום ווינטמיל נעמען, אַ צווייטן דאַרף מען ערשט אָפּזוכן, ווייל ער האָט אָנגעזאָגט נאָך נעכטן מען זאָל למען־השם ניט אַוועקפאָרן אָן אים... עס ווערט מיאוס און מאוס ביז דער וואָגן רירט זיך אין וועג. דערווייל באַווייזט זיך ראַכטשע די קרעמערקע מיטן רויטן פּנים. צייט ס׳איז געשטאָרבן איר מאַן, דער שיכור, פּוצט זי זיך ווי אַ פּאַניענקע. זי פרעגט גאָרניט ביי משה מאַזורן ווו זיך צו זעצן. זי גיט זיך אַ הייב אויפן וואָגן ווי אַ באַטשאַן און זעצט זיך גראָדע לעבן מיר. איך שאַר זיך אָפּ און זי רוקט זיך צו. ווינטער איז איר קאַלט און זומער איז איר הייס ווי אַ פייער. פון דער צווייטער זייט גיט זיך מיר אַ זעץ חיים פּופּ מיטן ברייטן געזעס. איך בין זיי מוחל, איך וויל בעסער צוגיין צו פוס. ס׳איז דאָך אַ פאַרגעניגן אויפן פרימאָרגן מאַכן אַ שפּאַציר. דו גייסט און דו הערסט ווי די פייגעלעך זאָגן שירה, גייסט און זינגסט זיך „עץ חיים למחזיקים בה". וואָס דאַרף מען פאָרן? ווען ער זאָגט, אַז ער וועט

אַרויסגיין זעקס — איז ער שוין זעקס אויפן בית־עולם, ווײַט הינטערן שטעטל.

צאַלקע קויפט אָפּ שטיקער וואַלד בײַ די פּריצים, שנײַדט אויס דיביימער, שלעפּט אַרויס די טיפע וואָרצלען פון דער ערד און פאַרקויפט די אָפּגערייניקטע פעלדער צו די פּויערים. דאָס אָפּרייניקן די פעלדער און ציִען די וואָרצלען איז ניט קיין לײַכטע אַרבעט. קודם גראָבט מען אונטער די ערד אַרום די וואָרצלען, מען בינדט זיי אַרום מיט גראָבע שטריק, מען שפּאַנט אײַן פערד צו די שטריק, זיי גיבן אַ שלעפּ דעם וואָרצל — אַ מאָל רײַסן זיי אים אַרויס און אַ מאָל איז דער וואָרצל אַזוי טיף און אַזוי שטאַרק אַז ער שלעפּט די פערד צוריק...

די פּויערים צאָלן אָפּ פאַר די ערדטיילן מיט דעם שניט. נאָר דער שניט איז ניט אַלע מאָל ווי דער מענטש האָפט, און ניט ווי ער וויל — נאָר ווי דאָס וועטער וויל. משפּט זיך צאַלקע מיט די פּויערים, ער שלעפּט זיי אין געריכט. יעדע וואָך האָט ער אַ פּאָר סודן אין שטעטלשן געריכט און אַ פּאָר אין קרײַזגעריכט. צאַלקע לויפט מיטן זעלבן גרויען אָפּגעקראָכענעם רעגן־מאַנטל זומער און ווינטער צו די פּויערים אין די דערפער מאָנען זייערע אײַנצאָלונגען.

צאַלקע איז זייער אָפּגעהיט מיט כשרות. פאַרן גערדאַנק „טריף" ציטערט ער אויף. ער עסט ניט און טרינקט ניט אין קיין פּויערישער כּלי. ער טרינקט ניט קיין מילך פון פּויערשן געמעלק. מען דאַרף מעלקן אין זײַן אָנוועזנהייט און אין זײַן כּלי — אַ בלעכן קווערטל וואָס ער טראָגט שטענדיק מיט זיך. צאַלקע טראָגט מיט זיך זײַן אייגן ברויט, אַזוי טרוקן אַז מען דאַרף דאָס נעצן מיט וואַרעם וואַסער... אַז מען הייצט בײַ אַ פּויער אין אויוון לייגט ער אַרײַן צוויי אייער אין אַש און באַקט זיי אָפּ.

צאַלקע איז דעם טאַטנס אַ חבר פון חדר.

פון די בלאָטיקע וואַלדפלעצער קען מען דאָס האָלץ אַרויספירן נאָר אין ווינטער ווען די בלאָטעס אין די וועלדער ווערן פאַרפרוירן. צאַלקע ווייסט, אַז זײַן אַלטן חבר איטשען גייט ניט גוט אין דער אַכסניה, וויל ער אים העלפן... ער קומט צו לויפן אַ דאָנערשטיק, אין אַ קאַלטן פּראָסטיקן פאַרטאָג און דערציילט ר' יצחקן אַז ער גייט שיקן צוואַנציק פורן אַרויס־

צופירן האָלץ פון וואַלד, ער וואָלט געוואָלט אַז יצחקס זון זאָל מיטפאָרן. ער וועט אים באַדאַנקען פאַר דער טירחה. מען קען די גויים אַליין ניט לאָזן...

יצחקן לויפט דורך אַ געדאַנק: „ווער ווייס ווען צאָלקע וועט באַצאָלן פאַר דער טירחה... צו באַצאָלן האָט ער אַ שוואַכן זכרון". ער קען אָבער זיין חבר פון חדר ניט אָפּזאָגן.

ס'איז אַ פּראַסטיקער פרימאָרגן אין חודש שבט. דער מאַמען איז ניט געפעלן דער געדאַנק צו שיקן ישראליקן, איר זיבעצן־יאָריקן זון, אין אַזאַ קאַלטן פרימאָרגן אין וואַלד, נאָר זי שווייַגט און ישראליק פאָרט אַרויס מיט די פורמאַנעס אין וואַלד.

דאָס האָלץ — לאַנגע, דיקע, שווערע קלעצער — לייגט מען צו פיר אויף אַ וואָגן. אַלע העלפן אָנלאָדן. ווען ס'בלייַבן בלויז עטלעכע וועגענער צו פאַרענדיקן הייבט אָן שנייען: עס פאַלן עפּעס אַזעלכע שטיקער שניי און מען זעט ניט קיין הימל, נאָר שניי... די שנייִקע ווייַסקייט פאַר־בלענדט די אויגן. נאָר די קאָרע פון די שטאַמען איז גרוי. די געלאָדענע וועגענער זייַנען פאַרדעקט מיט ווייַסע צודעקן, און כאָטש זיי זייַנען בלאַנק־ווייַס, קוקן זיי אויס אומהיימלעך...

דער וועג איז פאַרשנייט. די שפּסענע פעלצן וואָס די פורמאַנעס טראָגן זייַנען ווייַס. דער מאַנטל וואָס ישראליק טראָגט איז ווייַס, נאָר די פּנימער זייַנען רויט און נאַס פון צעגאַנגענעם שניי. מען ענדיקט אָנלאָדן די וועגענער. די פאַרשנייטע פערד זייַנען אומרויִק פון קעלט און נעץ. מען הייבט אָן פאָרן. די פערד קענען ניט גיין, דער שניי גרייכט ביז זייערע קני און עס שנייט ווייַטער. די פויערים זייַנען זיך מיישב וואָס מען קען טאָן. ווען מען קען אַרויספאָרן פון וואַלד — טראַכטן זיי — אויפן וועג אויסערן וואַלד האָט אפשר ניט אָנגעשנייט אַזוי פיל. אויפן פרייַען פעלד יאָגט אַראָפּ דער ווינט דעם שניי פון וועג, נאָר ס'איז נאָך ווייַט צום וועג...

ישראליק פילט ווי די קעלט רייַסט זיך אַרייַן אין זייַן גוף. ס'איז אים שווער צו אָטעמען. די קעלט און די נעץ שטיקן. ער פאָרט מיט אַלשעווסקין אין אַ ליידיקן וואָגן. אַלשעווסקי פירט אָן מיטן „אַטריאַד". עס קלאַפּן

ישראליקן די ציין אין מויל. אַלשעווסקי דעקט אים איַין מיטן קאַלטן פאַרשנייטן שניק. ער לייגט אים אַרום מיט זעק... נאָר אַלץ איז נאָס און אַלץ איז קאַלט. ישראליק טראַכט וועגן דער מאַמען. ער ווייסט אַז די מאַמע קוקט אַרויס דורכן פאַרפראָרענעם פענצטער ווי ס׳שיט דער שניי און ס׳גיסן זיך טרערן פון אירע אויגן. „פאַר וואָס האָט זי מיר געלאָזן פאָרן אין אַזאַ פראָסטיקן טאָג?״.

אַז זיי זײַנען, נאָך אַ ביטערן ווינטערטאָג, אויסגעפראָרענע אָנגע־קומען פאַר פינצטער אין שטעטל, איז די מאַמע געשטאַנען בײַם פענצטער און געוויינט. דער טאַטע האָט אויפגעהויבן די אויגן פון ספר און שטיל געשעפטשעט: „גאָט צו דאַנקען! גאָט צו דאַנקען!״.

איטשע שטומאַק

די טרוקענע אויסגעקראַכענע פעל, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף עטלעכע אויסגעשטאַרטשעטע ביינער, איז אין אַ פּראַקטיקן זונטיק אַנידער־געפאַלן און זיך מער ניט געקענט אויפהייבן. דער פערד האָט אויסגעצויגן די פיס דווקא בײַם פּרעראַמב, ווען זײַן באַלעבאָס — איטשע שטומאַק — איז געשטאַנען און געשעפּט וואַסער אין טון אַרײַן, אויף צו צעפירן פאַר די באַלעבאַטים פון שטעטל.

ער איז געבליבן שטיין מיטן ליידיקן עמער אין האַנט און געטראַכט:

— אַ נאַרישע בהמה, אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט און ניט פאַרזוכט קיין ביסל סיעטשקע וואָס כ'האָב איר געגעבן. וואָלסטו אָבער געגעסן, וואָלסטו ניט געהאַט אַזאַ בייזן סוף — און אויב שוין יע אַנידערגעפאַלן, האָסטו דאָך געקענט פגרן בײַ דיר אין שטאַל און ניט קומען אַהער צום פּרעראַמב מיטן שליטן און פאַס. ווער וועט זיי איצט שלעפּן אויפן באַרג אין שטאָט אַרײַן?

איטשע האָט אויסגעטאָן דעם נאַסן פאַרפראָרענעם זאַק, וואָס ער האָט געטראָגן איבער די אָפּגעריסענע לאַטעס פון די הויזן, אים אַרויפגעוואָרפן אויפן לאָך פון דער האַלב־פולער טון און זיך פאַרקוקט אויף דער חיה.

— פאַר דיר האָב איך שוין ניט וואָס צו זאָרגן... דו ביסט שוין דײַן וועלט אָפּגעקומען. אָבער וואָס וועל א י ך איצטער טאָן? האָסט מיך איבערגעלאָזן מיט פינף יתומים, און איך איטשע שטומאַק אַ זעקסטער. אַז ווויל איז צו מײַן חיה־שׂרהן, וואָס זי האָט דאָס ניט דערלעבט...

דערזעען אַז דער פערד ליגט מיטן כאָמאָנט אויפן האַלדז, איז אים אײַנגעפאַלן אַז אפשר שטיקט דאָס אים... איז ער צוגעגאַנגען, זיך אײַנגעבויגן, אָפּגעבונדן און געפּרוווט אויסטאָן דעם כאָמאָנט.

— ליג כאָטש גוט... האָט ער צו זיך געטראַכט, — ביסט דאָס בײַ מיר ווערט. פיר יאָר האָסטו מיט מיר געשלעפּט וואַסער. נאָך אַ פּאָר יאָר, ווען דו וואַרטסט אויף, וואָלט שוין הענעכקע אָנגעהויבן פאַרדינען בײַ שמואל

דעם שנײַדער, אין גאַנצן לערנט ער זיך איצט צוויי יאָר, נו וואָס קען ער אים געבן?

— אַ טײַער קינד העגעכקע — איז איטשען אַדורך אַ וואַרעמקייט איבערן לײַב. און ישׂשכרל, אַזאַ קלוג קינד, ער קען דאָך שוין דעם גאַנצן דאַוונען אויף אויסנווייניק, — ווען איך וואָלט ניט געווען קיין וואַסער־פירער, אַ וואָלט איך... שוין! איך בין דאָך שוין ניט קיין וואַסער־פירער... אָן אַ פערד, מיטן שליטן אַליין — וואָס וועל איך פירן?.. — וואָס וועל איך פירן? האָט ער אָנגעהויבן אויף זײַן פאַרהיקעוועטן לשון זיך אויסצוטענהן. אַ רוגזה איז אין אים אַרײַן. ער האָט זיך צוגערוקט צו דער פגירה, געקוקט אויף איר מיט שׂנאה — טראָגן וואַסער! אויפן קאַרק, מיט אַ פּאָר אָסעלקעס, אַרויף אויפן באַרג — אַזוי ווי שלמה בהמה... ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום באַרג אַרויף, זיך פאַרטראַכט, און גרויסע טרערן האָבן באַנעצט זײַן פאַרפראָרן, קאַלט, שטום פּנים.

*

— מ׳דאַרף אָנזאָגן דעם ראַקער, מ׳קען דאָך דאָ בײַם פּרעראַמב ניט לאָזן ליגן קיין פגירה, — האָט איטשע שטומאַק געטראַכט. ער האָט פאַרצויגן דעם שטריק וואָס האָט אָנגעהאַלטן די הויזן, באַטראַכט דעם שליטן מיט דער טון און אָנגעהויבן גיין באַרג־אַרויף. אויפן שפּיץ באַרג האָט זיך באַוויזן חצקל דעם וואַסער־פירערס שליטן. דער גרויסער בלינדער פערד האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי ער וואָלט טאַפּן אין דער פינצטער, ער הייבט אויף אַ פוס — און האַלט אים לאַנג אין דער לופטן — ביז ער שטעלט אים פאַמעלעך אַראָפּ, אויף אַ זיכערן אָרט, ס׳זאָל ניט זײַן קיין געפאַר פאַר זײַן גרויסן פערדישן גוף.

ער קען שוין דעם באַרג־אַראָפּ גוט, ניט איין מאָל איז ער דאָ שוין געפאַלן און זיך צעהאַקט זײַנע אַלטע ביינער, הײַנט האַלט שוין ניט חצקל דער וואַסער־פירער די לייצעס, ער פאַרלאָזט זיך אין גאַנצן אויף זײַן בלינדן פערד, אַז ס׳קומט צום ראָוו פאַרקירעוועט ער זיך אַליין אויף רעכטס. קיינעם וועט ניט אײַנפאַלן, אַז דער פערד איז בלינד. ס׳איז גאָרניט פאַר קיין פערדישן שׂכל. דערפאַר האָט טאַקע חצקל ליב זײַן

פערד, ווען ער פירט די פעסער וואַסער באַרג־אַרויף און ציילט אויס וויפל ער האָט שוין היינט פאַרדינט. איצט וועט ער פירן פאַר מיר מיט דער ווייַב און קינדער. פריִער פאָרן פערד — זאָגט שטענדיק חצקל — דערנאָך פאַר זיך.

חצקל האָט שטאַרק פיינט, אַז מ׳זאָגט אים „דיין בלינדער פערד גייט גוט״, ס׳מעג זיין דער בעסטער קונה, דער פיינסטער בעל־הבית, ער ווערט אין כּעס און ענטפערט גאַנץ בייז.

— וואָס אַרט אייַך, אַז דער פערד איז אַ בלינדער, ס׳פעלט אייַך אויס וואַסער? אַוודאי גייט ער גוט, ווען מען גיט אייַך אַזוי צום עסן און מען היט אייַך אַזוי אָפּ ווי איך מיין פערד, וואָלט איר אויך געגאַנגען גוט...

די מערסטע בעלי־בתים אַרט דאָס ניט, זיי ווייסן, אַז חצקל האָט שטאַרק ליב זיין בהמה, אַנדערע ווערן אין כּעס און גיבן אַ בורטשע:

— שווייַג, דו גראָבער יונג, דו מיינסט, אַז דו ביסט איין חתן אויפן יריד, איטשע שטומאַק גיט פולערע עמערס ווי דו, און שלמה בהמה בעט זיך מ׳זאָל נעמען ביי אים אַ פּאָר עמערס...

חצקל לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און שווייַגט, ער וויל זיך ניט אייַנרייַסן מיט קיין קונה, מען דאַרף אַ מאָל פאַרשווייַגן אויך. פון דעם פערדס כּבוד לאָזט ער גאַרניט אָפּ, אָבער פאַר זיין אייגענעם כּבוד אַרט אים ניט.

חצקל האָט פון שפּיץ באַרג דערזען, אַז איטשע שטומאַקס פערד און שליטן שטייען לעבן פּרעראַמב. אָבער דער פערד ליגט דאָך. וואָס איז דאָרטן געשען? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט, און אַ קוק טוענדיק צום טייַך זיך אַליין געענטפערט:

— אויסגעצויגן די פיס... וואָס וועט ער איצט טאָן איטשע שטומאַק מיט פינף יתומים?

אַ רחמנות, נעבעך. אַ צער אויף אָט דעם שטומאַק. ער האָט אַ רוק געטאָן דאָס צעריסענע באַראַשקענע היטל אויף אַרויף, און מיט דער האַנט אַ שאַר געטאָן איבער דער באָרד, וואָס איז אין מיטן געוועזן שוואַרץ ווי קויל און ביי די זייטן גרוילעך. — ניט געהאַט דער רבונו־של־עולם וועמענס פערד אָוועקצוהרגענען, האָט ער אויסגעקליבן איטשע דעם שטו־מאַקס... ער האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין מיט רוגזה. — אַז ער

פלעגט אים ניט געבן עסן, ווי קען אַ פערד שלעפּן אַ גאַנצן טאָג בעטשקעס וואַסער באַרג־אַרויף, מיט הוילע סיעטשקע? חצקל האָט דערפילט אַ נקמה — גוט אַזוי! זאָל ער וויסן... און זיך באַלד צוריקגעכאַפּט, אַז ער איז ניט גערעכט; וואָס האָט איטשע שטומאַק געקענט טאָן? מ׳דאַרף געבן עסן אַ משפּחה פון זאַלבע־זיבעט. אַז ווייל איז צו זײַן חיה־שׂרהן וואָס זי האָט דאָס ניט דערלעבט, אַזאַ אומגליק, זיי וועלן דאָך אויסגיין פון הונ־גער, וועלן זיי...

און ווי ער וואָלט פּלוצלינג געפאַלן אויפן שׂכל ווער ס׳איז דער אמתער שולדיקער, האָט ער אָנגעהויבן צו זיך אַליין רעדן אויפן קול:

— וואָס איז שולדיק איטשע שטומאַק? וואָס בין איך שולדיק? פון מײַנעטוועגן וואָלט זײַן פערד געלעבט הונדערט מיט צוואַנציק יאָר. שולדיק זײַנען די בעלי־בתים, פיר זיי וואַסער אין גרעסטן פראָסט, אין אַ זאַווע־רוכע, אין רעגן, ליג אויפן אײַז און עפּן דעם פרעראַמב פאַר דרײַ גראָשן אַ פאָר... מיט וואָס וועסטו עסן? מיט וואָס וועסטו געבן עסן דעם פערד?

— דאָס בלאָס־באַוואָקסן פּנים איז געוואָרן רויט, ווי ער וואָלט זיך אָנ־געצונדן.

איטשע שטומאַק איז אָנגעקומען אָנטקעגן, ער האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ ניט צו זען אים. אַ פאַרשעמטער, האָט אים שטאַרק פאַרקלעמט בײַם האַרצן און ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרסאַפּעטער.

— גוט־מאָרגן! — זאָגט אים חצקל און קוקט אויף אים.

איטשע שאָקלט מיטן קאָפּ און ווײַזט מיט דער האַנט אויפן טײַך:

— געפאַלן — זאָגט ער צו חצקלען, אויף זײַן פאַרהיקעוועטן לשון. פאַרפאַלן, כ׳וועל גיין אָנזאָגן דעם ראַקער, פאַרפאַלן... — ער האָט זיך צוגערוקט נאָענט צום פערד און מיט די אײַנגעקרימטע פינגער פון זײַן פאַרשוואָלן אָנגעפאַרענער האַנט געגלעט איבער דער פּײַכטער גראָבער פעל — ווי מען גלעט אַ טײַערן חפץ - - אַ ליבע זאַך... גרויסע טראָפּנס טרערן האָבן זיך באַוויזן אויף זײַנע באַקן...

חצקל דער וואַסער־פירער האָט זיך אויפגעשטעלט פון קעלניע:

— אַוווּ וועסטו גיין צום ראַקער? צו פוס? קום אַרויף אויפן שליטן! כ׳וועל דיר אָוועקפירן.

— ניין! ר׳ חצקל, איר דאַרפט דאָך פירן וואַסער, פאַר מײַנע קונים אויך...

— זאָלן זיי אַליין טראָגן... פירן וואַסער פאַר דרײַ גראָשן אַ פאָר... זאָלן זיי אַליין טראָגן! — קום אַרויף! האָט חצקל צו אים אַ געשריי געטאָן — פינף גראָשן! אַז ניט פיר איך ניט.

— ר׳ חצקל, איר זענט גערעכט. פינף גראָשן אַ פאָר, אַז ניט דאַרפט איר ניט פירן, איצט קענט איר דאָס אויספירן, איר זענט אַליין...

— איצט און שפּעטער — ביסט אַ נאַר — דו וועסט אויך פירן וואַסער... אָבער פינף גראָשן פאַר אַ פאָר, אַז ניט פירן מיר ניט.

— איטשע — האָט חצקל צו אים אַ געשריי געטאָן — מאָרגן איז מאָנטיק, אַ מאַרקטאָג, מאָרגן וועסטו קויפן אַ פערד, נאָר קויפן אַ גוטן, איך וועל דיר באָרגן צוואַנציק רובל וואָס איך האָב, וועסט מיר אָפּצאָלן, מיט פינף גראָשן אַ פאָר וועט שוין זײַן צום אָפּגעבן אַ גמילת־חסד אויך...

*

איבערן שטעטל האָט זיך צעטראָגן די אומעטיקע בשׂורה, אַז איטשע שטומאַקס פערד איז געפאַלן.

די באַלעבאָסטעס האָבן אָנגעהויבן אַרײַנקוקן אין די סטאַוניעס, זען ווי האַלט דאָס מיטן וואַסער. איטשע שטומאַקס קונים זײַנען געוואָרן גאָר צעשראָקן, און אָנגעהויבן קלערן וואָס מען וועט טאָן. חצקל דעם וואַסער־פירערס קונים זײַנען געוואָרן רויִק, זיכער בײַ זיך, „ער וועט אָפּהיטן זײַנע קונדן... נישקשה״ — האָבן זיי געקלערט.

חיה־צירל, די בעקערקע, האָט דערהערט פון דעם אומגליק, האָט זי פאַרבראָכן מיט די הענט און אַרויסגעלאָפן פון אונטערן טובאַנק אויפן הילצערנעם שמאָלן בריקעלע, אפשר וועט זי זען חצקלען און מיט אים רעדן, מ׳קען דאָך קיין בעקערײַ אָן קיין וואַסער ניט לאָזן — האָט זי געטראַכט פאַר זיך — מילא, מ׳וועט שוין מוזן געבן אַ צוויי גילדן צו־שטײַער אויף צו קויפן דעם שטומאַק אַ פערד, ס׳איז דען דאָס ערשטע מאָל ?...

*

חצקל איז אַרויס גאַנץ פריי אויפן מאַרק. איטשע איז שוין געשטאַנען און זיך אַרומגעקוקט אויף די צוגעבונדענע פערד צו די פאַרענטשניעס.

— גוט־מאָרגן, ר׳ חצקל! איר זעט, אָט דער סוס איז מיר געפעלן, נאָר דברט ניט גאָרניט... זאָל ער אונטערשטיין... ס׳איז נאָך צו פרי, ער וועט זיך פאַררייסן און בעטן טייער...

— איטשע! קום אַהער! אָט די חיה זעסטו? אָט דאָס איז אַ פערד פאַר אַ וואַסער־פירער... זע פיס, זע פלייצעס, זע אַ פיערש, (אַ ברוסט) אָט דאָס דאַרפסטו! דאַרפסט האָבן אויגן? וואָס אַרט דיך אַז ער איז אַ בלינדער, אַ פערד דאַרף ניט קיין אויגן, פיס דאַרף ער... כוח דאַרף ער... איטשע! וואָס אַרט דיך, פאָלגט מיר...

— אַז איר זאָגט, ר׳ חצקל, האָב איך דאָך גאָרניט וואָס צום קלערן, ווער וייס בעסער ווי איר וואָס אַ וואַסער־פירער דאַרף.

חצקל האָט זיך אַ טאַפּ געטאָן ביי דער קעשענע, וווּ עס זיינען געלעגן די צוואַנציק רובל.

— ווער מושווה, איטשע, און קום לאָמיר גיין אָנזאָגן די קונים, אַז פון היינט אָן קאָסט פינף גראָשן אַ פאַר, און זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה...

*

— נעם אים אָן פאַרן צום! האָט חצקל אַ געשריי געטאָן, אַזאַ חיה דאַרף מען קענען פירן...

דער גניאַדער גרויסער פערד האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי ער וואָלט זוכן אין דער פינצטער, געוואָלט וויסן ווער ס׳איז זיין נייער בעל־הבית. עפּעס איז אים דאָס לשון געוועזן פרעמד, און אַז איטשע שטומאַק האָט אַ ציי געטאָן דעם שטריק און פאַרהיקעוואַטע אַ געשריי געטאָן — נו אָ! קווּם! איז ער אים נאָכגעגאַנגען טראָט נאָך טראָט.

— קומט! ר׳ חצקל, לאָמיר גיין טרינקען לחיים, אַ גילדן האָב איך, ס׳איז דאָך עפּעס היינט „סימכי־טיירי״ (שמחת־תורה) ביי אונדז.

חיה־צירל די בעקערקע איז אַרויס אויפן הילצערנעם בריקל, דערזען איטשע שטומאַק פירט אַ גרויסן פערד, האָט איר אויפגעשיינט דאָס פנים.

— שוין, שוין, מירן שוין האָבן וואַסער, — גאָט צו דאַנקען — אָבער

ווו האָט ער דאָס פּאַטשאָפּעט די געלט צו קויפן אַזאַ פּערדזשיסקאַ — דער שטומאַק? אַבי ער קלאָגט, אַז די שטומאַקעלעך האָבן ניט וואָס צו עסן, אַזאַ שנאָרער ווי דאָס איז, ער׳ט מיר שוין געבן פּולע עמערס ביזן װערך, אַז ניט וועט ער שוין פירן וואַסער פאַר חצקל משהקעס (דער איינציקער ייִד וואָס האָט געהאַט אַן אייגענעם פּלאָמפּ אין גאַנצן שטעטל).

מיט שווערע טריט האָבן אַלע דרײַ זיך דערנענטערט צום בריקל. איטשע איז געגאַנגען דער ערשטער און געצויגן דעם פערד מיט אַ גראָבן ניַיעם שטריק וואָס איז באַכגעהאָנגען פון ציימל. בײַ דער זײַט, צווישן איטשען און דעם פערד, איז געגאַנגען חצקל דער וואַסער־פירער.

— מיר קומען אײַך זאָגן — האָט גערעדט חצקל — חיה־צירל איז געבליבן שטיין אַ צעשראָקענע, זי האָט דערפילט אַז מען קומט איר עפּעס אָנזאָגן אָדער בעטן — אַז פון היַינט אָן, קאָסט פינף גראָשן אַ פּאָר און איר...

— הערט נאָר אַ חתונה! פּלוצלינג פון דער העלער הויט — פינף גראָשן אַ פּאָר, מיט דרײַ גראָשן האָט ער אויך געהאַט צו קויפן אַזאַ פּערדזשיסקאַ, וויל ער נאָך פּינעף. זי האָט אָנגעוויזן אויף איטשען, באַלד וועל איך אים אָנשטאָפּן פינף גראָשן פּאַר אַ פּאָר: עס איז דאָך ניט געהערט געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט, איכינישט באַקן, אי כי נישט באַקן... קאָם וואָס מען באַצאָלט פאַרן זעקל מעל, גיב זיי פינף גראָשן פּאַר אַ פּאָר וואַסער!

דער אָטעם האָט זיך איר פאַרהאַקט פון די הויכע רייד און זי איז געבליבן שטיל. פון אונטער דער צעעפנטער וואַטאָווקע האָבן זיך האַסטיק געהויבן די אײַנגעפאַלענע בריסט וואָס האָבן אויסגעקאָרמעט אַ האַלבן טוץ קינדער. איר פּנים האָט געפלאַמט, זי האָט געביטן פון איין אָרט אויפן צווייטן די גראָבע טוכענע פּאַפּוטשעס, וואָס זי האָט געטראָגן אויף אירע פיס, אירע אויגן זײַנען געלאָפן פון איינעם אויפן צווייטן, אויפן דריטן... וואָס וועלן זיי טאָן? — האָט זי געקלערט.

איטשע שטומאַק האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו חצקלען, מיט די אויגן האָט ער בײַ אים געפרעגט: — נו, וואָס טוען מיר?

חצקל האָט זיך צוגערוקט נענטער צום בריקל און מיט אַ קלאָרער שטים אַ זאָג געטאָן:

— ווער איר אַליין אײַך פירן וואַסער, חיה־צירל! אַ גוטן טאָג!

חיה־צירל האָט אָנגעשפּיצט אירע גראָע צעשוווּמענע אויגן אויף איטשע דעם שטומאַק...

איטשע האָט אַ צי געטאָן דאָס ציימל — קקוום! האָט ער אַ זאָג געטאָן צום פערד, חצקל איז זיי נאָכגעגאַנגען.

— גזלנים — איר לאָזט מיך אָן וואַסער — אין אַ מיטן העלן מאַנטיק, קומט אַהער! — קומט אַהער! איכ׳ל געבן פיר גראָשן... איז גוט?

איטשע מיטן פערד זײַנען געבליבן שטיין. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו חצקלען, אויף אים געקוקט און געוואַרט וואָס ער וועט הייסן טאָן.

— פינף גראָשן, פאַר אַלע גלײַך, פאַר דיאָדי דעם בעקער, פאַר פעשי דער בעקערקע, פאַר אַלע גלײַך, פאַר דער גאַנצער שטאָט... האָט חצקל קלאָר גערעדט.

— טאָ ווען וועט איר שוין אָנהייבן פירן? אַ סוף זאָל דאָס נעמען, טאָ לאָזט מיט ניט אָן קיין וואַסער, — האָט חיה־צירל נאָכגיביק גערעדט...

— מיר וועלן באַדײַ פירן אַ גאַנצע נאַכט, עס וועט אײַך קיין וואַסער ניט פעלן.

— חצקל! האָט איטשע שטומאַק אַ פאַרהיקעטער אויסגעשריגן, — חצקל, אַ גילדן האָב איך, קומט לאָמיר מאַכן לחיים, סי דאַך געקומען משיחס צײַטן, אַז חיה־צירל גיט פינף גראָשן פאַר אַ פאַר — וועלן שוין אַלע צאָלן...

— סימכי טיירי חצקל! ווי איך בין אַ ייִד, סימכי טיירי...

דאָס הויז אויפֿן בערגל

רחל די שוחטקע איז געווען אַ גרויסע בעל־הביתטע. די קליינע שטוב ווו זי האָט געוווינט אין דעם צווייזײַטיק־הילצערנעם הויז בײַ שעפּסל דעם שוסטער, אַ שלאָפֿצימער, אַן עסצימער און אַ קיכל, האָט געבליאַסקעט. ניט ווי אַלע שכנות אירע האָט זי אָבער פֿײַנט געהאַט אַרויסצוקוקן דורך די פֿענצטער אין דרויסן אַרויס. ס׳פֿלעגט אָנפֿאַלן אויף איר אַ מורא אַז דאָס הויז, וואָס איז געשטאַנען בײַם ברעג פֿון בערגל, זאָל זיך חס־וחלילה ניט אַ בייג טאָן און זיך אַראָפּגליטשן אין טאָל אַרײַן... דער פּראָגט, דורך וואַנען מען פֿלעגט דורך דרײַ הילצערנע טרעפּלעך אַרײַנגיין אין פּירהויז, איז געשטאַנען אַזוי נאָענט צום באַרג־אַראָפּ, אַזוי ווי אויף משקולת, אָט זאָל נאָר אַ בלאָז טאָן אַ ווינט, אָדער זי זאָל זיך אָנשפּאַרן אָן פֿענצטער, און ס׳קען חלילה זיך איבערקערן דאָס גאַנצע הויז מיט איר צוזאַמען.

אַז ס׳פֿלעגט אָנהייבן צו רעגענען פֿלעגט רחל ווערן צעשראָקן און מורא האָבן בלײַבן אַליין אין שטוב. ס׳פֿלעגט איר גלײַך אײַנפֿאַלן אַז דער גוס רעגן קען אַראָפּשווענקען די ערד און אָוועקטראָגן דאָס הויז דורכן באַרג־אַראָפּ צום טײַך. און אַזוי טראַכטנדיק פֿלעגט זי אַדורכגיין די שמאָלע פּירהויז און עפֿענען די טיר צום בעל־הבית. זי פֿלעגט בלײַבן שטיין בײַ דער טיר און שווײַגן. איצט, ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן רעגענען, איז רחל אַרײַן צום בעל־הבית אין שטוב.

שעפּסל דער שוסטער איז געזעסן אויפֿן בענקעלע און מיט פֿאַרבײַסענע ליפּן פֿון אָנשטרענגונג פֿאַרצויגן אַ כאַלעווקע אויף דער קאָפּעטע און געוואָלט אויסגלײַכן דעם שפּיץ מיטן לינקן שוך און זיי מאַכן פֿאַר אַ גלײַכער פּאָר. ער ווייסט, אַז אַ פּאָר שטיוועלעטן פֿאַר בערל רודסקעס דאַרפֿן זײַן גוט געמאַכט, גוט איז נאָך ניט גענוג... אַלע פֿינף טעכטער וועלן דאָס באַטראַכטן מיט זייערע קאָסאָקע אייגעלעך און זאָגן מבינות...

ס׳האָט אויסגעקוקט אַז ס׳גייט אים ווינציק אָן וואָס ס׳גיסט אַ מבול

אין דרויסן און ס'האָט אים ווייניק וואָס געאַרט אַז דאָס גאַנצע הויז קען זיך נאָך אַראָפּרוקן צום טײַך... ער האָט זײַנע אויגן און געדאַנק אַרײַנ־געטאָן אין דעם שוך פּאַר בערל רודסקעס — אַ גוטער קונד, ס'זאָל אַ מאָל נישט ברענגען קיין עגמת־נפש...

ווי נאָר רחל די שוחטקע האָט געעפנט די טיר, האָט זיך שעפּסלס פּנים אַ בײַט געטאָן. די פּאַרדריקטע ליפּן האָבן נאָכגעלאָזט און דער שוך איז שיִער ניט אַרויסגעפאַלן פון זײַנע הענט, דער שטענדיקער געדאַנק וועגן בערל רודסקעס טעכטער איז צעשוווּמען.

שעפּסל האָט גלײַך דערקענט אויפן בלאַסן פּנים פון רחל דער שוחטקע אַז זי איז זייער צעשראָקן, אַז זי האָט מורא פאַרן גרויסן רעגן אַז ס'זאָל זיך חס־וחלילה ניט אַראָפּגליטשן דאָס הויז פון בערגל און זיך אַוועקטראָגן דורכן באַרג־אַראָפּ צו דער באַברע.

נאָך איידער זי האָט אים אַרויסגעזאָגט וואָס עס קלעמט איר האָט שוין שעפּסל איר פאַרלאָפן דעם וועג: „רחל", האָט ער איר מיט אַ ווייכער שטימע געזאָגט, „רחל, האָט ניט קיין מורא, דאָס הויז שטייט אויף אַ שטיי־נערנעם פונדאַמענט, טיף אין דער ערד. ניט דער רעגן, ניט קיין שטורעם און ניט דער טײַך קענען עס אַוועקטראָגן". ער האָט אויסגעצויגן זײַנע רייד זיי זאָלן גוט אַרײַנגיין אין די געדאַנקען פון רחל דער שוחטקע. געוווּסט האָט ער אָבער אַז מיט אַ סך יאָרן צוריק איז טאָקע דער טײַך דערגאַנגען ביז צו זײַן בערגל און מען האָט עטלעכע טעג ניט געקענט אַרויסגיין פון הויז.

באַרויִקט רחל די שוחטקע, האָט זיך טאָקע בײַ שעפּסלען גופא פאַרגנבעט אַ חשד...

— אַז איר זאָגט אַז ס'איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן, גיי איך שוין אַהיים. אַזאַ גוס רעגן... און הײַנט איז דאָנערשטיק. חיים פּאַנדערס דאַרף קומען נעמען מײַן יאַנקלען אין באַניע — הײַנט שעכט מען דאָך אויף שבת, און יאַנקל שלאָפט גאָר.

— זיצט אַ ווײַלע, רחל, ס'וועט באַלד אַריבערגיין — האָט שעפּסל מיט איידלקייט גערעדט צו דער שוחטקע און אַרײַנגעקוקט אין קיך צי זײַן ווײַב הערט ניט. עפּעס האָט ער געפילט אַ וואַרעמקייט צו דער הויכער,

געלאַסענער און ניט־באַרעדעוודיקער שוחטקע. ער האָט עס אָבער נאָר אַרויסגעוויזן אין זײַן ענדערן דעם לשון צו רחלען... עפּעס איז זי, רחל, געווען אין גאַנצן אַנדערש פון זײַן ווײַב מיט דעם גרויסן מויל... ער האָט אויף זײַן ווײַב געטראָגן אַ שווער האַרץ. שוין פינף־און־צוואַנציק יאָר נאָך דער חתונה און קיין קינד איז אַלץ נישטאָ.

אַז רחל איז צוריקגעקומען אין שטוב האָט זי דערהערט אַז יאַנקל קרעכצט זייער אין שלאָף. זי האָט אים ניט געוואָלט אויפוועקן. זי האָט זיך צוגערוקט נענטער צו דער סאָפּקע און זיך אײַנגעהערט. וואָס קרעכצט ער עפּעס, יאַנקל? — האָט זי צו זיך געטראַכט, אפשר חלומט זיך אים עפּעס.

יאַנקל דער שוחט האָט מיט אַ געשריי „אַן אָקס, אַן אָקס" זיך אויפגעריסן פון שלאָף און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפּקע.

— האָסט עפּעס געהערט, רחל?

— דו האָסט שטאַרק געקרעכצט.

— רחל! אַן אָקס, אַ ווײַסער מיט שוואַרצע לאַטעס, מיט גרויסע הערנער, אַ יונגער אָקס, האָט זיך מיר אַוועקגעשטעלט פּונקט אַנטקעגן... איך האָב שוין געהאַלטן דעם חלף... האָט ער אָנגעהויבן רעווען ווי אַ מענטש און אַרויס מיט ווערטער: „זאָלסט מיך ניט שעכטן, זאָלסט מיך ניט שעכטן! ס'איז נאָך ניט געקומען מײַן צײַט!"

— איך האָב געוואָלט צוריקגיין, איך האָב געוואָלט אַנטלויפן און ניט געקענט, און דער אָקס האָט זיך נאָך נענטער צוגערוקט צו מיר... האָב איך אָנגעהויבן שרײַען צו די קצבים, נאָר דו ווייסט דאָך וואָס די קצבים זײַנען, זיי האָבן זיך אויסגעלאַכט...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט אויפגעהערט צו רעגענען. חיים פּאַנדרעס, דער קצב, האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין פענצטער.

— קומט ר' יעקב, איך שטיי אויפן מיטן גאַס...

אויפן בערגל האָט מען ניט געקענט אַרויפפאָרן ווײַל ס'איז ניט געווען קיין פּלאַץ זיך צום אויסצוקירעווען. „קומט, שוחט, ס'וועט נאָך ווײַטער רעגענען. די קצבים וואַרטן".

יאַנקל האָט אַ קוק געטאָן אויף רחלען, געוואָלט זי עפּעס פרעגן און

ניט געפרעגט... אים איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: ס'איז שוין אַכט־און־צוואַנציק יאָר ווי ער איז אַ שוחט -- דאָס ערשטע מאָל ווי ס'חלומט זיך אים אָן אָקס מיט אַזעלכע טענות.

ער האָט געעפנט די טיר פון שטוב צום פירהויז, אַראָפּגעגאַנגען די דרײַ טרעפּלעך און נאָכגעגאַנגען חיים פּאַנדרעס, דעם קצב.

רחל איז געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטע: — אפשר האָב איך אים ניט געדאַרפט לאָזן פאָרן הײַנט שעכטן, אפשר איז ער ניט געזונט און אפשר איז דער אָקס אַ שד, אַ טײַוול...

זי האָט דערפילט ווי ס'ווערט איר שווערער, זי האָט געוואָלט פאַר־טרײַבן די געדאַנקען, נאָר זיי האָבן זיך ניט געלאָזט. זי האָט חתונה געהאַט מיט יאַנקלען נאָך איידער ער האָט געקראָגן סמיכה אויף שחיטה און קיין מאָל פון אים ניט געהערט אַזעלכע רייד. די הענט האָבן איר ניט געדינט. זי האָט ניט געקענט אַרײַנגיין אין קיך צוגרייטן וועטשערע.

פּלוצלינג האָט זי דערהערט ווי די הויזטיר עפנט זיך, באַלד — די שטובטיר, און יאַנקל דער שוחט איז אַרײַנגעקומען.

— אַז איך בין אָנגעקומען אין שעכטהויז זײַנען שוין די בהמות געלעגן געבונדענע, האָב איך זיי געשאָכטן און מיטן ערשטן קצב געקומען אַהיים. איך גיי זיך צולייגן אַ ביסל, ווײַל איך פיל מיך ניט גוט...

רחל האָט אים אָנגעקוקט און גלײַך באַמערקט אַז יאַנקל איז זייער בלאַס, אַז ס'טרייסלען זיך אים די הענט, קוים, וואָס ער שטייט אויף די פיס. ס'האָט איר אַ צי געטאָן צו פרעגן צי איינע פון די בהמות איז געווען פון זעלבן קאָליר ווי דער אָקס וואָס האָט זיך אים געחלומט, נאָר נאָך איידער זי האָט אים געפרעגט, וואָס ער, ווי ניט ווילנדיק, אַ בורטשע געטאָן:

— רחל, דו ווייסט גלייבן אַז איין אָקס פון דער שחיטה איז געווען אַ ווײַסער מיט שוואַרצע לאַטעס — פונקט ווי דער... — ער איז געבליבן שטיל.

— און דו האָסט אים געשאָכטן ?

— איך האָב זיך געכאַפּט אַז דאָס איז דער אָקס... נאָך דעם ווי איך האָב אים שוין אָפּגעשאָכטן...

ביידע זײַנען געשטאַנען אַ ווײַלע, בלאַסע, פאַרטראַכטע. שווײַגנדיקע.

יאַנקל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפקע. ער האָט גאָר פאַרגעסן אַז ס׳איז מנחה־צײַט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אויסגעצויגן, געלעגן און געטראַכט ביז ער איז אײַנגעשלאָפן.

רחל איז, מיט אַ שווערן געמיט, אַרײַן אין קיך צוגרייטן וועטשערע.

אַ בריוו

אַ פײַף האָט זיך געטראָגן פון דער אונטערשטער גאַסטיר, זיך געריסן אויף אַרויף, איבער די מאַרמאָרענע טרעפּ און זיך אָנגעשלאָגן אָן די הילצערנע ברוין־געפאַרבטע טירן פון די זעקס אַפּאַרטאַמענטן.

פינף טירן זײַנען געבליבן פאַרמאַכט, ווי זיי וואָלטן ניט הערן, ווי זיי וואָלטן ניט פילן דעם פײַף, ווי זיי וואָלטן אויף אים ניט וואַרטן. נאָר איינע, די ייִדישע טיר, האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט. אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, אַ הויך געוויקסיקער, מיט אַ קײַלעכדיקן ווײַסן פּנים, צעקודלטע טונקעלע האָר האָט אַרויסגעשטעלט דעם רעכטן פוס איבערן שוועל און געבליבן וואַרטן:

— אַ בריוו... פון וועמען? — מײַן טאַטע... פלעגט מיר אַ מאָל שרײַבן, מײַן מאַמע פלעגט צושרײַבן אַ פּאָר שורות... זייערע לעצטע בריוו ליגן אין דער אַלטער שאַפע, אין אונטערשטן שופלאַד...

זײַן פּנים האָט זיך אַ קאַרטשע געטאָן, פון טיפן ווייטיק און צער, די ווײַסקייט פון פּנים האָט זיך פאַרשאַטנט. ער האָט ווײַטער געטראַכט:

— דער איינציקער זכר! די עטלעכע פאַרגעלטע בריוו... ס׳ווערט מיר אַזוי קאַלט, אַזוי ענג אַז איך ריר אָן דעם שופלאַד. מיט עטלעכע טעג צוריק איז מיר אײַנגעפאַלן אויסצוזוכן מײַן חברס אַ ליד... מײַן חברס... שוין אַזוי פיל יאָרן אויס חבר... דאָס ליד איז שוין אַלט מער ווי דרײַסיק יאָר און מײַן חבר איז שוין ניטאָ מער ווי נײַן און צוואַנציק... איך האָב אַ צי געטאָן דעם שופלאַד, די צונויפגעקנייטשטע קאָנווערטן; די פאַר־שריבענע בייגעלעך האָבן זיך אַ ריר געטאָן, אַ שורשע געטאָן, ווי ס׳וואָלטן זיך צערודערט די סודות פון לעבנס, אַ קעלט האָט אַרומגענומען מײַן גאַנץ לײַב. מײַן טאַטנס, מײַן מאַמעס זכר ליגט אין די קאָנווערטן... איך האָב האַסטיק פאַרמאַכט דעם שופלאַד און זיך אָפּגערוקט.

אַ ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן דורך דער אָפענער טיר פון באַלקאָן. חיים האָט דערפילט ווי דער ווינט וואָלט אים אַרומגענומען, ווי ער וואָלט

גלעטן זײַן וואַרעמען קערפּער. אַ צווייטער פּײַף האָט איבערגעריסן דאָס געפּלעכט פון זײַן געדאַנק. דער בריוטרעגער האָט מיט אַ טרוקענער שטימע אַרויפגעשריגן:

— פּאַר חיימען..!

— פּאַר מיר ?.. אפשר פון מײַן איינציקן ברודער, ס׳קען זײַן! איך גיי! — האָט ער געענטפערט.

פּאַר זײַנע אויגן האָט אַ שוועב געטאָן זײַן ברודערס געשטאַלט, די הויכע ברייטפּלייציקע פיגור, דער רעכטער אַקסל נידעריקער. חיים האָט דעם בריוטרעגער אין גאַנצן ניט באַמערקט, נאָר די אויסגעשרעקטע האַנט האָט ער געזען, נאָר דעם דינעם רויט־בלויען קאָנווערט, וואָס פליט אויס אַ וועלט. די האַנטשריפט אויפן קאָנווערט האָט אים געמאַכט נאָך זיכערער: „ס׳איז טאַקע פון מײַן ברודער!‟ — האָט ער אַ קלער געטאָן.

חיים האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די טרעפּ און אַרויפגעשטעלט דעם פוס אויפן ערשטן טרעפּל. דער טרוקענער קאָנווערט האָט זיך אַ קנייטש געטאָן אין האַנט, די אותיות האָבן זיך אַ טראָג געטאָן אין דער לופטן. ער איז געבליבן שטיין מיט איין פוס אויפן ערשטן טרעפּל און מיט דער האַנט אָנגעשפּאַרט אָן דער פּאַרענטשבע. זײַן בליק האָט זיך צוגעקלעפּט צו אָן אויסגערייכערטן פּאַפּיראָס וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין ווינקל. ער האָט דערפילט צום אויסגעברענטן פּאַפּיראָס אַ טיפן מיטלײַד, ווי ס׳וואָלט עפּעס צו אים געהאַט אַ שײַכות, אָן ענלעכקייט, די אויסגעברענטקייט... די פאַרוואָרפנקייט... די נישטיקייט פון אַ זאַך וואָס איז געווען און ס׳וואַלגערט זיך איר זכר. דער פּאַפּיראָס איז אויסגעגאַנגען... באַלד וועט אימעצער קומען, פאַרקערן, פאַרשאַרן די ערד.

פּאַר זײַנע אויגן האָט אַ שוועב געטאָן דער גרויסער פאָדערשטער צימער פון זײַן היים. צווישן שאַפע און קאַכל־אויוון שטייט דאָס אײַזערנע בעטל מיט געמאָלענע לאַנדשאַפטן. דעם ברודערס לאַנגן גוף שלאָגט זיך אָן מיט די פיס אָן בלעכענעם אָנשפּאַר, ער רירט זיך ניט, ס׳באַוועגט זיך גאָר שווער זײַן ברוסטקאַסטן, ס׳הערט זיך נאָך דאָס שווערע כאָרכלדיקע אָטעמען דורכן אָפענעם מויל. די דיקע פיגור פון דער מאַמען איז אָנגעבויגן צום בעט, אירע הענט טרייסלען זיך פון שרעק, פון צער, פאַרן

לעבן פון איר זון, זי טראָגט אים צו אַן האַלב לײדיקע, אַן אויסגערונענע לעפעלע... וואָס האָט קוים באַנעצט זײַנע ליפּן:

— זאָל דיר זײַן צו רפואה, קינד מײַנס!

דער זון האָט געעפנט די אויגן, אַנגעקוקט די מאַמען, אַראָפּגעשלונגען די ברכות, און זיי צוריק פאַרמאַכט.

חיים האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, ער האָט פאַמעלעך געשטעלט די טריט — טרעפּ נאָך טרעפּ.

— די מאַמע האָט אים געראַטעוועט! — האָט חיים צו זיך אין דער שטיל גערעדט. ניט אָפּגעטראָטן פון זײַן בעט, אויסגעווײנט בײַם דײַטשן דאָקטער ער זאָל אים אָפּערירן אומזיסט. זי האָט אים געראַטעוועט.

חיים איז אַרײַן אין שטוב און פאַרמאַכט די אָפענע טיר. ער האָט זיך אַ זעץ געטאָן אויף דער סאָפע און אויפהייבנדיק די האַנט אַ פּיר געטאָן דעם בריוו נענטער צום פּנים. צווייפלען האָבן אים באַהערשט — „דאַכט זיך אַז ס'איז ניט מײַן ברודערס האַנטשריפט"! ער האָט אָפּגעלאָזט דעם בריוו ווי ער וואָלט וועלן פאַרטרײַבן פון זיך די ספקות. דער קאָפּ איז אים אַ פאַל געטאָן אַן אָנלען פון סאָפקע, די אויגן האָבן זיך פאַרקוקט אויפן הענגלאָמפּ. ס'האָט זיך געהערט דאָס דינע קלינגען פון די קרישטאָלענע גלעזלעך, וואָס האָבן זיך געהוידעט אַנקלאַפּנדיק זיך איינס אָן דעם אַנדערן. לאַנגזאַם האָבן זיך פאַרמאַכט די אויגן... עפּעס האָט ווי אַ שלעפּ געטאָן דעם דמיון צוריק אַהין... איבער דער בריק, איבערן לײמיקן וועג, צו דאָל־קער באַרג אַראָפּ, פאַרבײַ דעם בית־עולם. חיים האָט דערפילט זײַן ברודער לעבן זיך... מיר גייען, מיר שלעפּן די פאַרלײמיקטע שטיוול, איך באַגלייט אַרויס מײַן ברודער צום מאַכער... אַנטלויפן... ניט גיין דינען, אַנטלויפן פון דער שׂנאה, אַנטלויפן אין דער פרעמד... אַ גוס רעגן האָט אַ כליאָפּע געטאָן פון פינצטערן הימל. דורכגעווייקטע ביזן לײַב שלעפּן מיר זיך, אויסגעמאַטערטע פון צער און שרעק פאַר דער פינצטערניש. ס'איז נאַכט.

— גיב די האַנט! חיים... הערסט וואָס איך זאָג דיר? ווּהין גייסטו? וועסט אַרײַנפאַלן אין ראָוו! פאַל ניט!

דער ברודער האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַרן אָרבל. איך האָב זיך מיט די הענט אָנגעשפּאַרט אַן לײם און זיי אַרויסגעשלעפּט פאַרלײמיקטע...

דער ווינטיקער רעגן פּאַטשט אונדז אין די פּנימער און וואַשט דעם ליים פון די הענט. מיר שטעלן שווערע טריט. די פיס גליטשן זיך אין ליים.

— קום! קום! שרײַט מײַן ברודער, מיר דאַרפן דערגיין...

— איך קען ניט...

מײַנע וואַרעמע טרערן קילט אָפּ דער נאַכטיק־געדיכטער רעגן.

— קום! מען טאָר ניט בלײַבן שטיין — שרײַט מײַן ברודער צום רעגן, צו מײַנע טרערן — זע! טרעסטינער בית־עולם! — האָט מיין ברודער ווי מיך אויפגעוועקט — דאָ ליגט אונדזער זיידע...

די שטיוול קריכן אין דער ליימיקער בלאָטע און קלעפּן די פיס צו דער ערד. מיר גייען און גייען און ס'אַט זײַנען מיר נאָך אַ מאָל בײַם אָנהייב פון בית־עולם...

— מיר בלאָנדזשען — זאָגט מײַן ברודער — מען דאַרף גיין גלײַך לעבן פּאַרקאַן, צו דער ליכט וואָס שלאָגט...

לעבעדיקע מתים זײַנען מיר דערקראָכן צום שטעטל...

*

חיים האָט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, אַ ריס געטאָן דעם ווינקל פון קאָנווערט און גערעדט צו זיך אויפן קול: געלאָזן זיי אַליין, דעם טאַטן, די מאַמען, פּריִער ער... דערנאָך איך... באַשערט געווען זיך צו ראַטעווען.

פון דעם אויסגעגלײַכטן בייגעלע פּאַפּיר האָבן אַראָפּגערעדט שפּאַנישע ווערטער: „ליבער פעטער! איך וויל אײַך לאָזן וויסן אַז דעם מיטוואָך פאָר איך אָפּ מיט אַן איטאַליענישער שיף קיין ישׂראל... מײַן טאַטע איז אַלט, אָרעם און קראַנק, איך קען אים אָבער ניט העלפן... איך וועל ניט גיין דינען דעם דיקטאַטאָר צוויי יאָר...“

חיים האָט אַ וואָרף געטאָן מיט דער האַנט, דער בריוו איז געפאַלן צו דער ערד. ער האָט אַ שאַר געטאָן די צעקודלטע האָר אויפן קאָפּ און אַ ברום געטאָן: „באַצאָלט מיט דער זעלבער מטבע“.

— וואָס איז דיר חיים? — האָט דאָס ווײַב פון צווייטן צימער געפרעגט.

— גאָרניט! דעם ברודערס זון איז אַוועקגעפאָרן קיין ישׂראל...

— נו מילא — פון דאָרטן וועט מען שוין צוריק ניט פאָרן...

פאַרשידענע צײַטן

אַז ס׳פּלעגט אויסקומען צו פאָרן מיטן פור אין אַ צווייטער שטאָט, פּלעגט ר׳ יצחק באַלד אויסנעמען מיטן בעל־עגלה, אַז: אָדער ער וועט זיצן אויפן מיטלסטן געזעס אָדער אויפן הינטערשטן — אָבער אויפן סאַמע פאָדערשטן צוזאַמען מיטן פורמאַן פּאַרט ער ניט, אַלע בעלי־עגלות האָבן דאָס געוווּסט! און אַז ר׳ יצחק פּלעגט אַראָפּגיין פון באַן, פּלעגן זיי שוין אונטערשרײַען — ר׳ יצחק! איך האָב פאַר אײַך אַ מיטלסטן פּלאַץ — אַ הינטערשטן, ר׳ יצחק!

עפּעס האָט ר׳ יצחק געפילט אַן אינערלעכן ווידערגעפיל צו די לייצעס. צום פערד און וואָגן האָט ער גאָרניט געהאַט — וואָס קען מען צו זיי האָבן? אָבער אָנטרײַבן אַ פערד און וואָגן האָט אים אויסגעקוקט צו פּראָסט. ווער טרײַבט אָן אַ פערד? — אַ פורמאַן. ווער איז אַ פורמאַן? משה מאַזור, אַלטער פּלאַמטשיק, פּעלך דער רויטער. טאַקע אָרנטלעכע יידן, אָבער פּראָסטע לײַט. — פּלעגט ער זיך אַליין פאַרענטפערן זײַן ווידערגעפיל.

מײַן טאַטע — פּלעגט ער טראַכטן — האָט געהאַנדלט מיט וואַלד, געהאַלטן אַ הויף אין אַרענדע — נו, האָט ער אַ מאָל געטריבן אַליין אַ פערד? גאָט זאָל אָפּהיטן! ער האָט געוווּסט, אַז צו אַ פערד און וואָגן דאַרף מען אַ טרײַבער.

אַזוי האָט ר׳ יצחק אָפּגעלעבט כּמעט אַ לעבן. געהאַט אַ פאַבריק פון חזיר־האָר — און אַז די אַרבעטער זײַנען אין יאָר 1905 אַרײַנגעקומען אין אַ מיטן העלן מיטוואָך און געסטראַשעט מיט אַ האַק: — מיר וועלן אײַך אומברענגען! — האָבן זיי געשריגן — מיר וועלן מאַכן אַ סוף צו דער אונטערדריקונג — איז ר׳ יצחק געשטאַנען אַ צעשראָקענער מיט דער פּלייצע צו דער וואַנט און זיך געוווּנדערט: אָבער וואָס האָט איר צו מיר? אומזיסטע תּביעות — איך קום אײַך דען איין גראָשן? מען האָט בײַ מיר אַ מאָל געאַרבעט שבת? איך האָב זיך מיט אימעצן געקריגט? וואָס

ווילט איר, די פֿאַבריק? נעמט אײַך דעם שליסל און לאָזט מיך צו רו; וואָס הייסט, איר הייבט אויף מיר אַ האַק? און נאָך ווער: אַ ייִד אויף אַ ייִדן! די בערשטער האָבן זיך איבערגעקוקט. חיים מייטשוקס, דער אָנפירער פון די זאַבאַסטאָווטשיקעס האָט אַראָפּגעלאָזט די האַק, זיך פאַררויטלט און געזאָגט: „איר פאַרשטייט, ר׳ יצחק, מיר זײַנען דאָ ניט אויסן אײַך. וואָס מיר ווילן, איז: אַראָפּזועצן דעם צאַר: באַפרײַען רוסלאַנד ווילן מיר, אַ סוף מאַכן צו די פּאָגראָמען אויף ייִדן... מען זאָל אונדז לאָזן לעבן ווי מענטשן...״

בײַ די לעצטע ווערטער זײַנען אַלע געבליבן שטיל. אַן אומרויִקער ציטער איז אַדורך איבער אַלעמענס לײַבער. ר׳ יצחק האָט גוט פאַרשטאַנען וואָס זיי פאָדערן, און מיט אַן אָנגעשטרענגטן קול, ווי ער וואָלט עפּעס געזאָגט וואָס מען טאָר ניט, אַ בורטשע געטאָן: גייט קינדערלעך, מיט מיר האָט איר ניט וואָס זיך צו דינגען — הלוואַי זאָלט איר מצליח זײַן...

*

אין שטעטל האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען פון שטרײַקן, פון בונטן וואָס קומען פאָר אין אַ סך ווײַטע און נאָענטע געגנטן. אַרבעטער האָבן אומגעבראַכט זייערע בעלי־בתּים. פּאָליציי האָט געשאָסן און די שטרײַקער האָט מען אַרעסטירט, געשלאָגן. ר׳ יצחק פלעגט נאָכן דאַוונען, בײַם אַהיימגיין, זיך פאַרטראַכטן וועגן די אַלע זאַכן, אין די אויערן האָבן אים געקלונגען חיים מייטשוקס רייד — „אַ סוף מאַכן צו די פּאָגראָמען אויף ייִדן, מען זאָל אונדז לאָזן לעבן ווי מענטשן״..! אָבער דער שאַרף פון דער האַק וואָס ער האָט איבער אים אויפגעהויבן איז אים אַלץ געשטאַנען פאַר די אויגן, און ניט געלאָזט אים רוען. „זיי זײַנען גערעכט״, „זיי זײַנען גערעכט״, האָט ער געטראַכט, אָבער, בײַ מיר וועט מען שוין מער קיין חזיר־האָר ניט באַרשטן... זאָלן זיי זיך זוכן אימעצן אַנדערש אויף וועמען צו הייבן אַ האַק, „אַ סוף מאַכן צו די פּאָגראָמען״...

*

עס זײַנען אַוועק יאָרן, עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־

מלחמה. אויפן צעמענטענעם בריקל פון ווײַסן מויער, אַנטקעגן מאַרק, שטייט ר׳ יצחק און קוקט אין גאַס — קוקט אין דער וועלט אַרײַן... אַ בייזער אומעט ליגט אויסגעגאָסן איבערן שטעטל — מען זעט ניט קיין פור, מען זעט ניט קיין מענטשן. די לאָדנס און טירן פון בערלס שענק זײַנען פאַרמאַכט, פאַרקלאַפּט, ער איז שוין פון לאַנג אַנטלאָפן... אַלע לאָדנס זײַנען פאַרקלאַפּטע, אַזוי ניט ווי זעט מען אַן אָפענעם לאָדן. פון צווייטער זײַט מאַרק אינעם הויז פון נח שנײַדער עפנט זיך די טיר. נח גייט אַרויס, קוקט אַריבער צום בריקל, און לאָזט זיך גיין איבערן מאַרק. ער פאַררײַסט אַלע מאָל דעם קאָפּ צו הימל, זען צי ס׳פליִען ניט קיין עראָפּלאַנען... נעכטן אין דער זעלבער צײַט זײַנען זיי געפלויגן, איין באָמבע איז אַראָפּגעפאַלן אויפן אַפּטייק און אַראָפּגעהאַקט דעם גאַנצן דאַך, די צווייטע איז געפאַלן אין מיטן מאַרק. עס הערט זיך דער אָפּהילך פון אַ שיסערײַ. אויפרײַסן פון שטאַרקע באָמבעס, — ווײַט פאַר מײַלן...

— ווי געפעלט אײַך, ר׳ יצחק, אַזאַ אומגליק מען זאָל ניט קענען קריגן אַ שטיקל פור אויף צו אַנטלויפן כאָטש מיטן לעבן? איך קלער שוין גאָרניט וועגן עפּעס מיטנעמען. צוויי מאָל האָט מען שוין געשיקט אַנזאָגן פון דער וואַך איך זאָל אַרויספאָרן. איך האָב זיי געבעטן, זיי זאָלן מיר קריגן אַ שטיקל פור, איך וועל באַצאָלן וויפל מען וויל. אַזוי וועלן זיי איצט קריגן אַ פור...? אָפּגערעדט מיט דראָזדזשן. איך וועל דיר באַצאָלן וויפל דו ווילסט!.. אָפּגענייט פאַר אים אַ לעבן -- אַ גוטער גוי דער דראָזדזש! — האָט מורא פאַר זײַן אייגענעם לעבן. וואָס טוט מען, ר׳ יצחק? דאַכט זיך, מיר זײַנען דאָ די לעצטע... אויף אײַך איז מיר אַ וווּנדער... איר האָט שוין פון לאַנג געדאַרפט אַוועקפאָרן... מען וועט דאָ קיין גוטס ניט דערלעבן...

ר׳ יצחק איז געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער, אויסגעהערט נח דעם שנײַדער און געקלערט וועגן זיך אַליין, ער האָט אויך אָפּגערעדט מען זאָל אים קומען נעמען, מ׳קען זיך דען רײַסן, יעדערער וויל אַנטלויפן... ראַטעווען דאָס לעבן... אפשר וועט ער קומען, אויף קיין פורמאַן קען מען זיך צו פיל ניט פאַרלאָזן, נאָך אין אַזאַ צײַט. אין דרויסן איז געוואָרן טוּנקעלער... פאַרנאַכטיק. איבערן שטעטל איז געלעגן אַ שווערער אומעט,

פון דרום־זײַט האָט זיך דערנענטערט אַ גרויסע, דיקע, שוואַרצע כמאַרע, ווי זי וואָלט געהאָלפן גיכער פינצטער מאַכן, גיכער ברענגען די נאַכט. פון דער צווייטער זײַט, איבערן טײַך, האָבן זיך געזען גרויסע זײַלן שוואַרצער רויך. עס האָט זיך געהערט אַ שטאַרקער אויפרײַס גאָר פון דער נאָענט, פון טײַך האָט זיך אויפגעהויבן אַ וואַנט מיט וואַסער — אין דער לופטן האָבן זיך געטראָגן פײַערשניטן פון אויפגעריסענע באָמבעס. ר׳ יצחק איז געשטאַנען אויפן בריקל און נח דער שנײַדער איז געשטאַנען נעבן אים, ביידע האָבן אַרויסגעקוקט:

— ווען מ׳זאָל זיך געוועזן ריכטן אויף אַזאַ אומגליק, האָט מען געקענט אַליין האָבן אַ פערד און וואָגן...

פון ווײַטן — צום אַלטן מאַרק צו, האָבן זיך דערהערט טעמפּע קלעפּ פון רעדער איבערן ברוק און ביידע האָבן אין שרעק אַ טראַכט געטאָן — פאַר וועמען וועט דאָס זײַן?

באַלד האָט זיך דערהערט דער אָפּהילך פון עטלעכע וועגענער... ביידע זײַנען רויִקער געוואָרן — „ס׳פאָרן פורן, ר׳ יצחק, ס׳פאָרן אַ סך פורן”... האָט נח מיט צופרידנקייט אויסגעשריגן...

און אין גערויש פון די אָנפאָרנדיקע פורן זײַנען עפּעס ווי פאַרפלויגן געוואָרן, פאַרשלונגען געוואָרן, וועלדער, הײַזער און זײַן חזיר־האָר־פאַבריק. פאַרבליבן זײַנען בלויז די נאָענטע אויפרײַסן און די פײַערצונגען, וואָס האָבן אַזוי אימהדיק באַלויכטן דעם וועג — — —

מײַן ערשטע פּרנסה

מאַנטיק פלעגט בײַ אונדז אין שטעטל זײַן אַ מאַרקטאָג, פלעגט מײַן פעטער יאָסל קומען צו פאָרן זונטיק מיט דער באַן פון גראַיעווע, וווּ ער האָט געהאַט אַ שניטקראָם און צוגעהאַנדלט בײַ דער זײַט מיט רויכוואַרג, פיקס, מאַרדערס, ווידרעס, טכוירן. די סחורה פלעגט גיין קיין אַמעריקע. מען האָט פאַר דעם געצאָלט מיט דאָלאַרן, אָבער דאָס האָבן נאָר געוווּסט די גרעסטע סוחרים, די דאָרפסגייער און איבערקויפער פלעגן דאָס פאַרקויפן אויף פּוילישע זלאָטעס.

דאָס וואָס איך רוף אָן „בײַ דער זײַט” איז געווען אַ גאַנץ רײַכער האַנדל פון וועלכן מײַן פעטער יאָסל האָט אויסגעגעבן אַכט טעכטער מיט אַ שיינעם נדן פאַר יעדער פון זיי.

ס'איז געווען אַ צײַט ווען בײַ אונדז אין שטוב איז ניט געווען קיין ברויט צו זעט... מײַן פעטער פלעגט מיטברענגען מיט זיך זײַן עסן, מערסטן טייל קעז, ווײַל ער האָט געהאַט אַן אייגענע בהמה. אַ מאָל פלעגט ער ברענגען עפּעס אויסגעבראָטן... ס'האָט פאַרשמעקט די שטוב.

אין דער בעקערײַ, בײַ ביילקע פּעשעס פלעגט ער אײַנקויפן אַ לעבל געבײַטלט ברויט, אַ פאַרברוינט ברויטל מיט אַ גלאַנץ, וואָס פלעגט פישטשען אין די אויגן. ווען ער פלעגט אָפּעסן, האָט ער דאָס געבליבענע פון לעבל ברויט פאַרבאַהאַלטן אויף דער שאַפע. ער איז געווען אַ הויכער, פלעגט ער לײַכט דערלאַנגען צום דעק פון דער שאַפע. בײַ אונדז האָט ער געטרונקען די טיי אומזיסט און געשלאָפן אויף דער קאַשעטקע.

איין מאָל, ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען צו מנחה־מעריב אין בית־מדרש, וווּ ער פלעגט זיך טרעפן מיט די דאָרפסגייער, האָט מיר דאָס גלאַנציק־ברוינע ברייטל געמאַניעט, כאָטש איך האָב מיך געוואָלט אַוועקמאַכן פון דעם, האָט עס מיר אָבער ניט אָפּגעלאָזט. האָב איך צוגעשטעלט אַ שטול, אַראָפּגענומען דעם בײַטל מיטן לעבל ברויט און אָפּגעשניטן דעם אמתן פּענעץ. מײַן פעטער האָט אָבער געהאַט אַן אויג פון אַ תּלמיד־חכם.

ער האָט געקוקט אויפֿן לעבעלע און ניט געגלייבט אַז ער האָט אויפֿגע־געסן אַזוי פֿיל, אין זײַנע גרויע באַברעמטע אויגן האָט געפֿינקלט אַ חשד. און דאָך דערמאָן איך מײַן פֿעטער מיט גרויס דאַנקבאַרקייט, מחמת איך האָב עפּעס געלערנט פֿון אים. איך פֿלעג מיך צוקוקן אַ שטייגער ווי ער באַטראַכט און שאַצט אָפּ אַ פֿעלכל פֿון אַ פֿוקס, פֿון אַ מאַרדער און איך בין געוואָרן אַ מבֿין אויף דער סחורה. איך האָב מיך אַפֿילו אויסגעלערנט ווי צו פֿאַרריכטן די פֿעלכלעך, ווי זיי אײַנצונעצן און איבערציִען, אײַנ־רײַבן מיט פֿעפֿער אויף דער לינקער זײַט אַז די האָר זאָלן ניט אויסקריכן.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָב איך אַליין אָנגעהויבן האַנדלען מיט רויכוואַרג.

מײַן טאַטע האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס פֿון זײַנעם אַ יוגנט־חבֿר, אויף חיי־אָדם־גאַס, שלום שיניאַק — זאָג אים אַז דו ביסט מײַן זון, ער וועט דיך ניט אָפּנאַרן אויף אַ גראָשן, ער וועט דיך גוט און אָרנטלעך באַהאַנדלען.

איך האָב געבראַכט קיין ביאַליסטאָק עטלעכע פֿעלכלעך, אָנגעטאָן זיי אויף זיך, אויס מורא מען זאָל זיי בײַ מיר ניט צונעמען. כאָטש ס׳איז געווען אַ ביטערער ווינטער און אַ ברענענדיקער פֿראָסט, האָבן אָבער די פֿעלכלעך געברענט מײַן לײַב...

אַז איך בין אַרויף אויף חיי־אָדם־גאַס, האָב איך דערזען אַ שילדל, „ירוחם — מיר קויפֿן פֿיקס, מאַרדערס...״ בין איך גלײַך אַרײַן.

— איר ווילט מיר זאָגן וויפֿל איר צאָלט פֿאַר אַ פֿוקס? דער באַלעבאָס פֿון געשעפֿט האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ ביסל חשד. דאָך האָט ער מיר געזאָגט דעם פּרײַז.

— ס׳איז אָבער אַ זילבער־פֿוקס...

— ווו האָסטו אים?

— כ׳וועל אים ברענגען.

— אַז איך וועל אים זען וועל איך דיר גוט באַצאָלן...

— וויפֿל צאָלט איר פֿאַר אַ בויממאַרדער? (מיט אַ געלער לאַטע אונטערן האַלדז).

דער סוחר האָט מיר געזאָגט דעם פּרײַז.

איך קוק אַרויס דורכן פענצטער פון טיר און זע אַנטקעגן אַ שילד, „שלום שיניאַק — מיר קויפן רויכוואַרג".

ס'האָט מיר אַ טיאַכקע געטאָן בײַם האַרצן. דער טאַטע האָט מיך געשיקט צו שלום שיניאַקן און איך בין גאָר פאַרקראָכן צו אַן אַנדערן, צו איינעם, וואָס הייסט ירוחם.

איך האָב אויסגענוצט אַ מאָמענט ווען ר' ירוחם האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע, איך בין אַרויס און זיך פאַרקירעוועט צו סוראַזשער גאַס... ער זאָל זיך ניט כאַפּן אַז איך בין אַריבער צו שלום שיניאַקן. איך בין געגאַנגען און אַרײַנגעקוקט אין די קראָמען מיט וועלכע די חיי־אָדם־גאַס איז פול געווען. דערנאָך בין איך אַריבער די גאַס און זיך אַרײַנגעכאַפּט צו שלום שיניאַקן.

ער איז געווען זייער פאַרנומען שלום שיניאַק, און מיך געלאָזט שטיין אַ לאַנגע ווײַלע. די פּעלכלעך האָבן געברענט מײַן לײַב, נאָר וואָס קען איך זיך העלפן.

פלוצלינג גיט ער מיר אַ פרעג: — וואָס ווילסטו, בחורל?

— איך בין יצחקס זון, פון גאַניאַנדז, מײַן טאַטע האָט מיך געשיקט צו אײַך — איך וויל איר זאָלט מיר זאָגן וויפל איר צאָלט פאַר אַ פוקס?

— ווו האָסטו אים?

— בײַ מײַן מומען...

ער האָט מיך אָנגעקוקט און גלײַך געזאָגט מיט צוועלף זלאָטעס ווינציקער ווי ירוחם.

— איך האָב געלערנט מיט דײַן טאַטן אין איין חדר. איך האָב געקענט דײַן זיידן ר' חיים־לייב, אַ פײַנער ייד געווען, אַ תּלמיד־חכם.

— וויפל צאָלט איר פאַר אַ זילבער־פוקס?

— ס'איז אַלץ איינס...

— וויפל צאָלט איר פאַר אַ בויממאַרדער?

ער האָט מיר אויף גיך געגעבן דעם פרײַז, מיט פופצן זלאָטעס ווייניקער.

— ווו האָסטו זיי...

— בײַ מײַן פעטער, אַ גוטן טאָג!

איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט און אָן מורא אַריבער די גאַס און אַרײַן צו ירוחמען און האָב אים געפרעגט ווו כ׳קען זיך אויסטאָן ווײַל איך טראָג די פּעלכלעך אויף זיך.

— ס׳דאַרף דיר זײַן גוט וואַרעם. גיי אַרײַן אין דעם צימער. ניין! ניט אין דעם. גיי בעסער אַרײַן אין קיך. — אין צימער זײַנען געהאָנגען אַ סך פּיקס, האָט ער מסתמא מורא געקראָגן איך זאָל אַ מאָל ניט צולייגן איינעם צו מײַן ראַמש... אַז איך האָב אים געוויזן מײַן זילבער־פוקס האָבן זיך אים אויפגעשטעלט די האָר פון דער אונטערגעשאָרענער באָרד.

— פאַר דעם פוקס, זעסטו, וועל איך דיר געבן צען זלאָטעס מער.

מיטן חשבון וואָס ירוחם האָט מיר געמאַכט און באַצאָלט בין איך אַרײַן צו מײַן טאַטנס חבר און אים געוויזן. זאָל ער וויסן.

— ווו האָסטו זיי? האָסט דאָך געזאָגט אַז דו האָסט זיי בײַ דײַן מומען... איך וואָלט דיר באַצאָלט מער...

שלום שיניאַק האָט זיך געוואָרפן ווי אין קדחת.

— איך וועל שרײַבן דײַן טאַטן...

— שרײַבט אים טאַקע, זאָגט אים אַז איר האָט מיר געבאָטן מיט צוועלף זלאָטעס ווייניקער פאַר יעדן פעלכל, זאָל ער מער ניט מאַכן דעם טעות און מיך שיקן צו זײַן יוגנט־חבר.

אַ לעבן אויף הפקר

— ס'איז שוין שפּעט!

מיט דעם געדאַנק האָט יאַנקל פּולס געעפנט די אויגן, געזען ס'איז פינצטער אין שטוב, איז ער געוואָרן רויִקער.

פון אַנטקעגנדיקן בעט האָט זיך געטראָגן דעם ווײַבס שנאָרכן. פון שלאָפבאַנק, וואָס איז געשטאַנען לעבן טיר, האָט זיך געהערט אַ לײַכט אָטעמען, ווי פון אַ קינד — דאָרטן איז געשלאָפן דאָס יינגסטע מיידל.

יאַנקל האָט זיך צוגעבויגן צום פענצטער אָבער גאָרניט געקענט זען, די שײַבלעך זײַנען געווען פאַרפרוירן. פון אינעווייניק איז אויף זיי אָנגע־וואַקסן אַ דיקער ווײַסער סאַמעט, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם פינצטערן דרויסן.

מיטן מויל צוגערוקט צום קאַלטן פּראַסטיקן שויב, האָט יאַנקל דער־פילט אַז אין שטוב איז וואַרעם. ער האָט צוגעשלעפּט דאָס בענקל אויף וועלכן ס'זײַנען געלעגן זײַנע זאַכן און זיך אָנגעהויבן אָנטאָן.

— דאַכט זיך מיר, אַז עס שנייט אין דרויסן!

ער איז צוגעגאַנגען צום טירל וואָס איז געווען אַרומגעקלאַפּט מיט זעק אַרום דעם גאַנצן זוים, און מיט אַ האַסטיקן שלעפּ עס אויפגעמאַכט. ס'האָט אַ שלאָג געטאָן אַ שנײַדיקע קעלט, עטלעכע דינע שנייעלעך זײַנען געפאַלן אויפן וואַרעמען פּנים און אים פּײַכט געמאַכט.

אַ ווײַסע שטילע נאַכט איז געלעגן איבערן שטעטל, דעם גאַנצן באַרג־אַראָפּ אַנטקעגן זײַן שטוב, די גרויסע שטיינער, די גרוב וואָס בערל דער שוסטער האָט אויסגעגראָבן, — געקלערט מאַכן אַ קעלער אין דעם הויז וואָס ער וועט בויען. אָט איז ביילקע פּעשעס פונדאַמענט, וואָס שטייט אַזוי, זײַט משה, איר מאַן, איז אַוועק אין דער מלחמה און זיך מער ניט אומגעקערט, איבערגעלאָזט זי מיט פינף פּיצעלעך קינדער, ווי קען זי קלערן וועגן בויען? וואָלט געווען וועמען צום פאַרקויפן? ס'איז אָבער ניטאָ קיין ייִד וואָס זאָל האָבן מיט וואָס און וועלן עפּעס קויפן. ס'האָט

זיך אָפּגעיאָוועט אַ קונה, אַ גוי — אַן אַמעריקאַניעץ — אָבער ווער ווייסט, זיך אַליין איינהאַנדלען אַזאַ שכן? וואָס טוסטו, טאָמער גיט ער אויך אַ מאַך אַ בעקערײַ און הענגט אַרויס אַ שילדל „סוואַי דאַ סוועגאַ״?

אַלץ, אַלץ, דער גאַנצער באַרג־אַראָפּ ביז צו הענעך מלמדס חדר האָט זיך אויסגעגלײַכט אונטער דעם שנייִקן דעק.

פון גרויסן שויבפענצטער פון דער בעקערײַ שלאָגט דורך געל־ראָזלעכע ליכט. מען באַקט שוין ראָזעווע ברויט. יאַנקלען פאַרגייט אַפילו דער ריח פון פרישן הייסן שוואַרצברויט. דאָס איז די איינציקע ליכט וואָס זעט זיך אין גאַנצן שטעטל.

עס שנייט נאָך אַלץ! — ברומט יאַנקל רוגזהדיק צו זיך אַליין. כ׳וועל אַנטאָן דעם באַשליק און כ׳וועל גיין! ס׳וועט אויפהערן שנייען, אויפן פרימאָרגן בײַט זיך שטענדיק דער וועטער, אַ ווײַטער מהלך ביז צו וואָראָצעניע! — כ׳וועל גיין! ס׳ווערט שפּעט.

אויף דעם געעפנטן שלאָפבאַנק — אַנגעפילט מיט פרישן שטרוי — זײַנען געשלאָפן ביידע זין מיט די רוקנס איינער צום צווייטן, שווערלעך געכראָפּעט אין דער דושנער וואַרעמער לופט. יאַנקל האָט זיך אײַנגעבויגן זוכן דעם באַשליק און דערהערט זייער אָטעמען, — גאָט צו דאַנקען! ווילע קינדער! — געקומען שפּעט בײַ נאַכט פון דאָרף, גאָט צו דאַנקען זיי העלפן אין דער פרנסה, אַז ניט, וואָס וואָלט איך געקענט אויפטאָן?

יאַנקל איז צוגעגאַנגען צו דעם הילצערנעם פעסל, אָנגענומען מיטן קוואָרט אַ ביסל וואַסער. ער האָט אָפּגעווישט די הענט און זיך געשטעלט דאַוונען.

*

פון שניי האָבן אַרויסגעשטאַרצט די הילצערנע שטאַכעטלעך, וואָס צאַמען אַרום דעם גרויסן שולבאַרג. אין מיטן באַרג איז געשטאַנען די ווײַסע געמויערטע שול, נאָר די פענצטער האָבן שאָטנדיק געהויערט פון דער גאַנצער ווײַסקייט, האָבן אָפּגעשפּיגלט די אומעטיקע איבעווייניקסטע פוסטקייט פון די וואָכיקע טעג, זיי וואַרטן גאַריק אויף קבלת־שבת, ווען די שולפענצטער צעלײַכטן זיך און פאַרשײַנען דעם גאַנצן אַרום.

דער ווײַסער פֿאַרשנייטער דאַך איבער דער שול האָט אים געמאַכט אויסקוקן העכער, העכער... ווי ער וואָלט זיך צוגערוקט גאָר נאָענט צו די ווײַסע שנייִיקע כמאַרעס, וואָס זײַנען געלעגן אַזוי נידעריק...

יאַנקל איז אַרויס פֿון שטוב, ס׳האָט אויפֿגעהערט שנייען. די האַרטע שטיוול האָבן געטראָגן און זיך אַראָפּגעזעצט אין פּוכיקן שניי. ער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען דעם אַלטן הילצערנעם בית־מדרש. לעבן טיר פֿון בית־מדרש איז געשטאַנען יאַנקל דער משוגענער, געוואַרט אויפֿן שמש, וואָס האָט זיך הײַנט פֿאַרשפּעטיקט און נאָך ניט געקומען אײַנהייצן אין אויוון, ס׳זאָל זײַן וואַרעם צום ערשטן מנין.

דערזען די טיר פֿון לינת־הצדק, האָט זיך יאַנקל דערמאָנט פֿון העגעך דעם גלאָזקרעמער, וואָס איז ניט פֿאַר קיין ייִדן געדאַכט אַזוי קראַנק, איין גאָט זאָל אים נאָר העלפֿן, זיך דערמאָנט אָן זיך, אָן דעם ווײַב און קינדער. מ׳דאַרף זיך פֿאַרן רבונו־של־עולם ניט קלאָגן, מען עסט אָפּ צו זאַט, מ׳וווינט אין וואַרעמקייט, מ׳דאַרף נאָר בעטן, מ׳זאָל זײַן געזונט! און קלערנדיק אַזוי, האָט ער זיך גענומען אַ דריי אויס מיטן פּנים צום בית־מדרש — צו דער שול, אַ לעצטן קוק געגעבן אויף ביידע — „גאָט זאָל געבן ס׳זאָל הײַנט זײַן אַ גוטער טאָג״! און איז אַרויס פֿון בית־מדרש־געסל צום מאַרק, צו דער גאַס וואָס פֿירט אַרויס פֿון שטעטל צום דאָרף וואָצעניע.

*

דעם וועג, וואָס האָט געפֿירט ביז צום שאָסיי, האָט מען געקענט דערקענען, ווײַל פֿון ביידע זײַטן זײַנען די פֿעלדער געווען העכער. איז זיך יאַנקל געגאַנגען אין דער ראָווע, און געוווּסט אַז אונטן ליגט דער זאַמדיקער וועג. וואָס מער יאַנקל האָט זיך אָפּגערוקט פֿון שטעטל, אַלץ אימפּעטדיקער איז געוואָרן זײַן גאַנג. אָט איז ער שוין לעבן וואַלד. אַ קליין סאָסנאָווע וועלדל, — ניט מער ווי אַ פּאָר ווינאָרסט. ער האָט אָבער פֿײַנט אָט דעם שטיקל וועג — עפּעס אַן אומעטיקער וועג! ס׳בלאָזט מיט שרעק פֿון וואַלד. ס׳אַרט אים ניט די ווײַסע וויסטע שנייִיקייט אין וואָס דער גאַנצער אַרום איז געהילט; ס׳שרעקן אים אַנדערע זאַכן, וואָס קריכן אים אויף גוואַלד אין קאָפּ אַרײַן: בערל פּיצקעס...

בערל, — וויפל מאָל האָט ער מיך אַרויפגענומען אויפן פור און צוגעפירט? ווען ער האָט נאָר געטראָפן, אַ ייִד, אַ גוי, פאַר וואָס איז דאָס אים געקומען? אַרויסגעפאָרן אין אַ מיטן זונטיק, וואָס איז אים עפּעס איינגעפאַלן צו פאָרן זונטיק? אַז אַלע פורמאַנעס פאָרן מאָנטיק — מ׳דאַרף פאָרן צוזאַמען... אָט זעט ער, ווי בערלס פערד־און־וואָגן פאָרן אַריין זונטיק פאַר נאַכט, אַליין, אָן אַ פורמאַן, איבערן מאַרק. דער זעלבער וועג ווי שטענדיק, פאָרן צו צום הויז, צום שטאַל, קיינער האָט זיך גאָרניט געכאַפּט, געמיינט אַז בערל גייט נאָך הינטן... און פּלוצלינג בערל ליגט גאָר מיט אַ צעשפּאָלטענעם שאַרבן אין מיטן פון וואָגן, צווישן די זעק מיט תּבֿואָה.

יאַנקל הייבט אָן שטעלן האַסטיקע טריט, ס׳דאַכט זיך אים, ער הערט פון וואַלד אַ קרעכצן, אַ ייִדישן קול... ער וויל פאַרטרייבן די געדאַנקען, ער דערמאָנט זיך אָן בית־מדרש, אָן דער שול, אָט זעט ער שוין דעם סוף פון וואַלד. אַנטקעגן פאָרט אַ פור געשפּאַנט צו אַ פּאָר פערד... ס׳דאַרף זיין אַ באַקאַנטער. — „גוט־מאָרגן״! — זאָגט יאַנקל. כ׳קען אים ניט, אָבער זעט זיך אַ פיינער גוי... איך האָב נאָר פיינט, אַז מ׳גייט מיר אַנטקעגן צו פוס, אַז מ׳זינגט שיכורערהייט, אָבער אַזוי איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן!...

ס׳הערט זיך דאָס בילן פון הינט פון נאָענטן דאָרף, ס׳ריטשעט אַ חזיר אויף קול־קולות אַז ס׳הילכט אָפּ ביז צום וואַלד. יאַנקל טרייסלט זיך אָפּ... דאָס הרגענען אַ חזיר קען ער ניט פאַרטראָגן. — נו מילא, כאָטש ניט אומזיסט געגאַנגען, זעט זיך אַ גרויסער חזיר, אפשר האָט ער אַ ביסעלע קרוין *... מ׳זוכט דאָס היינט מיט ליכט! יאַנקל קומט צו צום דאָרף — דערזעט שוין אויסגעטראָטענע טריט אין שניי, און דערשרעקט זיך, אימעצער האָט מיר שוין פאַרלאָפן דעם וועג, געוויס יאַנקל האַרקעס...

פון דער ערשטער שטוב פון דאָרף רופט מען יאַנקלען. — „געלער״! אַזוי פלעגן די גויים אים רופן, ניט לויטן נאָמען, נאָר לויט זיין געלער באָרד, לויט זיין געלן פּנים און געלע האָר אויפן קאָפּ. יאַנקלען פלעגט

---

* קרוין רופט מען דעם בעסטן סאָרט חזיר־האָר, פון קאַרק.

פאַרדריסן וואָס זיי רופן אים „געלער", אָבער ער איז שוין געווען צוגע־וווינט צום דעם.

ער האָט אַרויפגעטראָטן אויפן שטיין וואָס איז געלעגן בײַ דער טיר און איז אַרײַן אין פּירהויז. עטלעכע חזירימלעך זײַנען געלעגן אין די ווינקלען און געשנאָרכעט. אַ ריח פון פאַרזויערטן קרויט פון חזיר־שטאַל געמישט מיטן רויך פון געברענטן קינהאָלץ האָט אַ שלאָג געטאָן אין נאָז.

— וואָס האָסטו ? האָט יאַנקל געפרעגט.

די גויע האָט אַ שאַר געטאָן מיטן פוס אונטער דער באַנק און אַרויס־געשלעפּט אַ גאַנצע זשמעניע מיט חזיר־האָר אויף אַ פּאַפּיר.

— וויפל ווילסטו דערפאַר ?

— ווער ווייס ? די צײַטונג שרײַבט — זאָגט דער וויט, אַז מען צאָלט זייער טײַער הײַנט פאַר האָר, מיר זאָלן זיך ניט לאָזן אָפּנאַרן פון די ייִדן...

יאַנקל האָט דערפילט ווי דאָס בלוט האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים, ניט פון דעם פאַרדומפּעגעם ריח אין שטוב, און ניט פון דער וואַרעמ־קייט וואָס האָט געשלאָגן פון אײַנגעהייצטן אויוון, נאָר פון די רייד...

— וויפל ווילסטו געבן ? זאָג ! דו קויפסט דאָך בײַ אונדז שטענדיק ! מײַן מאַן זאָגט, אַז יאַנקל דער געלער איז אַ פײַנער ייִד. זאָג דו אַליין וויפל ס'איז ווערט..!

די לעצטע רייד זײַנען אמת. שוין באַלד צוואַנציק יאָר ווי ער קויפט אין דאָרף, קויפט בײַ די פּויערים, ער זוכט זיי ניט אָפּצונאַרן ; ער זוכט מאַכן פּרנסה. אויף דעם האַנדלט ער דאָך ! אויף דעם איז ער דאָך הײַנט אויפגעשטאַנען, נאָך פאַר פינצטער, אין אַזאַ ביטערן פראָסט געקומען אַהער אין דאָרף.

ער האָט זיך אײַנגעבויגן צום ערדענעם דיל, אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט איבערן פּאַפּיר, אָנגעטאַפּט די פּאָר פּעקלעך און געטראַכט : כ'טאָר איר ניט אָפּנאַרן !

— פינף זלאָטעס איז גוט באַצאָלט ! — מעגסט דאָס מיר גלייבן, איך וויל דיך ניט אָפּנאַרן ! און קיין ייִד וויל ניט אָפּנאַרן, זאָלסט ניט גלייבן וואָס ס'שרײַבן די צײַטונגען !..

— גוט! גיב די פינף זלאָטעס — האָט די גויע געזאָגט, אויפגענומען דעם פּאַפּיר און געשטופּט דאָס יאַנקלען אין זעקל.

— דו ביסט אַ פיינער ייִד! ווען דו זאָלסט וויסן וואָס די ייִדן טוען מיט אונדזערע אין אַנדערע דערפער, וואָלסטו דאָס שוין ניט געזאָגט. מיר וויסן אַלץ! — מיין ניט אַז נאָר די צייטונג שרייבט — נאָך ניט אַלץ שרייבט די צייטונג! קום אין קלויסטער וועסטו הערן וואָס דער גלח דערציילט אונדז. ער בעט מ׳זאָל דאָס ניט איבעררעדן פאַר די ייִדן... ווען דו זאָלסט הערן וואָס דער לערער פון שולע דערציילט די קינדער!.. אָ, געלער, מאַך זיך ניט אַז דו ווייסט גאָרניט...

יאַנקל האָט שווער אָפּגעאָטעמט, — וואָס קען איך שוין זאָגן אַז מ׳פאַרסמט זיי די מוחות פון אַלע זייטן. שלעכט, קינדערלעך, שלעכט, האָט יאַנקל מיט ביטערניש געטראַכט: — זיי האָבן געקראָגן די פרייהייט און פאַר אונדז גרייט זיך אַן אומגליק! ווער ווייס מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן?..

— דו ווייסט אַלץ, אָבער דו ווילסט זיך ניט מודה זיין! אַזוי זענט איר, ייִדעלעך, איר האָט געהרגעט יעזוסן און לייקנט דאָס אויך!..

*

פייגע האָט דערהערט ווי מען פאַרמאַכט די טיר, ווי מען ציט צו די טיר צום פאַרפאַרענעם שוועל, כדי די קעלט זאָל ניט אַריינבלאָזן. זי האָט געעפנט די אויגן און אַריבערגעקוקט צום מאַנס בעט. דורך די פענצטער האָט זיך אַריינגעריסן אַ מאַטע העלקייט, אַ פאַרטאָגיקע ליכ־טיקייט געמישט מיט דער ווייסקייט פון שניי וואָס האָבן שוין העל געמאַכט דעם דרויסן. די זויערקייט פון אַ פאַרמישטער ראָשטשענע וואָס האָט זיך געטראָגן איבער דער שטוב, האָט גלייך דערמאָנט פייגען אָן דער אַרבעט וואָס וואַרט אויף איר. זי האָט אַראָפּגעשטעלט די קורצע אָנגעדראָלענע פיס אויף דעם הילצערנעם פּאָל און גערעדט שטיל צו זיך: — שוין אַוועק — נעבעך, אַזוי פרי! אין אַזאַ ברענענדיקן פראָסט! זאָלסט האָבן אַ גוטן טאָג! זאָלסט קומען פרי צוריק... פייגע האָט זיך פאַמעלעך צוגעשאַרט צום שלאָפבאַנק, זיך צוגעבויגן צו דער טאָכטער וואָס איז געלעגן שטאַרק

איינגעדעקט און געשלאָפן. זי האָט געקלערט: ווי שיין!.. וואָס סאַראַ ליכטיק פּנימל! זאָלסט האָבן אַ גוטן מזל, קינד מײַנס!.. אַריבערגעקוקט דורך דער טיר צו בײדע זין, וואָס זײַנען געלעגן און געשלאָפן צוזאַמען, און אַרײַן אין קיך. אויף דער ערד זײַנען געלעגן צוויי זעקלעך ביז אין דער העלפט מיט סחורה, אַ טאָרבקע — אין וואָס מען פּלעגט לייגן די בינדלעך חזיר־האָר, כּמעט אַ פולע... נאָך אַ פּאַפּירן פּעקעלע — אַ האַלב־צעשאָטענער, מיט חזיר־האָר און צוויי געבונדענע הינער. פייגע האָט אָפּגעבונדן די הינער און עפּענענדיק די טיר צום שטעלכל, זיי אַרײַנגע־לאָזט. זי האָט אָנגעהויבן אַרײַנוואַרפן פון שטעלכל שטיקער צעהאַקטע האָלץ, און סאָפּענדיק שווער, געקוקט אויף דער דייזשע, אויפן אויוון און געקלערט: — וואָס האָט מיך גאָט געמאַכט אַזוי קליין?.. אַזוי קליין...

— כ'וועל גיין ברענגען אַ פּאָר פרישע קוכנס פאַר די קינדער, זיי וועלן זיך באַלד אויפכאַפּן, האָט פייגע געקלערט, און איז אַרויס דורכן טירל פון שטעלכל אין דרויסן.

— זע נאָר וואָס פאַר אַ שניי ס'האָט אָנגעשאָטן! אין שניי איז ער אַוועק, מײַן יאַנקל, אין שניי, ער זאָל זיך דאָס פאַר מיר אַ מאָל באַקלאָגן, — ס'איז ווײַט, ס'איז שווער, ס'איז קאַלט, ס'רעגנט: קיין מאָל ניט!.. מיט קיין איין וואָרט ניט... נאָר גאָט צו דאַנקען! — פאַר אַזאַ שווער לעבן דאַרף מען אויך דאַנקען גאָט?.. זאָלסט מיך ניט שטראָפן פאַר אַזעלכע רייד — האָט פייגע צו זיך גערעדט...

ייִדן קרעמערס מיט טליתים אונטער די אָרעמס, זײַנען שוין געגאַנגען דורכן געסל אין בית־מדרש. אויפן מיטן מאַרק האָבן זיך געזען עטלעכע פויערישע פורלעך מיט האָלץ, מיט טאָרף. דאָס פאָדערשטע טירל פון ביילקעס בעקערײַ איז געווען אַ ביסל אָפן, ס'האָט געשלאָגן אַ שטאַרקע הייסע פאַרע אין דרויסן אַרויס. פייגע איז אַרײַן אין בעקערײַ, עטלעכע ייִדענעס זײַנען געשטאַנען צונויפגערוקט און עפּעס גערעדט פאַרזאָרגטע. בײַם טיש זײַנען געזעסן אַ פּאָר קריסטן, געביסן ווײַסע חלה און פאַר־טרונקען מיט קוואַס. דערזען פייגען — איז איר ביילקע אַנטקעגנגעלאָפן. פייגע האָט דערשפּירט אַז עפּעס איז געשען, די אָפענע טיר אין ווינטער,

די גרופּקע ווײַבער, די גויים בײַם טיש. אַלץ האָט איר אויסגעקוקט אַנדערש ווי שטענדיק.

— ביילקע! וואָס איז געשען?

— דײַן יאַנקל איז אין דער היים?

פייגע האָט נאָר דערהערט די ערשטע ווערטער, — האָט איר ווי אַ צי געטאָן צו דער ערד, ס'האָט אָפּגעהילכט ווי דער פאַל פון אַ ברעמ־ניע האָלץ — מער האָט זי גאָרניט געהערט...

*

איבערן שנייִיקן וועג ציִען זיך צענדליקער יידן, ווער אין בורקעס, ווער אין גראָבע אָפּגעקראָכענע פּעלצלעך, אין קאַפּאָטעס, צעטריקנטע האַלב צעדרייטע שטיוול, אַלטע וואַליקעס. און די פּנימער בלאַסע, אומע־טיקע, טרויעריקע, פאַרביטערטע...

די פּלעקן, וואָס ס'לאָזן זייערע טריט אויפן ווײַסן שניי, קוקן אויס ווי צעעפנטע ווונדן איבער דער שנייִיקער ווײַסקייט...

יאַנקל פּולס ביידע זין גייען צוגערוקט איינער צום אַנדערן, די קעפּ אַראָפּגעלאָזטע. פון זייערע אויגן גיסן זיך טרערן וואָס בלײַבן פאַרגלי־ווערט. —

— די פּאָליציי איז שוין אַוועקגעפאָרן? — פרעגט אַ ייִד, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַרויסגעשאַרטע אויגן.

— ר' שלום, — ענטפערט אים אַ צווייטער וואָס סאָפּעט זייער שווער — און אַז די פּאָליציי וועט קומען, איז וואָס?

— מ'וועט דען כאַפּן די מערדער? ענטפערט מרדכי דער שמש, וואָס שלעפּט זיך אין אַ פּאָר צעריסענע קאַלאָשן.

— פאַרן הרגענען אַ יידן כאַפּט מען ניט! — ענטפערן עטלעכע פאַר איין מאָל.

אַלע קוקן צו יאַנקל פּולס זין. אין די פאַרטרערטע בליקן ליגט דער צער וואָס זיי פילן אין די הערצער, צו די צוויי קינדער, צו זיך אַליין... צום פינצטערן הײַנט, צום גרויען מאָרגן. פון אַנטקעגן קומט אָן —

ר׳ אברהם דער פעלקרעמער. — ס׳איז נאָך קיין פּאָליציאַנט פאַר קיין רפואה ניטאָ! זיי ווייסן גאָרניט, הפקר אונדזער לעבן!

— די גויים שטייען און קוקן אונדז אָן, געוויס די מערדער אויך צווישן זיי. אַזאַ עלנטער מענטש געווען, ניט געלאָזט קיין קינד, ניט קיין רינד. — קינדערלעך, אַזאַ גרויליקער טויט... צעמזיקט דעם גאַנצן קאָפּ, דעם גאַנצן שאַרבן. ער האַלט די אויגן אָפן, — ווער ווייס, אפשר לעבט ער נאָך? אפשר פרעגט ער וואָס ס׳וועט זײַן מיט אונדז אַלע?... יאַנקל אָרקעס — אַרויס אין מיטן נאַכט — געלאָפן קויפן אַ ביסל חזיר־האָר.

— ר׳ אברהם! — האָבן ביידע קינדער וויינענדיק אויפן קול זיך אָפּגעשטעלט לעבן פעלקרעמער, — מ׳האָט געזאָגט אַז מ׳האָט געהרגעט אונדזער טאַטן!..

— ניין! קינדערלעך — ניין! ניט אײַער טאַטן, אַן אַנדער ייִדן, יענער הייסט אויך יאַנקל, אָבער אַ ייִדן האָט מען געהרגעט! און אויס־ברעכנדיק אין אַ כליפּען צוגעגעבן: מ׳דאַרף וויינען, קלאָגן דאַרף מען. מיר זײַנען הפקר!..

די קינדער האָבן זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט און זײַנען אַוועק צום וואַלד. אַ שטיל פאַרשטיקט קרעכצן, אַ ביטער געוויין האָט זיך געהערט פון אַלע, וואָס האָבן מידע און דערשעפּטע געטראָטן איבערן וועג צום וואַלד.

פון די קוימענס האָבן זיך געצויגן ברייטע סטענגעס גרויער רויך, ווי שאָטנס פון אַ וויסטן ווינטערדיקן טאָג, פון אַ טרויעריק, פינצטער, אָרעם לעבן.

פּרײַטיק צו נאַכט

טעמפּ הילכט אָפּ דאָס קלאַפּערײַ פון די גרויסע רעדער, פון די סאָל־דאַטסקע פורן אויפן שטײנערנעם ברוק. אײנע נאָך דער צווײטער, קערע־ווען זײ זיך אַראָפּ בײַם אַרײַנפאָר צום גרויסן מאַרקפּלאַץ; דער בלאָטיקער אַראָפּפאָר שלינגט אײַן דעם געקלאַנג פון די אײַזערנע רײפן און פאַרשטומט זײ. די ערשטע זײַנען שוין צוגעקומען ביז דער אַלטער הילצערנער טורמע און שטעלן זיך אָפּ, זײ רינגלען אַרום גרופּעסווײַז די טורמע, די פײַער־לעשער־שאָפּע, פאַרשטעלן דעם גאַנצן זאַמדיקן מאַרק ביז צו די גרויסע גלאַטע שטײנער אויף די ראַנדן פון די ברוקירטע גאַסן.

ווו ביט ווו זעען זיך פײַערלעך פון לאַמטערנעס, אונטער פאַר־קאָפּטשעטע גלעזער, וואָס מאַכן נאָך אומעטיקער דאָס פינצטערניש פון דער נאַכט.

ס׳הערט זיך דאָס שאָקלען פון די פערדישע קעפּ, וואָס אָטעמען שווער אין די אָנגעהאָנגענע זעקלעך אויף זײערע גרויסע מאַרדעס, און כראָמ־שטשען די פאַרציעס האָבער. פון מאָל צו מאָל גיט אַ סקריפּ אַ ראָד וואָס האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט, אָדער דער טרעשטש פון אַ שטײן אויף וואָס ער איז אַרויף; ס׳גיט אַ סקריפּ אַן אַראָפּגעשטופּטער כאָמוט און פאַלט צוריק אויפן פאַריאַכטן האַלדז.

די לעצטע פור פון אָבאָז האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ברוקירטער גאַס. אַ קלונג פון אַן אײַזערנער פאַדקאָווע אָן האַרטן שטײן האָט אַ שפּריץ געטאָן מיט פײַער, ווי ס׳וואָלט באַפעלן — ביז דאַנעט!

דער דענשטשיק איז אַראָפּגעשפּרונגען און אָפּגעשאַרט דעם ברעזענט, וואָס האָט צוגעדעקט די האַלב קײַלעכדיקע רײפן אַרום דער גרויסער בויד.

— צו אײַער דינסט, גענעראַל! מיר זײַנען שוין אָנגעקומען...

דער גענעראַל האָט זיך אַ הײב געטאָן פון אָרט. דער הונט, וואָס איז געלעגן בײַ זײַנע פיס, האָט זיך אַ שטעל געטאָן מיט אַ פאַרשטיקטן

ברומען, ווי ער וואָלט וויסן, אַז מ׳טאָר ניט האָוקען גאָר הויך, ס׳איז מלחמה־צײַט.

ס׳האָט זיך געהערט אַ שווער אָטעמען. די עטלעכע און זעכציק יאָר האָבן פאַרשווערט דאָס אַראָפּגיין פון וואָגן. נאָכן גענעראַל איז אַראָפּגעשפּרונגען דער הונט. זײַן העלע פעל מיט ברוינע לאַטעס האָט שאָטנדיק זיך געוואָרפן אין דער נאַכט.

דער גענעראַל האָט זיך אַרומגעקוקט. פון דער פינצטער האָבן זיך אויסגעשיילט קאָנטורן פון הײַזער. ווו ניט ווו האָט אַ ווײַס־געפאַרבט ברעטל געוויזן דאָס אָרט פון פענצטער; די גרויע קוימענס האָבן אָנגעוויזן אַוווּ ס׳ליגט דער דאַך. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און גלײַך זיי צוריק געעפנט מורמלענדיק: איבערנעכטיקן די פּאָר שעה אין אַ בעט! און דערבײַ האָט ער געקלערט: — מ׳דאַרף דאָך צופירן וואָס שנעלער דעם פּראָוויאַנט צו די ליניעס.

אין דער לופטן — האָט זיך דערטראָגן פון דער ווײַט דער עכאָ פון אויפרײַסן. דער הימל צו צפון האָט זיך אַ צונד געטאָן און גלײַך פאַרלאָשן, ס׳איז געוואָרן נאָך פינצטערער, דער הונט האָט זיך געשאַרט מיט זײַן האָריקער פעל אָן גענעראַלס פוס...

— גיב אַ קלאַפּ אין אַ טיר! אין דער ערשטער... — האָט דער גענעראַל באַפעלעריש געזאָגט.

— צום באַפעל! האָט דער דענשטשיק געענטפערט און זיך אַ שאַר געטאָן איבערן ברוק. ער האָט זיך אָן עפּעס אָנגעקלאַפּט און אַ ברום געטאָן: — וואָס איז דאָס? אַ בוים... ס׳האָבן זיך אַ שאָקל געטאָן די צווײַגן; ס׳האָט זיך געהערט דער שאָרך פון טרוקענע בלעטער; איינציקע זײַנען געפאַלן צו דער ערד און זיך אָנגעקלאַפּט אָן די ברוקשטיינער.

דער סאָלדאַט האָט אַ האַסטיקן שפּרײַ געטאָן אין דער פינצטערניש אַרײַן, און אים באַגלייט מיט אַ זידלוואָרט...

— אַ בוים! האָט דער גענעראַל אויפן קול אַ זאָג געטאָן. ס׳האָט זיך געהערט אַ לאַנגער זיפץ וואָס האָט זיך צעטראָגן אין דער נאַכט... ער האָט זיך פאַרטראַכט:

„ס׳איז האַרבסט... ווער האָט אַראָפּגענומען די פרוכט פון די ביימער

אין מײַן סאָד?" ער האָט דערזען די לאַנגע רייען ביימער אין זײַן גרויסן סאָד, דעם וועג וואָס פירט ביז צום טײַך... מיט וועמען גייט ער... ניט אַליין... זי גייט פריִער... זי איז יינגער, לויפט זי פאָרויס, „זאָל זי לויפן"... ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער נײַער באַנק וואָס ראַמזין דער סטאָליער האָט ערשט נעכטן אויסגעענדיקט, ס'דערגייט צו אים איר האַרציקע שטים: „היי! פּאַוולאָוו! קום שוין גיכער... רײַס מיר אַראָפּ די עפּל... וועסט ניט קומען? איך שאָקל אַליין דעם בוים... זיי פאַלן שוין... זיי פאַלן..." ער זיצט אין שאָטן פון די באַבלעטערטע צעגרינטע ביימער, פון צווישן די שטאַמען שלאָגט זיך דורך זוניקע ליכט, ער האָט זיך אַ הייב געטאָן, וואָס זעט ער? די גאַנצע וואַנט פון דער באַנק איז אויסגעשניצט מיט שלאַכט־בילדער, זע! אָט פאַלט ער פון פערד! אָט פאָרט אים אַריבער די ראָד... „זע נאָר די פּאַגאַנעס, דער גענעראַל..."

דער הונט האָט זיך אַ שאָר געטאָן בײַ זײַנע פיס.

— וואָס ווילסטו? סקרים! מיר ביידע זײַנען דאָ אַליין...

— געפונען! גענעראַל, זיי האָבן ניט געוואָלט עפענען, האָבן מורא, האָב איך זיי אַ סטראַשע געטאָן. — עפנט, אַז ניט וועל איך אויפרײַסן, „זשידי". זיי האָבן גאָרניט געזאָגט... אַז זיי האָבן דערהערט, אַז עס איז פאַרן גענעראַל, האָט איינער געברומט: „גוט, גוט".

— ס'איז דאָ אַ צימער, אַ בעט? האָט דער גענעראַל געלאַסן געפרעגט.

— איך ווייס ניט! ס'איז דאָך פינצטער... זיי האָבן מורא אָנצוצינדן פײַער...

— ביסט אַ נאַר — ווי פרעגסטו ניט צי ס'איז דאָ אַ בעט?

— זאָרגט ניט! גענעראַל, ס'וועט שוין אַלץ זײַן, ס'איז דאָך מלחמה־צײַט, מ'דאַרף נאָר פאָדערן...

— זיי האָבן שוין גענוג... אַז מיר זאָלן זיי, די אָרעמע, מאַכן נאָך ביטערער...

—אָבער זיי זיצן דאָך אין זייערע היימען און מיר וואַלגערן זיך ווי די הינט אויף די וועגן, אין רעגן און קעלט, ניט ווייסנדיק ווו מיר וועלן מאָרגן זײַן...

— נו, שווײַג! זיי ווייסן נאָך ווינציקער...

דאַכט זיך זיי האָבן פאַרמאַכט די טיר. ניין, ס׳איז אָפן...

— אָט דאָ, הער גענעראַל, גלײַך אָט דאָ...

די מעשענע קנעפּ האָבן זיך אָנגעקלאַפּט אָנעם אושאַק און אָפּגע־קלונגען אין דער פינצטערניש. דאָס הילצערנע טירל האָט זיך אַ רוק געטאָן, אַ טרייסל געטאָן און אַרײַנגעלאָזט דעם גענעראַל אין שטוב. ער איז גע־בליבן שטיין בײַם שוועל און געקוקט פאָרויס; פון אַנטקעגן האָט זיך פון דער טונקל געזען דער גלאַנץ פון קאַכלאָווען אויוון. דער הונט האָט זיך געשאַרט אַרום זײַנע פיס און שווער געשנאָרכעט.

— גוטן אָוונט! אײַנוווינער, צינדט אָן אַ פײַער, זאָל זײַן אַ קלײנעם, מ׳זעט דאָך אָפילו ניט ווי פינצטער ס׳איז די נאַכט.

— אַנטשולדיקט, מײַן הער! — האָט זיך געהערט לעבן גענעראַל אַ צעשראָקן קול, — אַנטשולדיקט... ס׳איז ניט דערלויבט! מיר קענען הײַנט ניט אָנצינדן קיין פײַער...

— וואָס הייסט ניט דערלויבט?! ווער האָט דאָס אײַך פאַרווערט? ס׳איז דאָך ניט אַזוי נאָענט צום פראָנט, מ׳קען דאָך פאַרשטעלן די פענצ־טער וואָס קוקן אַרויס צום פראָנט. צינדט אָן אויף מײַן אחריות... — האָט דער גענעראַל געזאָגט מיט פעסטקייט, ווי ער וואָלט זיך קעגנשטעלן אַ פאַראָרדענונג פון אַ נידעריקערן ראַנג...

— אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט, ה׳ גענעראַל, ס׳איז אונדז שטרענג פאַרבאָטן... מיר טאָרן ניט הײַנט אָנצינדן קיין פײַער, אונדזער גלויבן פאַרווערט דאָס אונדז, הײַנט איז פרײַטיק צו נאַכט...

דער גענעראַל האָט אויפן קול אַ שמייכל געטאָן, ווי ער וואָלט זיך באַפרײַט פון אַן אומזיסטער שרעק.

— אַ! איך פאַרשטיי שוין, איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז הײַנט איז פרײַטיק צו נאַכט.

— איוואַן! אָט האָסטו אַ שוועבעלע, זוך אויף אַ ליכט...

— מיר האָבן ליכט, אַ לאָמפּ שטייט אויפן טיש — האָט זיך געהערט די זעלבע צעשראָקענע שטים, נאָר רויִקער...

דאָס פלעמל האָט באַגאָסן די שטוב מיט אַ געדעמפּטער שײַן און ס׳האָט זיך געזען אויפן טיש דער הויכער שטיילאָמפּ מיטן בורשטינענעם

פוס וואָס איז געווען צעבראָכן אויף צוויי און זיך געהאַלטן אויפן שריף וואָס איז געווען דורכגעצויגן דורך זײַן מיטן. דער ווײַסער טישטעך האָט זיך שבתדיק געשפרייט איבערן טיש.

— מיר זײַנען זייער מיד פון פאָרן אַ גאַנצן מעת־לעת, ס׳רעגנט, ס׳גיסט, די שאָסייען זײַנען שלעכט, צעבראָכן, בלאָטעס, די פערד אויס־געמוטשעטע, זײַנען מיר געבליבן זיך אָפּרוען, אַליין איז מען דאָך אויך ניט מער ווי אַ מענטש...

דער בעל־הבית, ר׳ יצחק, וואָס איז געשטאַנען אַ דערשלאָגענער לעבן טיר, האָט דערפילט אַז ס׳איז אים לײַכטער געוואָרן פון די רייד. ער האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, שטעלן אַ טראָט פאָרויס... זײַנע בליקן זײַנען געפאַלן צום גרויסן העל־געלן הונט און ער איז געבליבן שטיין. ער האָט אַ הייב געטאָן די אויגן פון אונטער די בלאָנדע ברעמען צום גענעראַל און מיט פאַרלעגנהייט און שרעק געפרעגט:

— ער טשעפּעט ניט?

דער הונט האָט דערפילט, אַז ער שטערט און זיך צוגערוקט נענטער צום גענעראַל.

— ניין, בעל־הבית, ער טשעפּעט ניט. ער איז זייער אַ ליבלעכער הונט. ער האָט דערפילט, אַז דו קוקסט אויף אים מיט שרעק — דער הונט האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעקוקט דעם גענעראַל. — שוין 10 יאָר ווי ער באַגלייט מיך... אויפגעהאָדעוועט זיך צוזאַמען מיט מײַנע קינדער, ער קען מײַן היים, מײַן סאָד, מײַן גוט, מײַן שטוב, אַלע זײַנען געבליבן דאָרטן... נאָר ער גייט מיט מיר, איך האָב אים ניט גענומען, איך האָב אים ניט גערופן... ער גייט מיט מיר, ווײַל ער וויל... ביז וואַנען ער וועט וועלן...

דער גענעראַל האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צום הונט און געשוויגן.

— נו, ווּעסטו האָבן פאַר מיר אַ געלעגער?

— וואָס פאַר אַ פראַגע, גענעראַל, — האָט ר׳ יצחק אים געענטפערט, גערירט פון די לעצטע רייד. ער האָט אָן עפּן געטאָן די ווײַס־געפאַרבטע טיר פון צימער און אים אָנגעוויזן.

— אָבער דעם לאָמפּ וועט איר מוזן אַליין אָנצינדן...

— מיט פאַרגעניגן! איך האָב ליב מענטשן וואָס פאָלגן אויס די

געבאָטן פון זייער גלויבן. ווען מיר וואָלטן אָלע זיי אויסגעפאָלגט ווי געהעריק וואָלטן מיר אפשר ניט געקומען צו דער לאַגע... צו דער בייזער מלחמה.

— איך קען נעמען ביידע קאַוויאַרן און אונטערלייגן דעם הונט? זאָל אים זיַין באַקוועמער, ער ליַידט דאָך צוזאַמען מיט מיר...

— מ׳דאַרף מאַכן אַ געלעגער פאַרן דענשטשיק?

— ניט נייטיק! ער וועט שלאָפן אין וואָגן, ער דאַרף אָפּהיטן די פערד, אַ סאָלדאַט מוז שטענדיק זיַין אויף דער וואַך.

— איוואַן! קענסט שוין גיין!

— איך שיק אַ וואַך?

— ניט נייטיק!

— אַ רויִקע נאַכט, גענעראַל.

דער הונט האָט זיך אויסגעצויגן אויפן קאַוויאַר לעבן בעט און אָנגע־קוקט זיַין בעל־הבית.

— אַ רויִקע נאַכט! — ר׳ יצחק איז מיט שטילע טריט אַרויס פון צימער.

*

שוואַרצע געדיכטע וואָלקנס שאַרן זיך איבערן שטעטלשן הימל. די לופט איז פיַיכט, דורכגעווייקט פון דעם לאַנגן נאַכטיקן רעגן וואָס האָט נאָר וואָס אויפגעהערט און וועט מן־הסתם באַלד אָנהייבן פון דאָס ניַי. אַ שוואַרצע בלאָטע האָט צוגעדעקט דעם גאַנצן מאַרק און זיך אַרויפגעגאָסן ביז צו די ערשטע שטיינער פון אַרומיקן ברוק. פון איבער דער בלאָטע ריַיסן זיך דורך ריטשקעס וואַסער און טראָגן זיך מיטן ברוקירטן באַרג־אַראָפּ צום טיַיך.

דער פאַרטאָג איז געווען ענלעך צו אַ פאַרכמאַרעטן בין־השמשות וואָס שלעפּט אין שטוב אַריַין, וואָס דרימלט איַין און פאַרשלעפערט. דער יאָך פון די איַינוווינער איז אָבער געווען גרויס און ניט געלאָזט רוען, ניט געלאָזט זיצן אין זייערע היימען. די מורא פאַרן טאָג, די שרעק פאַר דעם

אומבאַוווּסטן, דער נעכטיקער פאַרנאַכט האָט אַזוי צעשרויפט די געמיטער, אַזוי אָנגעשראָקן. אייניקע האָבן דורך די פענצטער, אַנדערע אַרויסגייענדיק פאַר די טירן, זיך צוגעקוקט ווי מען האָט געטראָגן די טראָגברעטלעך מיט פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן, צעבלוטיקטע פאַרבונדענע קעפּ און פיס. די צוויי פאַרוווּנדעטע ייִדישע מיידלעך האָט מען געטראָגן שפּעטער. דער דאָקטער זאָגט, זיי וועלן זיך ראַטעווען!.. ס'האָט אַרומגענומען אַזאַ אימה דאָס גאַנצע שטעטל. וווּהין אַנטלויפט מען? ווּ אַנטרינט מען?

ר' יצחק האָט געעפנט די טיר. ס'האָט זיך געהערט דער סקריפּ פון אײַזערנעם קייטל. ער האָט אַ קוק געטאָן צום בלאָטיקן מאַרק, צום פאַרכמאַרעטן הימל וואָס איז געלעגן אַזוי נידעריק ווי ער וואָלט זיך אָנשפּאַרן מיט זײַן וואַסערדיקער משׂא אָן די דעכער פון די הײַזער.

אַ גרויסע שוואַרצע לאָך האָט אימהדיק אַראָפּגעקוקט פון דאַך פון אַפּטייק, צעהאַקטע רויטע דאַכלקעס זײַנען געלעגן אָנגעוואָרפן אומעטום אויפן ברוק אַרום הויז, די טירן און לאָדנס זײַנען געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער.

„מ'דאַרף שוין אַ קלער טאָן פון אַוועקפאָרן. וווּהין וועט מען פאָרן? ס'עט ניט העלפן דאָס אַרײַנקלערן... וואָס וועט מען מיטנעמען? לאָזן אַלץ אויף הפקר... דאָס בעטגעוואַנט, דאָס ביסל צירונג מ'קען דען שלעפּן די בעטן, די שאַפעס" — האָט ר' יצחק צו זיך געטראַכט.

— אַ הונט! — האָט ר' יצחק צו זיך אַליין אַ רעד געטאָן.

— פאַשאָל וואָן! — גאָר דיר דאַרף איך דאָ איצט האָבן.

דער הונט האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. ער האָט מיט פאַרגלעזערטע אויגן אָנגעקוקט ר' יצחקן, און זיך גערוקט נענטער צו דער וואַנט, ווי ער וואָלט וועלן אָנהאַלטן זיך אָן איר.

ר' יצחקן האָט עפּעס אַ מיניע געטאָן אין זכרון: — אוי! דאָס איז דאָך דעם גענעראַלס הונט... אַליין ביסטו געקומען?..

פון דער גאַס וואָס קומט פון פעסטונג זײַנען אָנגעפאָרן עטלעכע סאָלדאַטסקע פורלעך, זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן דעם הויז.

ר׳ יצחק האָט שוין געהאַט פאַרמאַכט די טיר... ער האָט פון הינטער דער טיר געהערט ווי זיי רעדן:

— דעם גענעראַלס הונט! לאָז אים איבער! ער זוכט דעם גענעראַל! האָט איינער מיד געלאַכט. די דײַטשן האָבן אים פאַרבאַהאַלטן... ווו וועסטו אים שלעפּן?

זיי זײַנען געפאָרן ווײַטער.

דער העפט

די דײַטשע מאַכט, וואָס האָט זיך באַזעצט אין שטעטל ווי אויף צום זיצן אייביק, האָט באַלד אַרויסגעגעבן אַ באַפעל מען זאָל עפענען אַ שולע, פאַרשטייט זיך אויף דײַטש, — אַזוי ווי ס׳זײַנען נישטאָ קיין דײַטשע לערער, האָבן די לערער געדאַרפט זײַן ייִדישע.

די בעלי־בתים, די מער געבילדעטע, האָבן זיך צונויפגעקליבן צוזאַמען מיט די וואָס דאַרפן זײַן די לערער. מען האָט אויסגעאַרבעט פּלענער, באַשלאָסן וועלכע דירה מען נעמט דערווייל, ווײַל אַ סך דירות זײַנען געשטאַנען ליידיק. די בעלי־בתים פון די הײַזער זײַנען אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד.

חיים איז שוין אַלט געוואָרן נײַן יאָר. פאַר דער מלחמה האָט ער געלערנט אַ שטיקל צײַט בײַ אַ פּריוואַטער לערערקע, בײַ דעם רב לייב ראַבקעס טאָכטער. די צוויי יאָר זינט ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה האָט מען וועגן לערנען ניט געטראַכט... מען האָט געטראַכט בלויז ווי אויסצוקומען. און אָט איז שוין ווידער אַוועק דער זומער, און ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן קאַלט. דאָס פוטערל, וואָס דער פעטער האָט אים געשענקט מיט עטלעכע יאָר צוריק, גייט שוין אויף אים ניט אַרויף. איז די מאַמע אַוועק צו אַ שכנה וואָס האָט טאַקע אַ מאָל, פאַר דער מלחמה, געהאַנדלט מיט מענערזאַכן און ס׳זײַנען איר נאָך פאַרבליבן עטלעכע רעקלעך, און זי האָט בײַ איר גענומען אויף באָרג אַ מאַרינאַרקע, אַ ביסל גרעסער ווי חיים האָט געדאַרפט. אָבער דאָס מאַכט ניט אויס, ער וועט דאָך אויסוואַקסן. די מאַרינאַרקע האָט אָבער געהאַט אַן אַנדער צרה. די אַרבל זײַנען געווען צו לאַנג, אַזוי לאַנג אַז זיי האָבן דערגרייכט כמעט ביז די קני. קיין ביימאַשין צום פאַרריכטן האָט די מאַמע ניט געהאַט, קיין נאָדל־פאָדעם צו באַנייען די לאַנגע אַרבל האָט זי ניט געקענט געפינען. איז איר אײַנגעפאַלן פאַרקאַטשן די אַרבל און — ס׳האָט אויסגעקוקט גאַנץ לײַטיש. נאָר ווען חיים איז אָנגעקומען אין שולע, זײַנען שוין די אַרבל צוריק אַראָפּ־

געהאָנגען ווי אויף אַ טשוטשעלע, ווי אויף די שטעקנס וואָס מען שטעלט אוועק אין אַ גאָרטן אָפּצושרעקן און צו פאַרטרייבן די פייגל, זיי זאָלן ניט אויספּיקן די גרינסן... חיים האָט דאָס באַמערקט פּונקט ווען ער איז שוין געשטאַנען אין טיר פון קלאַס. יונתן דער לערער האָט אים אַ ווײַלע באַטראַכט, נאָר גאָרניט געזאָגט. ער איז נאָכגעגאַנגען חיימען אין קלאַס און מיט ליבשאַפט פאַרקאַטשעט די אַרבל פון חיימס מאַרינאַרקע... „זאָג דער מאַמען זי זאָל אָפּשנײַדן די אַרבל און פאַרנייען".

חיימען האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ פון לערערס גוטסקייט, ער האָט ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן... פּלוצלינג האָט ער זיך פונאַנדערגעוויינט.

— וואָס וויינסטו חיים ?

— די מאַמע האָט ניט קיין שערל.

— זאָל זי ניט אָפּשנײַדן, זאָל זי נאָר פאַרנייען.

— די מאַמע האָט ניט קיין נאָדל, — האָט חיים געכליפּעט.

— וועט זײַן גוט אַזוי, האָט יונתן ווייך גערעדט צום פאַראומערטן קינד.

דער לערער האָט אָנגעוויזן חיימען וווּ זיך צו זעצן. חיים האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן געזעצט אויף אַ שולבאַנק. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער האַנט, מיטן פאַרקאַטשעטן אַרבל, און שטילערהייט אַרײַנגעוויינט.

דער לערער איז אַרײַנגעקומען אין קלאַס און אָנגעהויבן צייכענען אויפן שוואַרצן טאָוול די ערשטע דײַטשע אותיות. חיים האָט געקוקט מיט פאַרווייינטע אויגן אויף די אותיות און אין געדאַנק האָבן זיך אים געפּלאָנ־טערט די לאַנגע אַרבל פון זײַן רעקל. ער האָט אין האַרצן געבעטן אַז דער לערער זאָל שוין הייסן גיין אַהיים... די צײַט האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף. פאַר שרעק ס'זאָל זיך אים ניט אַראָפּרוקן די פאַרקאַטשעטע אַרבל האָט ער ניט באַוועגט זײַנע הענט.

דערווײַל האָט יונתן דער לערער אַרײַנגעבראַכט העפטן, אויף די העפטן זײַנען געווען אויפגעשריבן אותיות, אַזוי ווי די געצייכנטע אויפן טאָוול. דער לערער האָט אַ ווײַלע אים אָנגעקוקט. ער האָט אים צוגע־

טראָגן דעם העפט און אַ גלעט געטאָן איבערן קעפּל. חיים האָט דערפילט
ווי מען וואָלט פון אים אַראָפּגענומען אַ שווערע משׂא...

*

חיימס טאַטע איז געווען איצט אַ שכיר־יום, געאַרבעט ביַים אָנלאָדן וואַגאָנעס. איז ער געווען אַ שטאַרקער רייכערער. אָבער איצט אין דער אָקופּאַציע־צײַט האָט מען קיין פּאַפּיראָסן ניט געקענט קריגן, און די וואָס מען האָט געקראָגן זיַינען געווען אַרויסגעגבבטע פון די דיַיטשע קאָמענדאַנטורן און האָבן געקאָסט זייער טיַיער. פון זיַינע מאָגערע פאַרדינסטן ביַים לאָדן וואַגאָנעס מיט שטיינער, האָט ער זיך ניט געקענט דערלויבן קויפן פּאַפּיראָסן.

דער פאַרלאַנג צום רייכערן האָט אים זייער געמאַטערט — איז ער געקומען צום געדאַנק אַז טאַבאַק מאַכט מען דאָך פון געטריקנטע בלעטער, פאַר וואָס זאָל ער ניט טריקענען די בלעטלעך פון קאַרשנביימער, וואָס וואַקסן איבערן וועג, און אַליין מאַכן פּאַפּיראָסן ?

דער איַינפאַל איז געווען אַ גאַנץ געראָטענער. חיימס טאַטע האָט אָנגעריסן בלעטלעך פון די קאַרשנביימער. ער האָט זיי אויסגעלייגט אויף די ברעטלעך פון די פענצטער און זיי האָבן זיך געטריקנט טאָג און נאַכט. די מאַמע האָט דאָס ניט געוואָלט ליַידן. די בלעטלעך האָבן זיך געשאָטן אויף דער פאָדלאָגע און צעטראָגן זיך איבער דער גאַנצער שטוב; אָבער דער טאַטע האָט געטאָן דאָס זיַיניקע. יעדן טאָג פלעט ער אויסקליַיבן די ברוינע בלעטער, וואָס זיַינען שוין געווען טרוקן, און וויקלען זיי אין פּאַפּיר, — אין ציַיטונג־פּאַפּיר.

דער רויך פון אַזאַ פּאַפּיראָס איז געווען שוואַרצלעך און געדיכט, אַזוי ווי פון אַ קליינעם קוימען, און דער ריח — אָפּגעהיט זאָל מען ווערן! ניט איין מאָל האָט זיך דאָס פּאַפּיר אָנגעצונדן און מען האָט געמוזט אים לויפן לעשן צום שיסל וואַסער.

אַז דער טאַטע האָט דערזען דעם נײַעם פאַפּירענעם העפט, וואָס חיים האָט געבראַכט דעם ערשטן טאָג פון שולע, איז אים באַלד איַינגעפאַלן אַ געדאַנק — ער וועט אַרויסריַיסן אַ פּאָר זיַיטלעך און מאַכן גוטע, אמתע

פּאַפּיראָסן... ער האָט אויפגעוואַרט ווען חיים איז איַינגעשלאָפן, אַרויס־געריסן צוויי זיַיטלעך פון מיטן פון העפט — ס׳איז כּמעט ווי ניט געווען קענטיק — און די פּאַפּיראָסן זיַינען אַרויס ריין כּמעט אמתע פּאַפּיראָסן ווי אַ מאָל... די צווייטע נאַכט האָט שוין דער טאַטע קיין סך ניט געטראַכט און אַרויסגעריסן נאָך אַ פּאָר זיַיטלעך.

פריַיטיק, ווען דער לערער האָט גענומען חיימס העפט אין האַנט, איז ער געבליבן פאַרווונדערט. — פאַר וואָס האָסטו אַרויסגעריסן זיַיטלעך? האָט ער מיט איַינגעהאַלטענער רוגזה געפרעגט.

חיים איז געבליבן שטום, דאָס פּנים בלייך. פאַר וואָס האָסטו אַרויס־געריסן די זיַיטלעך? האָט דער לערער געפרעגט מיט אַ שטרענגער שטים.

חיים האָט זיך איַינגעקאָרטשעט און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

— פאַר וואָס? פאַר וואָס? — האָט זיך דער לערער פונאַנדערגעשריגן, איבערשטיַיגנדיק חיימס געוויין.

די שילער האָבן זיך אויסגעדרייט צום לערער, צו חיימען און געוואַרט וואָס דאָ וועט זיַין...

פּלוצלינג, אַזוי ווי ס׳וואָלט פאַר אים עפּעס אויפגעשיַינט, האָט דער לערער זיך צוגערוקט צו חיימען און מיט אַ ווייכער שטים אים געפרעגט:

— פאַר וואָס ווילסטו מיר ניט זאָגן וואָס דו האָסט געטאָן מיט די זיַיטלעך?

— איך האָב זיי ניט אַרויסגעריסן... לערער — האָט חיים אַרויס־געוויינט אָפּגעריסענע רייד.

— ווער האָט דאָס געטאָן?

חיים איז געבליבן שטום.

— ווער האָט דאָס געטאָן?

— איך טאָר ניט זאָגן...

— פאַר וואָס טאָרסטו ניט זאָגן?

— אויף... אויף אַ טאַטן טאָר מען ניט זאָגן.

דער לערער, אַ פריטשמעליעטער, האָט קיין איין וואָרט מער ניט גערעדט. ער האָט זיך געלאָזט גיין צו די אַנדערע שילער און גענומען איבערקוקן זייערע העפטן. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו חיימען און אים אַריַינגערוימט: „כ׳וועל דיר ברענגען מיַין העפט. זאָלסט אים ניט

נעמען מיט זיך אַהיים; וועסט אים איבערלאָזן אַלע טאָג ביַי מיר, און אויף מאָרגן, ווען דו וועסט קומען אין שולע, וועל איך דיר אים צוריק־געבן״.

חיים האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שלעכטן חלום. אויף זיַין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל. דער לערער האָט אויך געשמייכלט.

*

די דיַיטשע מאַכט האָט שוין לאַנג ניט אָנגעהאַלטן; זיי האָבן געליטן אַ גרויסע מפּלה אויף די פראָנטן און אין איין טאָג האָבן זיי ווי צעהוד־זשעטע קראָען אַוועק פון שטעטל. ס׳איז אויפגעקומען דאָס ביַיע פּוילן.

חיים איז עלטער געוואָרן, און אין די העכערע קלאַסן האָבן די שילער בגנבה אָנגעהויבן רייכערן, מ׳האָט גערייכערט שפּיצלעך פון פּאַפּיראָסן, אַ מאָל אַ גאַנצן פּאַפּיראָס וואָס איין חבר האָט אַרויסגעשלעפּט ביַים טאַטן. די תּלמידים פלעגן בעטן דעם רייכערער אַ ציִ צו פאַרזוכן דעם ריח און האָבן פאַרגעניגן פון רויך, און זיך פילן עלטער — זיך פילן ווי אַ גאַנצער מענטש...

חיים פלעגט אינסטינקטיוו אָפּדרייען זיַין קאָפּ פון דעם. ער האָט ניט געקענט אָנקוקן אַ פּאַפּיראָס. ווי נאָר ער פלעגט דערפילן דעם ריח פון אַ פּאַפּיראָס פלעגט אים אָנהייבן שווינדלען אין קאָפּ...

קלוגע חיות

טעמפּע קלעפּ, וואָס זײַנען געקומען פֿון דער נאָענט ווי פֿון דער דערבײַיִקער הילצערנער וואַנט, האָבן מיך אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף. איך האָב צעעפֿנט די אויגן, זיך אַרומגעקוקט און אַראָפּגעשפּרונגען פֿון בעט. איך בין צוגעלאָפֿן צום פֿינצטערן שלאָפֿצימער — קיינער איז ניט געווען. מײַן טאַטע, האָב איך געוווּסט, גייט אַוועק פֿאַר פֿרי צו דער אַרבעט — לאָדן שטיינער, צעריסענע פּאַרטן, קלעצער פֿון די צעבומענע אָקאָפּעס, שטיקער אײַזן פֿון אויפֿגעריסענע שראַפּנעלן און באָמבעס. דאָס אַלץ פֿלעגט ער מיט די הענט אַרויפֿשלעפּן אויף קליינע וואַגאָנעטקעס, זיי אָנפֿילן ביז אויבן. איבערן טאָג פֿלעגן פֿון ווערן אַזעלכע צענדליקער וואַגאָנקעס. פֿאַר נאַכט פֿלעגט אָנקומען אַ באַן וואָס איז געגאַנגען צו דער דײַטשער גרענעץ. צום לעצטן וואַגאָן פֿלעגט מען צוטשעפּן די ליניע מיט פֿולע וואַגאָנעטקעס און אַוועקפֿירן. צו מאָרגנס זײַנען שוין אויף דער ערשטער ליניע געשטאַנען אַנדערע, ליידיקע... קיין ליידיקע האָבן קיין מאָל ניט אויסגעפֿעלט...

מײַן טאַטן האָב איך זעלטן געזען, נאָר אין די זונטיקס. ער פֿלעגט אַוועקגיין פֿאַר פֿינצטער און צוריקקומען גאָר שפּעט. דאָס גיין צו פֿוס זיבן וויאָרסט פֿון שטעטל ביז דער פֿעסטונג ווו ער האָט געאַרבעט און צוריק האָבן אויפֿגעפֿרעסן די פֿרימאָרגנס און פֿאַרנאַכטן.

אַוו איז די מאַמע? אויך אַוועקגעגאַנגען? איך בין צוגעלאָפֿן צום פֿענצטער וואָס האָט אַרויסגעקוקט צו דער גאַס. אַ העלע ליכטיקייט האָט געשלאָגן פֿון שטילן דרויסן.

ס׳האָט זיך איבערגעחזרט דאָס טעמפּע קלאַפּן, ווי פֿון עפּעס אַ לעבע־דיקער זאַך וואָס האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן האָלץ, אָן אַ וואַנט, אָן אַ מויער. איך בין צוגעלאָפֿן צו דער ערשטער טיר, אַ דריק געטאָן פֿאַר דער קליאַמקע. פֿון אויסנווייניק האָט אַ קלאַפּ געטאָן דאָס קייטל מיט אַן אויפֿגעהאָנגענעם שלאָס. איך האָב אָפּגעלאָזט די קליאַמקע. „פֿאַרשלאָסן!“

האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ, „די מאַמע איז אויך אַוועק!" איך האָב זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און צוגעלאָפן צו דער הינטערשטער טיר, אַ שלעפּ געטאָן דעם רוקער, אַ שטויס געטאָן די טיר מיטן גאַנצן כּוח און זי אויפגעעפנט. ס'איז מיר געוואָרן לײַכטער, ווי איך וואָלט זיך פון עפּעס באַפרײַט. די טירלעך פון פּירהויז זײַנען געווען אָפן, מיט איין שפּרונג בין איך שוין געשטאַנען אויפן הילצערנעם בריקל וואָס האָט געפירט צום הויף.

דער גרויסער מײַבוים איז געשטאַנען אָן אויסגעלאָשענער, ווי דער זומער וואָלט פאַרברענט זײַנע בונטע קליידער און אים געלאָזט אַ נאַקעטן, אַ גרויען. פון צווישן די ענגע שטאַכעטן, וואָס האָבן אָפּגעצאַמט אונדזער הויף פון צווייטן, האָט זיך געזען דאָס געשטאַלט פון דעם מיליטער־קאָמענדאַנט דעווילערן. זײַן גרינלעכער מונדיר מיט בלישטשענדיקע קנעפּ, דער אַרבל פון מונדיר האָט זיך אַ הוידע געטאָן אין דער לופטן און אַרום אים האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ געלע שטיק מאַסע, אַ שווערע; ס'האָט אַ טעמפּער טרעשטש געטאָן אָן דער הילצערנער וואַנט פון דער קאָמענ־דאַטור־קיך, באַגלייט פון אַ וואָיען ווי דאָס געיאָמער פון אַ הונט. איך האָב זיך אַ שטאַרקן צאַפּל געטאָן. מײַנע פיס האָבן זיך אונטערגעבראָכענע געזעצט צו דער ערד. „וואָס טוט ער? וועמען שלאָגט ער?" כ'האָב אַ שפּרונג געטאָן פון בריקל און צוגעלאָפן צום פּאַרקאַן.

דעווילער האָט אויף זײַן רעכטער האַנט געהאַט אַרומגעוויקלט אַ קייט וואָס האָט זיך געצויגן ביז צום האַלדז פון אַ געלן פוקס. ווי נאָר דער פוקס פלעגט, מורא האָבנדיק פאַר נײַע קלעפּ, אַ הייב טאָן זיך און וועלן אַנטלויפן, פלעגט דעווילער אַ צי טאָן די קייט און זי אָנהייבן דרייען צוזאַמען מיטן פוקס קלאַפּנדיק אים אָן וואַנט, איין מאָל נאָכן אַנדערן, ביז ס'פלעגט אים מיד ווערן די האַנט, דעמאָלט פלעגט ער אים אָפּלאָזן אויף דער ערד. „פאַרבלײַב דאָ"! האָט ער צום פוקס געררעדט אויף דײַטש. דער פוקס האָט אָבער דעווילערן ניט פאַרשטאַנען, און ווי נאָר ער איז געקומען צו זיך פון די קלעפּ, האָט ער זיך געפּרוווט אויסבאַהאַלטן פון נײַע, ער פלעגט זיך אַ שאַר טאָן אויפן בויך בענטער צום פּלאַנקען. דעווילער האָט דעם פוקס פאַר זײַן עקשנות ווײַטער אָנגעהויבן וואַרפן

אין דער לופטן און אַנקלאַפּן אָן דער האַרטער הילצערנער וואַנט, ביז ער האָט איינגעבראָכן דעם פוקס' עקשנות, אים אויסגעלערנט צו פאַרשטיין וואָס ער, דעווילער דער קאָמענדאַנט באַפעלט אים. דער פוקס איז געבליבן ליגן אויף דער ערד. זיינע פאַרבלוטיקטע אויגן האָבן פאַרגליווערט געקוקט צום בלוטיק־רויטן פּנים פון זיין לערער און ביסלעכווייז זיך פאַרמאַכט.

דעווילער האָט אַ צי געטאָן די קייט, דער פוקס האָט זיך ניט גערירט. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פוס אָן זיין געלער פעל, אָן דער ערד, דער פוקס האָט זיך ניט גערירט. ער האָט אַראָפּגעריסן דאָס קייטל פון זיין האַנט און מיט אַ צעפלאַמטן פּנים עס אַ שלייַדער געטאָן צום פוקס: „צום טייוול! מאַן זאָגט דער פוקס איז קלוג, דו ביסט אַזוי דום ווי אַלע טירע! גיי פאָרט!" דער פוקס האָט זיך אָבער ניט גערירט...

דעווילער איז אַ ווייַלע געשטאַנען, באַטראַכט זיין קרבן, מיליטעריש זיך אויסגעדרייט אויף לינקס און געלאָסן אַוועקגעשפּרייזט איבערן הויף צו דער קאָמענדאַנטור.

איך האָב צוגעטוליעט מיין פּנים צו די שטאַכעטן פון פּאַרקאַן, געשטאַנען און געוואַרט, דער פוקס זאָל זיך געבן אַ ריר. מיין בליק האָט פון דער ווייַטן געגלעט די פעל פון דעם פוקס, איך האָב צו אים גערעדט: „כאַפּ זיך אויף! אַנטלויף! אַנטלויף! ער איז דאָך שוין נישטאָ" מיינע רייד זיינען געווען אומזיסט. מיט די פאָדערשטע פיסלעך איינגעקאָרטשעט פון ווייטיק אונטערן בויך, מיט די הינטערשטע אויסגעצויגן, איז געלעגן דער פוקס, וואָס האָט ניט באַנומען די דייַטשע שפּראַך, די דייַטשע דערציִונג.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן לעצטן טרעפּ אַ דערדריקטער, אַ פאַרטרויערטער, מיינע אויגן האָבן אַריבערגעקוקט צווישן די שטאַכעטן צום צווייטן הויף, דער פוקס איז געלעגן אויף דער שוואַרצער צעטראָטענער ערד. „ער איז געשטאָרבן", האָב איך צו זיך געטראַכט, „ניין! מען האָט אים דערהרגעט, מען האָט צוגענומען ביי אים דאָס לעבן. דאָס איז ניט געשטאָרבן. ער ווייס אַז מען שלאָגט אים שוין ניט מער? ניין! ער ווייס ניט, ער ווייס אַז מען שלאָגט אים! דאָס איז דער לעצטער געדאַנק וואָס איז פאַרגליווערט געוואָרן אין זיין מוח".

אַ מידער און צעקלעמטער בין איך אַרײַן אין שטוב. איך בין צוגע־גאַנגען צו דער ברויטשאַפּקע, אַרײַנגערוקט די האַנט דורכן צוגעקלאַפּטן טאָוול, אַנשטאָט דעם אויסגעבראָכענעם שײַבל, און געזוכט מיט דער האַנט אַ שטיקל ברויט. אָנגעטאַפּט מיט די פינגער קרישקעס, איין קרישקע אַ גרעסערע האָב איך אַרויסגעשלעפּט און אַרײַנגעלייגט אין מויל. איך האָב נאָך אַ מאָל, אַרײַנגערוקט די האַנט, אָנגעטאַפּט דאָס קייטעלע פון אינעווייניק און אויפגעעפנט די שאַפּקע. דער סלאָיעק פון צוקער איז געשטאַנען אַ ליידיקער. אין אַ פּאַפּירענער טאָרבע זײַנען געלעגן אַ ביסל לינדזן, איך האָב אַרײַנגענומען אין מויל אַ פּאָר קערנדלעך, געפּרוווט זיי צעקײַען און ניט געקענט. אויף דער צווייטער פּאָליצקע, אונטערן פּאַפּיר, ווי אימעצער וואָלט דאָס מיט אַ כּיוון פֿאַרבאַהאַלטן, איז געלעגן אַ שטיקל צוקער, ס'האָט מיר אַ ציי געטאָן די האַנט: „אוי, מען דאַרף דאָס צום טרינקען טיי... פאַרן טאַטן...״

איך האָב עס אַזוי קלערנדיק אַרײַנגעלייגט אין מויל און שטאַרק געסמאָטשקעט. דערנאָך פאַרמאַכט די שאַפּקע און אַוועקגעשפּרײַזט צום אויוון, אַן עפן געטאָן די פּעטשורקע — איך האָב געוווסט אַז דאָרטן איז גאָר ניטאָ. דער הונגער האָט געצוקט. איך האָב זיך צוגערוקט צום פענצטער וואָס האָט אַרויסגעקוקט צו דער גאַס, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער האַנט און געטראַכט: ווי מאָדנע, הייסט אַז דער מענטש קען אויך ערגער זײַן ווי אַ חיה. — —

אַרויסגעריסן די וואָרצלען

חיים האָט פאַרלאָזט די היים אין זייער אַ שווערער צײַט. זײַן טאַטנס אַכסניא האָט ניט געגעבן קיין פּרנסה. זעלטן ווען ס'פלעגט אַרײַנפאַלן אַ גאַסט. די ייִדישע האָלץ־סוחרים, וואָס פלעגן שיקן פליטן איבער דער באַברע קיין דאַנציק און דאָרטן זיי לאָדן אויף שיפן וואָס פלעגן גיין קיין ענגלאַנד און אַנדערע לענדער, האָבן אויפגעהערט קומען. קאָמיסיאָנערן פון וואַרשע און לאָדזש האָבן אויך אויפגעהערט קומען, ווײַל די פּוילישע מלוכה האָט אַרויפגעלייגט גרויסע שטײַערן און דורך אַלערליי געזעצן אַרויסגעריסן די געשעפטן פון ייִדישע הענט. אַן אַלמנה וואָס האָט פאַר־מאָגט אַן אייגן הויז און ניט געדאַרפט צאָלן קיין דירה־געלט, האָט געעפנט נאָך אַ גאַסטהויז. די באַלעגאָלעס וואָס פלעגן פאָרן צו דער באַן און ברענגען די געסט פלעגן זיך אָפּשטעלן אויפן ווינקל פון מאַרק פונקט אַנטקעגן אָט דער נײַער אַכסניא.

די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט שׂנאה צו ייִדן. די ייִדישע יוגנט האָט זיך געריסן צום אַנטלויפן ווו נאָר ס'האָט זיך געלאָזט.

חיימען איז אָנגעקומען זייער שווער צונויפצוקריגן אויף אַ שיפס־קאַרטע, ביז אַן אַלטער פעטער פון שיקאַגאָ וואָס האָט שוין ניט איין מאָל געהאָלפן זײַנע עלטערן האָט זיך דערבאַרעמט און געשיקט די הונדערט צען דאָלער אויף רײַזע־הוצאות.

דאָס געזעגענען זיך מיט די אַלטע טאַטע־מאַמע איז געווען אַ שווערע איבערלעבונג, פאַר חיימען און נאָך שווערער פאַר זיי. גאַנצע נעכט איז געזעסן די מאַמע און געוויינט. חיים פלעגט זיך אויפכאַפּן פון שלאָף און נעמען באַרויִקן זײַן מאַמע, אָבער זי פלעגט אַרויסשלוכצן קורצע ווער־טער: — „כ'וועל דאָך דיך שוין מער ניט זען", און נאָך שטאַרקער זיך צעוויינען.

איין פאַרטאָג האָט חיים זיך אויפגעכאַפּט און דערזען זײַן טאַטן שטייענדיק מיטן פּנים צום פענצטער און וויינען אויפן קול.

— טאַטע, וואָס ווייסטו ? — האָט אים חיים געפרעגט. — דו אַליין האָסט דאָך מיר געזאָגט איך זאָל אַוועק אַוווּ די אויגן וועלן מיר טראָגן און ניט גיין דינען דעם פּאַליאַק...

— יע, קינד מיינס, פאַר דיינעט וועגן, פאַר דיין טובה, אָבער וואָס וועלן מיר דאָ טאָן אַליין ? וואָס וועט פון אונדז ווערן ? צוויי קינדער און מיר האָבן זיי מער ניט...

חיים האָט זיך פונאַנדערגעוויינט און דער טאַטע האָט געטרייסט...

דעם טאָג פון אַוועקפאָרן האָט די מאַמע איינגעפּאַקט זיין וואַליזקע, עטלעכע פּאָר וועש מיט לאַנגע אַרבל, אַ רעקל, אַ פּאָר הויזן... די וואַליזקע איז געווען כמעט אַ ליידיקע, דער טאַטע איז צוגעקומען זייטיקלעך, — חיים זאָל ניט באַמערקן — אַריינגעלייגט זיין פּאָר תּפילין וואָס ער האָט שוין לאַנג ניט געלייגט...

— נעם זיי מיט, קינד מיינס, — האָט דער טאַטע געזאָגט ווען ער האָט באַמערקט ווי חיים קוקט זיך איין. — אפשר וועסטו בייטן דיין מיינונג... זיי וועלן דיך אָפּהיטן...

— נעם מיט די תּפילין, קינד מיינס, — האָט דער טאַטע מיט טרערן אין די אויגן איבערגעחזרט, ווען ער האָט באַמערקט חיימס פאַרגליווערט פּנים.

מיט די קורצע ווערטער, וואָס האָבן געקלונגען ווי אַן אומעטיקע תּפילה האָט דער טאַטע חיימען כמעט ווי איבערצייגט. חיים האָט אָבער ניט געוואָלט אָפּנאַרן דעם טאַטן...

— טאַטע, איך דאַרף זיי ניט...

די מאַמע האָט זיך איינגעהערט און געשוויגן.

— זונינקע! איך האָב פאַרריכט נאָך אַ פּאָר זאָקן, וואַרעמע, אָבער אין דער פרעמד וועלן זיי דיר צו נוץ קומען... די צוויי העמדער ליגן אונטן אין אַ פּאַפּיר זיי זאָלן זיך ניט פאַרשמירן. וואָס נאָך, זונינקע, קען איך דיר מיטגעבן ? איך האָב דיר געוואָלט קויפן אַ פּאָר שיך, אַן שנורעווקעס, היינט טראָגט מען דאָס, אָבער... גאָט זאָל דיר העלפן, זאָלסט אָנקומען בשלום, דו האָסט דאָך שוין געהאַנדלט מיט אַ סך אַרטיקלען, דו קענסט דאָך אַזוי גוט די פּעלכלעך פון פוקס, פון מאַרדערס...

— מאַמע, דאָרט, זאָגט מען, איז זייער הייס, טראָגט מען ניט קיין פוטערס, זאָרג ניט, איך וועל שוין געפינען וואָס צו טאָן.

— זונינקע, דער טאַטע וויל דו זאָלסט מיטנעמען די תּפילין, טו אים צוליב, נעם זיי מיט, זיי וועלן דאָך דיר ניט שטערן... אפשר וועלן זיי העלפן... מיר גלייבן אַז תּפילין קענען זייער אַ סך העלפן.

— טאָ פאַר וואָס האָבן זיי אונדז ניט געהאָלפן? — האָט חיים אַ פאַרביטערטער אַ זאָג געטאָן.

— יע, זונינקע, פאַר וואָס האָבן זיי אונדז ניט געהאָלפן... און דו דאַרפסט אונדז, צוויי אַלטע צעבראָכענע מענטשן אָן פּרנסה איבערלאָזן אויף הפקר... צוויי קינדער און געבליבן אַליין...

די מאַמע האָט זיך פונאַנדערגעוויינט ווי אַ קינד. חיים האָט זיך ניט געקענט קאָנטראָלירן און מיטגעוויינט. דער טאַטע האָט זיך צוגערוקט צו ביידן און מיטן אָרבל פון שבתדיקן סורדוט געווישט די טרערן פון די אויגן.

— חיימקע, איך וועל פאַר דיר בעטן אַלע טאָג. מײַנע תּעניתים מאָנטיק און דאָנערשטיק וועלן איצט זײַן פאַר דיר, נאָר איך בעט דיך נעם מיט די תּפילין.

חיים האָט אינסטינקטיוו, קעגן אַלע זײַנע איבערצײַגונגען, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— יע, טאַטע! כ׳וועל מיטנעמען די תּפילין און איך וועל בעטן פאַר אײַך.

די מאַמע האָט אַרומגענומען חיימען, אים געקושט, און שטילערהייט זיך געבעטן: „זאָלסט אונדז ניט פאַרגעסן, דײַנער אַ בריוו, איין שורה, דײַנער אַ קאָנווערט וועט פאַרגרינגערן אונדזערע לעצטע יאָרן, זאָרג ניט פאַר אונדז... זאָג אונדז נאָר ווי דיר גייט, ווי דו לעבסט, שרײַב אונדז, שרײַב אונדז, דאָס איינציקע וואָס איך בעט דיך״.

משה דער פורמאַן האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער. — ס׳ווערט שפּעט, דו ביסט ניט אַליין, איך פיר נאָך פּאַסאַזשירן, די באַן וועט מיר אַוועקגיין.

חיים האָט געעפנט די הויזטיר און דערזען אַז דער וואָגן איז אַרומ־

געריִנגלט מיט שול־חברים און שכנים מיט וועמען ער האָט אָפּגעלעבט די ערשטע אַכצן יאָר פון זײַן לעבן. זײַן בליק איז געפאַלן אויף די פאַר־שנייטע ביימער פון אַלטער־יאַנקלס סאָד, אויף די גאַניקעס פאַר די היל־צערנע הײַזער אויף דער פיש־גאַס, אויפן ווײַסן פארשנייטן אַלטן מאַרק, אויפן אומעטיקן גרויען הימל, און זײַנע לײַכטע פיס זײַנען ווי פאַר־שטאַרט געוואָרן, קוים וואָס ער האָט געשטעלט אַ טראָט. אָבער עפּעס האָט אים כּסדר אונטערגעזאָגט, „האַלט זיך, זאָלסט ניט וויינען, פאַרסט אין דער גרויסער וועלט...״

דער טאַטע האָט אים געהאַלטן פאַר איין האַנט, די מאַמע פאַר דער צווייטער. פלוצלינג האָט די מאַמע אַרויפגעלייגט איר צווייטע האַנט אויף חיימס האַלדז, חיים האָט דערהערט אַ דינעם טרעשטשען ווי ס׳וואָלטן זיך געבראָכן צווײַגן... ער האָט דערפילט אַז די הענט וואָס האַלטן אים זײַנען אַ טייל פון אים, פון זײַן גוף, פון זײַן לעבן, ער רײַסט זיך אָפּ פון עפּעס וואָס איז אַרײַנגעוואַקסן אין אים... און דער ריס ציט זיך, ציט זיך ביזן האַרצן — — —

— וויינט ניט, — האָט ער מיט אַ ציטערדיקער שטימע זיך געבעטן — וויינט ניט, איך לעב דאָך... איך הייב דאָך אָן אַ נײַ לעבן...

די מאַמע האָט כליפּענדיק אַרויסגעמורמלט: — יע, קינד מײַנס, אָבער מיר, מיר...

אַלע האָבן זיך געווישט די טרערן, די חברים, די פּאַסאַזשירן, משה מאַזור, דער פורמאַן... און פלוצלינג ווי ס׳וואָלט עפּעס געפּלאַצט אין אים האָט ער אַ ברום געטאָן:

— און מײַנע קינדער...

אָפּגערוקט פון וואָגן זײַנען געשטאַנען צוויי מיידלעך. חיים האָט אַ טראַכט געטאָן „מײַן מיידל״, אַזוי פלעגט ער איר רופן אין זײַן געדאַנק, ער האָט זיך שוין מיט איר געזעגנט עטלעכע מאָל, ער איז נעכטן בײַ נאַכט געווען בײַ איר אין שטוב און זיך געזעגנט מיט איר מאַמען. נאָר עפּעס דאָ, שטייענדיק אויף דער גאַס וווּ ער האָט געקענט יעדן שטיין, יעדעס בריקל, יעדן בוים, איז אים געוואָרן אַזוי אומעטיק און ביטער אויפן האַרצן, און ווי די פיס וואָלטן זיך צוגענעגלט צו דער ערד. ער האָט געוואָלט נאָך

אַ מאָל צוגיין צו איר און זאָגן — אַזוי אַז אַלע זאָלן עס הערן — „זײַ געזונט, מײַן געליבט מיידל״, נאָר ער האָט ניט געקענט געבן קיין טראָט... איבער זײַן פּנים האָבן זיך אַ גאַס געטאָן טרערן, ווי זיי וואָלטן אים אַ שטויס געטאָן פאָרויס: „זײַ געזונט...״

חיים האָט זיך אַ ריס געטאָן צום וואָגן וואָס דאַרף אים פירן אין דער ווײַטער וועלט און אין געדאַנק האָט זיך ווײַטער געשפּונען דאָס לעצטע וואָרט: „זײַ געזונט, כ׳וועל דיך זען, כ׳וועל דיך קיין מאָל ניט פאַרגעסן, ניט פאַרלאָזן״. נאָר דאָס מיידל האָט דאָס ניט געהערט.

צווייטער טייל

קובאנער דערציילונגען

די דרײַ צויבער־קעניגן

כילבערטיקאָ איז אַ ברוינינקער, ברוין ווי געברענטע קאַווע, ניט ווײַל די זון האָט אים אָפּגעברענט, נאָר ווײַל ער איז אַזוי געבאָרן געוואָרן. ווען ער וואָלט ניט אָנגעהויבן אַרויסגיין אין גאַס, זיך דערשלעפּן ביז צום ראָג און אַ מאָל פאַרקריכן ביז צום שפּיטאָלפּאַרק, וואָלט ער דאָס גאָרניט געוווּסט. אין גרויסן סאַלאָר, אַוווּ ער וווינט מיט זײַן טאַטן און מאַמען, זײַנען אַלע קינדער ברוינע, פאַראַן נאָך טונקעלערע ווי ער... פאַראַן נאָר איין מיידעלע דאָרטן אַ ווײַסערע, האָט ער שוין אַ פּאָר מאָל געפרעגט זײַן מאַמען פאַר וואָס ראָסיטאַ האָט אַ קאָליר פון געקאָכטע קאַרטאָפל...

— ווײַל זי איז אַזוי געבאָרן געוואָרן! — האָט די מאַמע אים קורץ געענטפערט.

אויף די עלטערע איז אים גאָרניט אײַנגעפאַלן צו פרעגן...

כילבערטיקאָ איז אונטערגעוואַקסן און זיך אָנגעהויבן אַרומשלעפּן איבערן דורכגאַנג פון סאַלאָר, אַרויסקריכן פון טיר. ער איז שוין אַלט געווען אַ יאָר זיבן, כאָטש ער האָט נאָך אויסגעקוקט אויף פינף. די קורצע פיסעלעך האָבן אַלע מאָל זיך פאַרטשעפּעט אָן די שפּיציקע שטיינער פון גרויסן הויף, און ער פלעגט פאַלן. כילבערטיקאָ פלעגט אַ קרעכץ טאָן און זיך רוקן ווײַטער. אַז דער ווייטיק איז געווען גאָר שטאַרק, פלעגט ער זיך אַרומקוקן צי קיינער זעט ניט, אַ ווישׁ טאָן מיט די שמוציקע פינגערלעך די רויטינקע אויגן. זײַן הענטל איז געוואָרן פײַכט און ער האָט זיך געשעמט ווײַטער, אַבי קיינער זעט ניט. מער פאַר אַלץ האָט ער מורא געהאַט טאָמער דערזעט די מאַמע, זי וועט אים נאָך גוט אָנשלאָגן און ניט לאָזן מער אַרויסגיין פאַר דער טיר. פאַר דער מאַמעס קלעפּ האָט ער געציטערט, זי שלאָגט שטאַרק און שרײַט נאָך שטאַרקער... ווען די מאַמע שלאָגט אים בעט ער גאָט, אַז דער טאַטע זאָל שוין גיכער אָנקומען. דער־הערט זי נאָר דעם טאַטנס טריט, הערט זי אויף צו שלאָגן און פאַר־

ענטפערט זיך. דער טאַטע האָט זיך שוין ניט איין מאָל אָנגענומען פאַר אים און געשלאָגן די מאַמען, ווייַל ער האָט אים געטראָפן אַ צעבלוטיקטן...

שטייענדיק לעבן טיר פון סאַלאַר האָט כילבערטיקאָ פּלוצלינג ווי זיך דערמאָנט, ער האָט אַ הייב געטאָן די הענטלעך צו די אויגן:

— זע נאַר, איך בין אַ טונקעלער. דאָס יינגעלע וואָס איז פאַרבייַגע־גאַנגען איז אַנדערש, אַזוי ווי מען וואָלט אים אָפּגעבאָדן אין מילך, נאָך ווייַסער פון ראָסיטאָן. — ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זייַנע בּאָרוועסע פיסלעך, וואָס זייַנען געווען שמוציק און זיך אַראָפּגערוקט פון שוועל אויף צוריק אינעווייניק אין סאַלאַר.

כילבערטיקאָ איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פון ראָסיטאָס צימער און דאָרט אַרייַנגעקוקט. ראָסיטאָס מאַמע איז געשטאַנען און געפּרעסט. אויף אַ קעסטל דערנעבן איז געלעגן אַ באַרג מיט געוואַשענע, צעקנייטשטע וועש. זי האָט זיך אַ בייג געטאָן צו דער טיר און איבערגעביטן דאָס אייַזערנע פּרעסל אויף אַ צווייטס, וואָס האָט זיך געוואַרעמט אויף צע־פלאַמטע קוילן.

כילבערטיקאָ האָט מיט אַ מאָל דערזען: „זי איז דאָך אויך אַזאַ ווייַסע ווי ראָסיטאָ”. די פרוי האָט אים באַמערקט ווי ער שטייט אַנטקעגן טיר און פרייַנדלעך געפרעגט:

— וואָס ווילסטו, שוואַרצינקער?

— גאָרניט... האָט ער געענטפערט און זיך אַוועקגעשאַרט ווייַטער צום לעצטן צימער. גייענדיק האָט זיך אים געפּלאָנטערט אין קינדערשן מוחל: „איך בין אַ שוואַרצינקער... ראָסיטאָ אין אַ ווייַסע...”

כילבערטיקאָ אין אַרייַן אין צימער און זיך אַוועקגעזעצט אויף זייַן בענקעלע — אַ פּירקאַנטיק הילצערן קעסטעלע. אויפן קאָלירטן פּאַפּיר וואָס האָט פאַרדעקט איין זייַט זייַנען געווען אויסגעמאָלן עטלעכע גרויסע עפּל. פון קעסטעלע האָט געשלאָגן אַ ריח פון פּרוכט. ער האָט געלאָכטן באַטראַכט זייַנע הענט, אַראָפּגעקוקט צו די באָרוועסע פיסלעך און גע־טראַכט וועגן זייער קאָליר...

אין טיר האָט זיך באַוויזן דער טאַטע.

— וואָס זיצסטו אַזוי? מען האָט דיך געשלאָגן?

— ניין, טאַטע! ניין! קיינער האָט מיך ניט געשלאָגן, די מאַמע איז ניטאָ. — ער האָט שטאַרק צעעפנט די רויטינקע אייגעלעך און אָנגעקוקט דעם טאַטן... עס האָבן זיך אין אים געפּלאָנטערט דער מאַמעס רייד: „מיר זײַנען אַזוי געבאָרן געוואָרן...״

*

יום־טובדיקע טעג האָבן זיך אויסגעלייגט אין די טונקעלע, פּײַכטע צימערלעך פון אַלטן סאָלאַר, העלער געמאַכט די גרויע ווענט פון וועלכע עס האָט זיך אומאויפהערלעך געשאָטן דער צעטריקנטער זאַמד און ליים. עמעצער האָט אויפן זונטיק־פרימאָרגן אָפּגעקאַלכט דאָס שטיקל וואַנט אַרום דער טיר. האָבן אים די שכנים געגעבן אַנטלײַען דעם עמער און דעם פּענדזל, וועלן זיי אויך קויפן אַ ביסל וואַפּנע און אים נאָכטאָן.

צימער נאָך צימער, האָט יעדער פאַרקאַלכט די לאַנג אָנגעוואַקסענע גרויקייט אַרום די טירלעכער. אָבער די צעברענטע ברוינע פאַרב אויף די צעטריקנטע אַלטע טירן איז געוואָרן נאָך טונקעלער, נאָך קויטיקער, ווי עס וואָלט אויף זיי אַרויפגעשאָטנט די עלטער.

אַ צעשפּילטע זון האָט אַ לײַכט געטאָן אויף די פאַרפאַרבטע שטיקער ווענט איבער דעם ווײַסן קאַלך און אויסגעגאָסן די פרייד פון אַן אָפּגעלעבטן, איבערגעקומענעם יאָר און די האָפנונג אויף אַ בעסערן...

די קולות פון די שכנים האָבן געקלונגען פריילעכער. דאָס „נײַיאָר״־וואָרט האָט זיך געפּלאָכטן אין אַלע רייד און זיי געמאַכט היציקער, הייסער.

פון מאָל צו מאָל האָט מען עמעצן אַרײַנגעטראָגן אַ פּעקעלע אין הויף, אײַנגעוויקלט אין פרישן פּאַפּיר. קיינער האָט ניט געדאַרפט פרעגן — אַלע האָבן געוווּסט, דאָס איז אויף נײַיאָר.

אין פרימאָרגן ערב נײַיאָר איז דער הויף געוואָרן ווי אַ בינשטאָק. קיינער איז ניט אײַנגעשטאַנען אויף אַן אָרט, אַרײַן און אַרויס, דער אַלטער סאָלאַר איז אָנגעפילט געוואָרן מיט זיסע ריחות. עס האָבן געשלאָגן ריחות פון צעוווירענעם ווײַן, פון געפילטן כאַלוואַ, פון געמאַלענע ניס, פון אַלעם גוטן וואָס דער גומען קען זיך נאָר דערמאָנען.

כילבערטיקאָ האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן אָפּגעפרישטן הויף און

געמאָסטן מיט די באַרוועסע פיסלעך די שטיינער, וואָס אַ גוטער שכן האָט אַרײַנגעפּאַסט צוריק אויף זייער אַמאָליקן אָרט, און האָט אַרײַנגעאָטעמט די גוטע ריחות...

אויפן קליינעם טישעלע אין זייער צימער זײַנען שוין אויך געלעגן עטלעכע פּעקעלעך, גוט ארומגעבונדענע. כילבערטיקאַ האָט זיך צוגערוקט, זיי אַ טאָפּ געטאָן מיט די פינגערלעך, געקלאַפּט מיט די שפּיצן פון די פינגער אין פּאַפּיר, אָן אַ טאָוולנעם קעסטעלע, צוגערוקט דעם פלאַטשיקן נעזעלע צום פּעקל, אַ צי געטאָן דעם אָטעם און געטראַכט: ס׳איז פאַר אונדז...

— כילבערטיקאַ! כילבערטיקאַ! — האָט אים גערופן ראַמאַנסיטאַ, דעם שכנס ייִנגעלע — קום אַרויס וועסטו עפּעס זען אַ זאַך!...

כילבערטאַ איז אַרויסגעלאָפן פון צימער.

ראַמאַנסיטאַ איז געשטאַנען מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ און אויסגעקוקט העכער ווי שטענדיק. ווען ער זעט ניט זײַן פּנים וואָלט ער אים געוויס ניט דערקענט... ער האָט געטראָגן אַ פּאָר בלויע מעכאַניקער־הייזלעך מיט שלייקעס פון דער זעלבער סחורה, איבערגעקרײַצט איבער די אַקסלען.

— מען האָט דאָס דיר געשאָנקען, ראַמאַנסיטאַ?

— מען האָט דאָס מיר געקויפט, כילבערטאַ, און שיך אויך... מאָרגן איז דאָך נײַיאָר. מײַן טאַטע זאָגט, אַז די „רעיעס" וועלן מיר ברענגען נאָך אַ סך זאַכן, וואָס איך וועל בעטן...

ר אַ מ אַ נ ס י ט אַ האָט זיך געשטויסן צו רעדן נאָך, אָבער כילבער־טיקאַ האָט זיך אויסגעדרייט — ווי ער וואָלט מער ניט קענען אויסהערן — און זיך אַרײַנגעשלײַכט אין צימער. ער האָט נאָך אַ מאָל באַטראַכט די פּעקלעך אויפן טיש, ס׳האָט אים ניט אָפּגעלאָזט: „וואָס קען דאָרטן זײַן? אפשר שיך פאַר מיר... באַלד וועט קומען די מאַמע..." ער האָט זיך אַוועק־געזעצט אויפן קעסטעלע — געקוקט אויף זײַנע באַרוועסע פיס, אויף די צוויי ברוינע לאַטעס אין די קני פון די גרויע הייזלעך, געקוקט און געשוויגן. אין די אויערן האָט אים נאָך אַלץ געקלונגען: „מען האָט דאָס מיר געקויפט"!

כילבערטיקאַ האָט דערהערט האַסטיקע טריט איבערן הויף, ער האָט זיך אַ הייב געטאָן פון קעסטעלע און געלאָפן צו דער טיר.

פון הויף האָט זיך געהערט דער מאַמעס קול:

— כילבערטיקאַ! ווּ ביסטו? קום אַהער! קום, וועל איך דיר אָנמעסטן די נײַע שיך...

כילבערטיקאַ איז אויפגעשפּרונגען. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם אײַנגעוויקלטן שאַכטל און זיך ווילד פונאַנדערגעשריגן:

— ראַמאָן! ראַמאָנסיטאַ! ווּ ביסטו? קום, וועסטו זען... מײַנע נײַע שיך!

ער איז נאָכגעלאָפן דער מאַמען ביז צו דער טיר, געשפּרונגען שרײַענדיק און רופנדיק...

ראַמאָן — זײַן חבר — איז אים נאָכגעלאָפן און אָרײַנגערעדט:

— און די „רעיעס" וועלן דיר ברענגען נאָך זאַכן? וואָס האָט געזאָגט דײַן טאַטע?...

*

— מיר וועלן די „רעיעס" ברענגען שיך! — האָט ראַסיטאַ דורך די אײַזערנע גראַטעס פון נידעריקן פענצטער אָנגעזאָגט די ייִנגלעך וואָס זײַנען געשטאַנען אויפן הויף און זיך דערציילט איינער דעם צווייטן וואָס זיי וועלן בעטן בײַ די „רעיעס מאַגאָס" (צויבער־קעניגן).

— הע, איך דאַרף ניט קיין שיך! מיר האָט מען שוין געקויפט שיך אָן די רעיעס. איך וועל זיי בעטן אַ פּאָר „פּאַטינעס", און אויב זיי וועלן האָבן... פאַר מיר אַ ביסיקלעטע... אַי, וואָלט איך דאָס געוואָלט!.. מיינסט טאַקע אַז זיי זײַנען גוטע... זיי ווערן אַ מאָל אין כּעס, ברענגען זיי גאָרניט, כ'וועל בעסער בעטן „פּאַטינעס" אַליין, וועל איך זײַן זיכערער...

— ווער האָט דיר געזאָגט, ראַמאָנסיטאַ, אַז ווען די רעיעס ווערן אין כּעס ברענגען זיי גאָרניט? עפּעס ברענגען זיי דאָך פאַר יעדן קינד... ווען ניט וואָלטן דאָך אַ סך קינדער געוויינט... — האָט כילבערטיקאַ מיט אַן אומזיכערער שטים געזאָגט.

— מײַן טאַטע האָט דאָס מיר געזאָגט, דו מיינסט, אַז ער ווייס ניט?

— מײַן טאַטע האָט מיר גאָרניט געזאָגט, — האָט כּילבערטיקאַ ווי זיך פֿאַרענטפֿערט און זיך געקליבן אַוועקגיין.

— גייט ניט אַוועק! שטייט בעסער דאָ, מײַן מאַמע האָט אַוועקגעטראָגן אַ פּעקל וועש, האָט זי פֿאַרמאַכט די טיר... שטייט בעסער דאָ...

— האָט ראָסיטאַ זיך געבעטן בײַ די קינדער.

— פֿאַר וואָס פֿאַרמאַכט מען דיך שטענדיק אין שטוב, ראָסיטאַ?

— איך ווייס ניט... מײַן מאַמע זאָגט, אַז מען דאַרף זיך ניט וואַלגערן אויפֿן הויף. מיר האָבן געוווינט אין אַן אַנדערער שטוב, אין אַ גרויסער. איך געדענק דאָס, נאָר מײַן טאַטע איז אַוועקגעפֿאָרן, דאַרפֿן מיר ווױנען דאָ...! וואָס וועלן דיר ברענגען די רעיעס? כּילבערטאַ!

— איך ווייס ניט...

— דײַן טאַטע האָט דיר ניט געזאָגט? וואָס וועסטו בעטן?

— גאָרניט, זאָלן זיי ברענגען וואָס זיי ווילן...

— דו ביסט געוועכט כּילבערטאַ, בעסער ניט בעטן, זאָלן זיי ברענגען וואָס זיי ווילן, טאָמער ברענגען זיי גאָרניט...

אין דעם אָפֿענעם טירל פֿון גרויסן הילצערנעם טויער האָט זיך באַוויזן ראָסיטאַס מאַמע מיט אַ פּעקל וועש אונטערן אָרעם. די קינדער האָבן זיך אָפּגערוקט פֿון פֿענצטער און זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען אין די צימערן.

*

אַ קאַלטער, פֿײַכטער ווינט האָט געבלאָזן דורך דער אָפֿענער טיר פֿון אַלטן סאָלאַר, געוויגט די צעהאָנגענע וועש אויף די פֿאַרצוויגענע שטריקלעך בײַ די אַרײַנגענג פֿון די צימערן, פֿונאַנדערגעבלאָזט די קוילן אויף וואָס עס האָבן זיך געוואַרעמט די פֿרעסאײַזנס, וואָס ראָסיטאַס מאַמע האָט יעדער ווײַל געטוישט אויף אַ הייסערן.

כּילבערטאַ איז ווי מיטן ווינט אַרײַנגעפֿאַלן אין טיר און געבליבן שטיין. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און אַוועקגעשפּאַנט מיט זײַנע האַרטע שיך צו ראַמאָנס צימער. ראַמאָן איז אים אַנטקעגנגעקומען.

— ראַמאָן! קום אַהער! — האָט כּילבערטאַ אים אַ שלעפּ געטאָן ווײַטער פֿון דער טיר, — דו האָסט שוין אַ מאָל געזען די צויבער־קעניגן?

— פאַר וואָס פרעגסטו דאָס ?

— אַזוי, ווײַל כ׳וויל וויסן...

— ניין כ׳האָב ניט געזען... און דו ?

— יע, איך האָב זיי געזען... ווילסט זיי זען ? ווייסט אוווּ ?

— זאָג מיר...

— גיי אַריבער דעם פּאַרק, אויף יענער זײַט גאַס איז דאָ אַ געשעפט פון שפּילצײַג, אין פענצטער שטייען זיי... איינער איז אַזאַ ווי איך... אַזאַ ווי דו... ער ברענגט אויך... ער וועט ברענגען פאַר אונדז...

— אַלץ פרעגסטו בײַ מיר, הײַנט בײַ נאַכט קומען זיי, מײַנע „פּאַטי־נעס״... זיי וועלן ברענגען ? וואָס האָסטו געבעטן ?

— ראַמאָן, די ווײַסע קומען אויך צו אונדז ?

— וואָס האָסטו געבעטן, האָב איך דיך געפרעגט. — ועסטו ניט בעטן, וועלן זיי דיר גאָרניט ברענגען...

— איך האָב נאָך גאָרניט געבעטן... ווי בעט מען ? מײַן טאַטע האָט מיר גאָרניט געזאָגט.

— דײַן מאַמע גייט! — האָט ראַמאָן אַ זאָג געטאָן צו כילבערטאָן און זיך אַרײַנגערוקט אין טיר פון צימער.

— מאַמע! ראַמאָן זאָגט אַז הײַנטיקע נאַכט קומען די „רעיעס״. איך דאַרף זיי עפּעס בעטן ?

אירע רויטע דיקע ליפּן האָבן זיך עטוואָס צעעפנט און אַרויסגעשטעלט ווײַסע לאַנגע ציין, דער לשון איז אָבער געבליבן שטעקן אין האַלדז. זי האָט זיך צוגעבויגן צום קינד און אים געקושט אין ברוינעם שטערן:

— דער טאַטע וועט דיר זאָגן... ווען ער וועט קומען...

זי איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין, געקוקט אויפן קינד און געטראַכט:

— ווער ווייס וואָס וואַלעריאַן וועט הײַנט ברענגען. די טעג נאָך די יום־טובים זײַנען אַזעלכע שלעכטע, קיינער פאַרט ניט קיין „קאַררעראַ״, אַלע האָבן זיך אויסגעליידיקט... די רײַכע האָבן אייגענע מאַשינען... ווען עס מאַכן זיך עטלעכע „קאַררעראַס״ וואָלט דאָס קינד אויך געמעגט בעטן בײַ די „רעיעס״.

— כילבערטאָ! — האָט זי ניט ווילנדיק אים אַ פרעג געטאָן, — וואָס ווילסטו בעטן?

כילבערטאָ איז אויפגעשפרונגען:

— אָבער איך מעג בעטן?

פאַר אירע אויגן האָט אַ שוועב געטאָן די געשטאַלט פון איר טאַטן, ער שטייט און שניצט פון אַ ברעטל אַ קאָפּ פון אַ פערדל אַרויפגעזעצט אויף אַ לאַנגן שטעקן. דאָס וועט זײַן די מתּנה וואָס עס וועלן ברענגען די „רעיעס" פאַר איר... אַזעלכע מתּנות ברענגען די צויבער־קעניגן פאַר די אָרעמע קינדער אין די פאַרוואָרפענע דערפלעך, ווו עס ווױנען אין אײַנגעפאַלענע הײַזלעך די קאָניע־שניטער. אַט דערמאָנט זי זיך, שלעפּט איר די מומע פאַר דער האַנט: קום! קום! וועל איך דיר קויפן שיך און אַוועקפירן אַרבעטן, אַ מויד פון צוועלף יאָר! אין דײַן עלטער האָב איך שוין געהאָדעוועט דער מאַמעס פינף קינדער.

אין צימער איז שוין געווען פינצטערלעך, איבערן פאַרצויגענעם פאַרהאַנג מיט די אָפּגעקראַכענע בלומען האָט זיך געטונקלט אַ פײַכטער פאַרנאַכט, וואָס האָט געשמעקט מיט רעגן.

— נעמט אַרײַן די וועש! נעמט אַרײַן די וועש! — האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן הויף. „ס'גייט רעגענען", „ס'רעגנט שוין"... פון דער דערבײַיִקער טיר האָבן זיך געהערט ביטערע רייד: „געקלערט נאָך הײַנט אויספּרעסן די וועש און אַוועקטראָגן. „אויס רעיעס", האָט ראָסיטאָס מאַמע מיט אַ זיפצן געברומט צו זיך אַליין. „אויס רעיעס, זע אַ מזל".

גראָבע טראָפּנס רעגן האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אָן שטיינערנעם הויף. מיט אַ מאָל האָט אַ פלייץ געטאָן אַ גוס רעגן, וואָס האָט נאָס געמאַכט דעם גאַנצן אָרום...

זי האָט צוגעצויגן דאָס קינד צו זיך, אים צוגעטוליעט צו איר פלאַכער ברוסט און שטילערהייט אים אײַנגערוימט:

— מעגסט בעטן! כילבערטאָ, מעגסט בעטן.

— מאַמע! איך וויל אַ בענקעלע, אַזאַ ווי ראָסיטאָס... זיך צו קענען וויגן, און מער וויל איך גאָר... „פּאַטינעס", ווי די וואָס די רעיעס וועלן ברענגען פאַר ראָמאָנסיטאָן...

פון לאַנד צו לאַנד

דער רעגן איז געוואָרן שטאַרקער, דורך דער טיר אונטערן פאָרהאַנג האָט גערונען אין שטוב און פּײַכט געמאַכט די צעראַצטע פּאָדלאָגע.

כילבערטאָ האָט זיך אַ הייב געטאָן פון דער מאַמעס שויס, אַ שפּרונג געטאָן צו דער טיר און מיט צער אויסגעשריגן:

— מאַמע! פאַר וואָס האָבן זיי געמאַכט אַ רעגן?... ווי וועלן זיי קומען, די רעיעס?

— קינד מײַנס, דערפאַר ווײַל ס׳רעגנט, וועלן זיי צו אונדז אויך קומען...

טשוטשאָ...

אַ סקריפּ פון אַ קאָלבע, וואָס רוקט זיך אַראָפּ פון אָפּגענוצטן גווינט האָט אַ ריס געטאָן דעם טונקעלן פרימאָרגן. פון הינטער דעם הילצערנעם ווענטל, וואָס טיילט אָפּ דעם גאַראַזש ווו ערנעסטאָ האַלט זײַן אַלטן „קאַמיאָן", האָט זיך דערהערט אַ שווערער, טיפער קרעכץ, ווי אײנער וואָלט וועלן צוזאַמען מיטן קרעכץ אויסדריקן זײַן פאַרביטערונג:

— אַ צער אין דײַנע ביינער! אַלע אינדערפרי די זעלבע חתונה...

נאָך אַ מאָל אַ סקריפּ פון דער קאָלבע, אַ דריטער, אַ פערטער... גע־טריבן פון אַ ניט־געצאַמטער רוגזה.

— איך וועל דיך דערוואַרעמען, ווען איך זאָל אַפילו דאָ דאַרפן בלײַבן ליגן לעבן דיר, אַלטער קלאַק! ווי קען איך דיך בײַטן, אַז דו פרעסט אַלץ אויף אין גאַזאָלין... דײַן פאַבריקאַנט איז שוין געשטאָרבן, און דו לעבסט נאָך... דײַנע בעסטע יאָרן האָסטו אָפּגעדינט אַ צווייטן!

דער גאַראַזש פאַרן אַלטן קאַמיאָן — איז אַ צונויפגעקלאַפּטע פּיר־הויז פון קעסטלברעטלעך. הינטן, אין דער הילצערנער האַלב אײַנגעפאַ־לענער כאַטע, וווינט ערנעסטאָ, דער „קאַמיאָנעראָ", מיט זײַן משפחה. דער עלטסטער זון, וואָס האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט, וווינט אויך דאָרטן, מיט זײַן ווײַב און צוויי קינדער, ערנעסטאָס אייניקלעך.

ערנעסטאָ האָט נאָך זיבן מיידלעך און ייִנגלעך, גערוקט צו פּאָר יאָר איינס פון צווייטן. ס'זײַנען געוועזן נאָך... זײַנען זיי אַוועק. ווער קען אויסהאָדעווען אַלע. מען דאַרף דאָקטוירים, מעדיקאַמענטן. דער וואָס האָט שׂכל האַלט זיך געזונט... אַז נישט איז קיינער ניט שולדיק.

ערנעסטאָ האָט אויפגעעפנט דעם טויער, וואָס שלעפּט זיך אויף אויסגעקרימטע זאַוויעסעס, און סקריפּעט ווי אַ ניט־געשמירטער וואָגן. דער מאָטאָר האָט זיך שוין דערוואַרעמט און בולקעט. ער איז אַרויף אויפן טרעפּל און גלײַך פאַרוואָרפן דעם פוס צום קלאַטש. דער קאַמיאָנדל האָט זיך אַ ריר געטאָן און זיך אײַנגעשניטן אין דער האַלב ברוקירטער

גאַס. ערנעסטאַ האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, זיך פאַרקוקט אויפן שכנס טירל:

— וואָס איז געשען? — האָט ער אַ פאַרוווּנדערטער אַ קרים געטאָן מיט דער נאָז, — דער שוסטער שלאָפט נאָך?

— פאַרשלאָפן? ער כאַפּט זיך אַלע טאָג אויף מיטן ערשטן סקריפּ פון דער קאַלבע.

דעם שוסטערס טירל האָט זיך אָן עפן געטאָן!

— גוט־מאָרגן, ערנעסטאַ!

— גוט־מאָרגן, טשוטשאַ! איך האָב דיר שוין געוואָלט קלאַפּן אין טיר, ביט געוווּסט וואָס צו קלערן...

— געהאַט אַ חלום, אַ גוטן...

— זאָל ער מקוים ווערן — ביז בײַ נאַכט! מען דאַרף פאָרן, איך האָב דעם ערשטן נומער אין פּאָרט. פאַרשפּעטיקסטו איז פאַרפאַלן, דאַרפסטו וואַרטן ביז צום סוף...

— זאָל דיר גיין גוט! — האָט אים טשוטשאַ אַרויסבאַגלייט מיט ברכות.

דער אַלטער „קאַמיאָן" האָט זיך אַװעקגעשאַרט אין גרויען פרי־מאָרגן איבער דעם האַלב ברוקירטן געסל. די אײַנגעשרומפּענע פײַער־לעך אין די פאַנאַרן האָבן מיט אַ מאַט־ראָזעווען ליכט באַלויכטן נאָר דעם חלל — דעם אָפּגעריבענעם, פאַרזשאַווערטן ניקל פון די לעכער ווו זיי האָבן געשטעקט, און האָבן דערמאָנט אין געצונדענע ליכט אַרום אַ בר־מינן. געווען צײַטן ווען די ליכט האָבן באַלויכטן דאָס גאַנצע געסל, געשראָקן די פערד און איבערראַשט די מענטשן.

מיט אַ פּאָר הײַזער ווײַטער האָט אימעצער — אויך אַ שכן פון דעם געסל — אַרויסגעפּירט פון זײַן שטוב אַ הילצערן װעגעלע אויף צווײ אײַ־זערנע רעדלעך, וואָס האָבן געוועקט די שפּיציקע שטיינדלעך פון ברוק... און געמאָנט בײַ אַלע שכנים זיי זאָלן מאַכן טאָג, זיי זאָלן ניט פאַרשלאָפן. אין אַ פלאַש מיט אַן אָפּגעשניטן דעקל האָט געשטעקט אַ קליין פײַערל — אַ פינפערל, וואָס האָט געמאַכט פון דעם צונויפגעשלאָגענעם וועגעלע פון קעסטלברעטלעך עפּעס אַ מאָדערנע זאַך, וואָס פאָרט אַרויס זאַמלען

דעם אָפּפאַל איבער די נײַע גאַסן פון „וויבאַראַ״. אויסגעליידיקטע פלע־שער, פּושקעס פון קאָנסערווירטן גרינצײַג און פּרוכט און וואָס ס׳וועט זיך מאַכן — פון אַ שטיקל פּאַרטריקנט ברויט ביז אַ צײַטונגס־פּאַפּיר. פון דעם אַלעם צוזאַמען וועט דער באַרוועסער כאַרבע אָפּלעבן אַ טאָג און אויב ס׳וועלן אַרײַנפאַלן אַ פּאָר גלעזערנע סלאָיעס — אויך טרינקען לחיים אַ גלעזל „באַקאַרדי״ פאַרן זיך צוריקקערן צו דער משפחה. פאַר דער היים זאָרגט דאָס ווײַב, זי דינט בײַם קאַפּיטאַן, פעלט איר גאָרניט, זי ברענגט נאָך אַהיים פאַר די דרײַ „היהלעך״ וואָס די באָבע היט. זי האָט אָבער ניט וואָס צו היטן, ווײַל זיי לאָזן זיך אַרויס באַלד פון דער פרי איבער די גאַסן שנאָרען, און אָנפילן די פּוסטע בײַכלעך.

פון די שמאָלע אויסגעדרייטע טירלעך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן ווײַבער, שוואַרצע, מולאַטע. דאָס האָבן די דינסטן, וואָס קומען שלאָפן אַהיים מיט זייערע מאַנסבילן, זיך אַ לאָז געטאָן צו דער אַרבעט, ניט צו פאַרשפּעטיקן מאַכן די שוואַרצע קאַווע מיטן „כוגאָ״ פאַר די בעלי־בתים וואָס דאַרפן גיין צו זייערע געשעפטן.

דאָס געסל האָט נאָך פאַר פינצטער אַרויסגעשפּיגן די אַלע וואָס אַרבעטן, וואָס דינען, וואָס האָבן שווער און פאַרשטיקט אָפּגעאָטעמט אַ נאַכט און וועלן זיך אָפּמאַטערן אַ טאָג. נאָר די בעלי־מלאָכות, וואָס האָבן אַ שטיקל וואַרשטאַט אין דער היים, זײַנען פאַרבליבן.

טשוטשאָ האָט צוריק פאַרמאַכט דאָס טירל און אַרײַן אין שטוב, דער חלום האָט אים אַ צעטומלטן געטראָגן אויף זײַנע פליגלען.

אַ פולע לבנה האָט זיך אויפן פאַרטאָג געשאַרט איבער די קוסטעס וואָלקנס, וואָס האָבן געדיכט און בערגלדיק פאַרדעקט דעם הימל.

טשוטשאָ איז אַ גוטער שוסטער. מען קען זאָגן — אַ מײַסטער אין זײַן פאַך. זײַנע פאַרהאַרטעוועטע פינגער גלעטן אויס אַ פּאָר שיך, ווי די פינגער פון אַ מוזיקער שפּילן אויס אַ ליד וואָס איז אים צום האַרצן. ער האָט ליב אַ באַשטעלטע פאַר אַרבעט, ער לייגט אַרײַן אין זיי זײַן גאַנצן שוסטערשן חוש, זײַן גאַנץ לעבן. אָפט דערפילט ער דעם טראָט וואָס די שיך וועלן שטעלן. די פיס פאַר וועלכע ער גרייט זיי שטייען פאַר זײַנע אויגן, ער געדענקט יעדעס ביינדעלע, ווו מען דאַרף אַרויפלייגן

און ווי אַראָפּנעמען, ער דערפילט אַ מאָל אַ פאַרלאַנג נאָכצוגיין זײַנע אַ פּאָר שיך. ער וואָלט זיך לאָזן טרעטן פון זײַנע אַ פּאָר שיך אַבי צו וויסן, צו פילן ווי גוט, ווי באַקוועם זיי זײַנען.

זײַנען אָבער געקומען נײַע צײַטן. און ווער עס דאַרף אַ פּאָר שיך גייט אַרײַן אין אַ שוכקראָם, מעסט וויפל סאָרטן ער וויל און קלײַבט אויס די וואָס געפעלן אים... טשוטשאָ האָט ניט קיין צוטרוי צו די פאַר־טיקע שיך, ער ספקט שטאַרק צי זיי זײַנען באַקוועם... נאָך נײַערהייט ברענגט מען אים שוין די שיך אויסצוהאָקן אַ טשוואָק אונטערן אָפּצאָס, וואָס שנײַדט און מאַכט אַ לאָך אין פּיאַטע, אויסציִען, ווײַל ס׳דריקט אויפן קליינעם פינגערל. ציסט אויס אין איין זײַט, דריקט עס אין אַ צווייטער. ווען ער זאָל ניט דאַרפן האָבן די צען סענט וואָס מען גיט פאַרן אויסציִען, וואָלט ער זיך צו קיין פאַרטיקע שיך ניט צוגערירט. אָבער וואָס זאָל ער טאָן, אַ מענטש מוז זיך נאָכשלעפּן נאָך דער צײַט.

טשוטשאָ באַנוגנט זיך דערווײַל מיט פאַרריכטן, מיטן פּוצן שיך. דאָס איז אָבער בײַ אים ניט קיין אַרבעט, דאָס איז נאָר צום פאַרטרײַבן די צײַט און אַ מעגלעכקייט עפּעס אָפּצועסן. פאַר זיך אַרט אים קיין מאָל ניט, אָבער פאַרן ווײַב, פאַר די קינדער, זיי לאָזט ער ניט אַרויס פון זינען.

ס׳איז געווען אַ ביטערער זומער, דער לעצטער. ניט מען האָט געבראַכט צום פאַרריכטן, ניט צום פּוצן. האָט אים זײַן ווײַב אַ זאָג געטאָן, אַז זי וואָלט גערדאַרפט גיין אויף אַ שטעלע. טשוטשאָן האָט דאָס אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן, ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז זײַן ווײַב זאָגט אים אַז ער קען זי ניט אויסהאַלטן. ער איז געוואָרן ברוגז און איר גוט אויסגע־זידלט, זאָל זי נאָך אַ מאָל שווײַגן: — כל־זמן איך לעב וועסטו זײַן אַ מאַמע צו דײַנע קינדער און ניט פאַר פרעמדע!

טשוטשאָ לעבט מיטן גלויבן אַז ס׳וועלן צוריקקומען צײַטן ווען מענטשן וועלן אײַנזען אַז אַ פּאָר גוטע שיך דאַרפן מאַכן „גוטע הענט". די אַלע מאַשינעס וואָס פּאַלצן און גלײַכן, קלעפּן און שאָבן, זײַנען אויס־געטראַכט אויף צו אַרבעטן ווינציקער, אויף צו מאַכן אַ סך און פאַרדינען וואָס מער, אָבער ניט אויף צו מאַכן גוט. דערפאַר, אַז מען האָט אים גערופן ער זאָל ווערן דער „מײַסטער" אין אַ שוכפאַבריק, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט.

— איך וויל ניט! — האָט ער געענטפערט — איך וועל דאָרטן גאָר־ניט קענען טאָן! אַ צו גרויסער קלאַפּאַט, אַ צו גרויסער טומל און בסך־הכּל קומט ניט אַרויס קיין איין פּאָר גלייַך, ס'איז טאַנדעטע אַרבעט, ניט פאַר מיר.

אַ שמחה איז בייַ טשוטשאַן אַז ס'פאַלט אַרייַן אַ קונד, פון די וואָס קענען שוין זייַן אַרבעט, פון די וואָס געטרויען ניט זייערע פיס צו אַבי וועמען, ווייַל טשוטשאַן גייט ניט אין פאַרדינסט, ס'איז ניט קיין אונטער־שייד וויפל טעג ס'וועט געדויערן און צי עס וועט עפּעס בלייַבן פאַר זיך, ס'גייט אין מאַכן גוט, אין אָנהאַלטן דעם נאָמען.

*

דער סקריפּ פון דער קאָלבע פון ערנעסטאָס קאַמיאָן, צוזאַמען מיט זייַנע ביטערע רייד האָבן הייַנט, ווי אַלע טאָג, אויפגעוועקט טשוטשאַן פאַר טאָג. איבער זייַן שוואַרצן פּנים האָט זיך געגליטשט אַ צופרידנער שמייכל, ער האָט מיט זייַנע לאַנגע דאַרע פינגער אַ שאַר געטאָן די גרויע געקרייַזלטע האָר, וואָס ער קלייַבט זיך שוין פון לאַנג אָרומשערן, ער האָט געקנייטשט דעם שטערן און נאָך אַ מאָל באַקלערט דעם חלום וואָס ער האָט געהאַט. ער האָט אויפן קול אַ לאַך געטאָן און אויסגערופן:

— הלוואַי זאָל דאָס זייַן אמת!

ער האָט זיך אויפגעהויבן און געגאַנגען צום וואַסערקראַן, וואָס איז געשטאַנען אויפן הייפל, באַלד לעבן דער קיך. דער חלום איז אים נאָכ־געגאַנגען... דער שמייכל האָט אַלץ געדונען איבערן פּנים, „הלוואַי זאָל דאָס זייַן אמת". הייַנט איז מאָנטיק — אפשר וועט טאַקע אַרייַנפאַלן אַ קונה מיט אַ באַשטעלונג. ווען ס'פאַלט אַרייַן אַזאַ שטיקל אַרבעט וואָלט מען געקענט אָפּשפּאָרן פיר „באָלאָס" אויף דירה־געלט פאַר יענעם מאָנאַט, הייַנט וועט דער אַלטער געוויס קומען מאָנען. וואָס מער ער האָט געטראַכט אַלץ זיכערער איז ער געוואָרן אַז ס'דאַרף אַזוי זייַן... ער האָט פעסטער געשטעלט דעם הינקעדיקן פוס, זיך צוגערוקט צו דער פאָדערשטער טיר פון סאָלאָר, זי אויפגעעפנט און באַגריסט זייַן שכן, ערנעסטאָן. ער האָט באַלד חרטה געקראָגן — בעסער גאָרניט דערציילן וועגן חלום. ער האָט

פאַרמאַכט די טיר און צוגעוואַרט ביז דער שכן איז אַוועקגעפאָרן. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון ווינקל דעם צעגריזשעטן וואַרשטאַט און זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן אויפן טאָג.

טשוטשאַ איז געוואָרן איבערראַשט ווען ער האָט גלײַך אויפן פרימאָרגן דערזען דעם אַלטן גאַמעז פאַר זײַן טיר. ער ווייס, אַז חלומות ווערן אַ מאָל מקוים, אָבער אַזוי — אַז אַפילו דער מענטש זאָל זײַן דער זעלבער — דאָס האָט אים איבערראַשט.

— גוט־מאָרגן — האָט ער געשטאַמלט אַ צעטומלטער — גוט־מאָרגן! איך וועל אים גאָרניט דערציילן, זאָל זיך אַ מאָל דער אַלטער גאַמעז ניט דערשרעקן, — האָט ער אין זיך געטראַכט, — ס׳איז דאָך טאַקע אַ מאָדנע זאַך! שוין זעקס יאָר ווי דער אַלטער גאַמעז מאַכט ניט בײַ מיר קיין שיך...

— גוט־מאָרגן! טשוטשאַ, אָט בין איך געקומען, זאָלסט מיר נעמען אַ מאָס און מאַכן אַ פּאָר שיך. דו געדענקסט נאָך אפשר מײַן מאָס? — האָט דער אַלטער גוטמוטיק געלאַכט.

— גאָר קיין פראַגע ניט סעניאָר גאַמעז, אָבער בעסער וועלן מיר נעמען אַ מאָס, שוין אַריבער אַ סך יאָרן, פיס בײַטן זיך... צו וואָס ריזיקירן, בעסער נעמען אַ מאָס.

טשוטשאַ האָט אַרויסגעשלעפּט אַ קורץ שטיקל בלײַער, אַרויסגענומען אַ שטיקל פון אַ צענטימעטער, די הענט האָבן זיך געטרייסלט און אין קאָפּ האָט געקלאַפּט דער חלום: „מקוים געוואָרן, מקוים געוואָרן״.

— מען דאַרף דיר נאָך אַלץ איבערלאָזן האַנטגעלט?

— ניין! סעניאָר גאַמעז. ניט קיין האַנטגעלט, איר ווייסט גוט, אַז איך נעם ניט קיין האַנטגעלט, איך דאַרף ניט אײַער האַנטגעלט... איך דאַרף נאָר אויף צו קויפן די מאַטעריאַלן. איך קען זיי קריגן געבאָרגט... אָבער איך האָב דאָס פײַנט, איך האָב ליב צו קויפן די סחורה אַוווּ ס׳געפעלט מיר, ניט אַוווּ מען באָרגט מיר... ניט קיין סך, איר וועט מיר געבן צען דאָלער, וועט שוין זײַן אויף אַלץ. און אַז איך וועל זיי האָבן פאַרטיק וועט איר מיר צוצאָלן צוויי דאָלער, וועלן מיר זײַן קוויט.

בײַ טשוטשאָן אין קאָפּ האָט געבליצט מיט ציפערן. דער חשבון

האָט אָבער אַלץ געשטימט — פינף אויף די מאַטעריאַלן און פינף אויף דירה־געלט און אויפן טאָג...

— דו פלעגסט דאָך אַ מאָל נעמען נאָר פינף דאָלער אויף מאַטע־ריאַלן!,

— יע, סעניאָר גאָמעז! — האָבן געציטערט די ליפּן ביַי טשוטשאָן, ווי ס׳וואָלט אים ערגעץ אין גוף פאַרגאַנגען אַ שטאַרקער ווייטיק — פלעג איך אָבער נעמען פופצן פאַר די שיך! היַינט נעם איך צען אויף מאַטעריאַלן און נאָר צוועלף פאַר די שיך...

— וואָס, ס׳איז געוואָרן ביליקער די סחורה וואָס דו נעמסט ביליקער פאַר די שיך?

— ס׳איז נאָך אפשר געוואָרן טיַיערער! — ביַי די ווערטער האָט זיך טשוטשאָ פאַרטראַכט, דער אַלטער גאָמעז איז דאָך טאַקע גערעכט. — אָבער אַז מען וויל אַ קונה, האָט ער וויַיטער גערעדט, שוין זעקס יאָר פאַר איַיך ניט געאַרבעט, וועט זיַין גוט צוועלף דאָלער, זיַיט זיכער! איך דאַרף דאָס איַיך ניט זאָגן — איר ווייסט, ס׳וועט זיַין גוט געמאַכט, אַזוי ווי שטענדיק... אפשר נאָך בעסער...

— נו גוט! זאָל זיַין ווי דו זאָגסט, אָט האָסטו צען דאָלער, נאָר פאַרגעס ניט אַז איך האָב דיר געגעבן צען...

טשוטשאָ האָט איַינגעוויקלט דעם צעעפנטן צענערל אין פירן און אים אַריַינגעלייגט אין דער הויזן־קעשענע. ער האָט געשמייכלט צו גאָמעזן און געקלערט צי זאָל ער אים דערציילן זיַין חלום. בעסער ניט, — האָט ער אַ וואָרף געטאָן מיט דער האַנט, אַז ער וועט אָפּנעמען די שיך וועל איך אים דערציילן!

*

— נאָך גוט וואָס איך האָב זעקס סענט, פונקט זעקס סענט! — האָט טשוטשאָ אַ צופרידענער געשמייכלט אַרויפשטעלנדיק דעם פוס אויפן טרעפל פון דער גוואַגווע. — אַלץ איינס וואָלט איך ניט געביטן די צען דאָלער... איך וואָלט בעסער געגאַנגען צו פוס, דאָס וועל איך נאָר ביַיטן ביַים באַצאָלן פאַר דער סחורה.

— פּאָרויס! פּאָרויס! רוקט אײַך! — האָט דער קאָנדוקטער געברומט צו דעם געפּאַקטן עולם אין דער גוואַגווע. — לאָזט אַרײַנגיין — האָט ער געבעטן.

אויף די ראָגן האָבן זיך געהויבן הענט, „שטעל דיך אָפּ"! האָבן זיי אַלע געוויזן, „מיר ווילן אַהיימפאָרן"!

דער שאָפער האָט, אַ מידער, ניט געהערט, ניט געזען די הענט, און געטריבן ווײַטער דעם גרויסן גרין־ווײַסן „וואָגן".

— פאַר צום טײַוול! דו הינטישער זון, האָסט ניט קיין חרפּה! — האָבן געמורמלט מיט פאַרביסענע ליפּן די וואָס זײַנען אויסגעבליבן.

אַן עלטערע פרוי, מיט אַ קאָפּ האָר פון בלאָנד און גרוי, האָט אַ הייב געטאָן איר גלאָט, בלאַס פּנים נאָך דער אַנטלאָפענער גוואַגווע און מיט ביטערקייט איר נאָכגערעדט:

— ניטאָ קיין אײַנזען, אַפילו ניט צו קיין עלטערע. וועלכע מאַמעס האָבן אײַך דערצויגן? ווילדע ברואים! ווען איך בין יונג, וואָלט איך קיין מאָן הײַנטיקע צײַטן צו זיך ניט צוגעלאָזט... צו וואָס? צו ווערן באַליי־דיקט? דערנידעריקט... אָ! ווי אַנדערש איז דאָס געווען מיט יאָרן צוריק, אַפילו דעם טראַמווײַ פלעגט מען דאָך פאַר מיר אָפּשטעלן, וואָס איז גע־וואָרן מיט די מענער? שיינע, אויסגעפּוצטע, אָבער ביטערע יונגען...

דער יונגער מאָן, וואָס איז געשטאַנען נעבן איר אין דער ריי, האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל.

— מאַדאַם! — האָט ער אַ זאָג געטאָן — ס'גייט אַ דרײַצן! — און אויסגעשטרעקט זײַן האַנט — אַט וועל איך אים אָפּשטעלן!

— ניט נייטיק! איך אײַל זיך ניט — האָט די פרוי ליבלעך אַרײַנגע־שמייכלט דעם יונגן מאָן אין פּנים און אים געדאַנקט פאַרן העלפן אַרויפ־גיין אויפן טרעפּל, — אַ דאַנק, אַ דאַנק! פאַראַן פײַנע מענטשן, אַ דאַנק! — האָט זי אים נאָכגעשריגן דורכן פענצטערל. אַ דאַנק, וואָס פאַר אַ פײַנער מאָן... מיט אַזעלכע איז אַ פאַרגעניגן זיך צו באַגעגענען.

דורכן טרעפּל פון דעם פאָדערשטן טירל פון דער גוואַגווע האָט זיך געגעבן אַ גליטש אַראָפּ אַ „ווײַסער". ווי אַ פיש אין וואַסער האָט ער זיך

אַ לאַז געטאָן צווישן די מענטשן וואָס זײַנען געשטאַנען אויפן ראָג. טשוטשאָן האָט אַ שניט געטאָן אין די אויגן, ווען דער ווײַסער וואָס האָט נאָר וואָס זיך פאַרבײַגעשאַרט לעבן אים, האָט אַ צי געטאָן דעם טוכענעם קאַפּעליושל אויף אַראָפּ איבערן שטערן. ס׳האָט אים אַ שטאָך געטאָן אין מוח, ער האָט אָפּגעלאָזט די האַנט פון דער שטאַנג אָן וואָס ער האָט זיך אָנגעהאַלטן און אַ שטופּ געטאָן די פינגער אין קעשענע. ער האָט אַ שאָר געטאָן איבער אַלע זײַטן פון דער קעשענע. „ניטאָ גאָרניט, ניטאָ" אַ שנײַדיקע קעלט איז אַדורך איבער זײַן צעהיצטן שוואַרצן לײַב. ער האָט נאָך אַ מאָל געניששטערט אין קעשענע, „ניטאָ קיין לעכלעך... מײַנע צען דאָלער" — האָט ער אויפן קול אַ ברום געטאָן און פאַרשטיקט געוואָרן. „ער האָט זיי מיר אַרויסגענומען... וואָס טו איך? אַ ווײַסער האָט מיך באַגנבעט! מען וועט דאָך מיר ניט גלייבן, ווער וועט גלייבן אַ שוואַרצן"?

— האָט זײַן מוח האַסטיק זיך געקאָרטשעט און געקרעמפּט.

— וואָס איז דיר, — האָט אים געפרעגט דער שכן.

— ער האָט צוגענומען בײַ מיר פרעמדע צען דאָלער! — האָט טשוטשאָס קול וויינענדיק געוועוועט.

— דער ווײַסינקער, איך האָב געזען ווי ער רוקט זיך צו צו דיר. אוי, מײַן טעשל אויך!

— דער ווײַסער? — האָבן זיך אַלע איבערגעקוקט און געוואָרפן אַ בליק אויף טשוטשאָן...

טשוטשאָ האָט דערפילט ווי די אויגן לעכערן דורך זײַן לײַב, שטעכן ווי מיט שפּיזן, ווי זיי וואָלטן בײַ אים מאָנען רייד... אין ברוסטקאַסטן איז געוואָרן ענג, די ליפּן האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן און געשוויגן...

טשוטשאָ איז געשטאַנען אויפן ראָג פון דער גאַס ווו ער האָט גע־דאַרפט אײַנקויפן די מאַטעריאַלן פאַר די צען דאָלער וואָס מען האָט בײַ אים אַרויסגעגנבעט.

— ווי קען איך גיין אַהיים? ניט פאַרן ווײַב און ניט די לעדער אויף דער פאַר שיך. דרײַ שעה זיך אָפּגעוואַלגערט אין פּאָליציי... צוריק אַהיים אָן דער לעדער גיי איך ניט — האָט ער צו זיך געטענהט.

ווי אַ שפּיץ פון אַ נאָדל האָט אַ שטאָך געטאָן טשוטשאָן אין מאַרך, „די גאָלדענע ציין... די איינציקע ירושה וואָס עס איז געקומען פון זײַן מאַמען — די גאָלדענע ציין, מען קען זיי אַראָפּנעמען". ער האָט פּראָבירט מיט די פינגער זיי אַ ריר טאָן — זיי האָבן זיך עטוואָס גערירט. ער האָט זיך צוגערוקט נענטער צו דער וואַנט און זיי האָסטיק אַ בייג געטאָן און דערפילט די ציין אין האַנט. אין מויל איז געוואָרן וואַרעם... פול, ער האָט אַ שפּײַ געטאָן און באַמערקט בלוט. ס'האָט אים ווינציק געאַרט, ער האָט נאָך אַ מאָל אַ שפּײַ געטאָן און שוין מער ניט געקוקט. ער האָט זיך האָסטיק אַ צי געטאָן צו קאָמפּאָסטעלאַ גאַס, אַדורכגעלאָפן אַ צעפּלאָמטער די גאַס און אַרײַן אין אַ „קאַסאַ עמפּעניאַ".

דער פליישיקער בעל־הבית האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ קורצן קוק און גענומען אין האַנט דאָס בריקל ציין, ער האָט דאָס אַ וועג געטאָן אין האַנט און שאַרף אַ זאָג געטאָן — ווי ער וואָלט עפּעס אַ וואָרף טאָן — „פינף"!

— גוט! איך וועל זיי... אפשר אָפּנעמען...

*

מידע, האַלב פערגליווערטע האָבן זיך געשאַרט די מענטשן איבער די גאַסן. דער האַרטער צעמענט פון די טראָטואַרן, די געמויערטע ווענט, די אויסגעלייגטע סחורות, אַפילו די גרויסע, גראָבע גלעזער פון די שויפענצטער, אַלץ איז געווען אַזוי מיד, אַזוי פאַרמאַטערט, ווי זיי וואָלטן זיך אונטערגעגעבן דעם פײַער פון דער צעפלאַקערטער אויגוסטזון, וואָס האָט ווי געשמיסן מיט אירע שאַרפע שטראַלן אויף דער שיינער שטאָט.

אויפן ראָג פון גאַס האָבן זיך געקליבן מענטשן. אַ דיקע פרוי, מיט אַן אויסגעמאַטערטן גוידער פון צו פיל מאַסאַזשן האָט געהאַלטן אין האַנט אַ קאָשיקל מיט אַן אויפשריפט פון אַ באַקאַנטן געשעפט. פון קאָשיקל האָט געשלאָגן אַ ריח פון פערפיום, אַלע האָבן געצויגן דעם אָטעם... ס'האָט געמאַכט לײַכטער די צעקראָכנקייט.

ס'האָט זיך אונטערגערוקט אַ שוואַרצער, אין בלויע, אָפּגעניצטע הויזן,

ס'האָט אַ שלאָג געטאָן אַ ריח פון געברענטן בוימל און שאַרפן שווייס וואָס האָט איבערגעשטיגן דעם פּערפיום, אַלע האָבן אָפּגעדרייט די קעפּ. אַ „שוואַרצער" — האָבן זיי געמורמלט אין געדאַנק... דער שוואַרצער האָט שטאַרק געדריקט דאָס פּעקעלע אונטערן אָרעם און מיט אַ טיפן חשד אין זײַנע אויגן זיך אומגעקוקט און נאָך שטאַרקער געדריקט דאָס פּעקעלע מיט די מאַטעריאַלן פאַר סעניאָר גאָמעזעס פאַר שיך...

אַ העמד...

איבערן שמאָלן פּאַס פּאָדלאָגע וואָס האָט צעטיילטביידע אײַזערנע קאָלומבינע־בעטלעך האָט שלמהקע, אַ הויך־געוויקסיקער בחור פון אַ יאָר איין און צוואַנציק, אַ צערודעטער האַסטיק אַרומגעשפּרייזט.

— אומזיסט געקומען אַזוי פרי אַהיים, שבת — דער בעסטער טאָג.

זײַנע אויגן האָבן אָנגעקוקט דעם פּאַק קראַוואַטן וואָס זײַנען געהאָנגען אויפן ווענטל פון שטול צוגערוקט צו דער וואַנט.

ער האָט זיך צוגערוקט צום צוקאָפּנס פון בעטל און זיך פאַרקוקט אויף דער גרויער קאָלדרע, אויף די טונקעלע זשאַווערפלעקן, וואָס האָבן אויפגעגעסן דעם אַלומיניום־פאַרב פון זײַן אײַזערנעם בעטל.

— שוין צוויי יאָר ווי איך שלאָף אויף איר.

פאַר זײַנע אויגן האָבן אַ שווים געטאָן די טעג פון זײַן אָנקום דאָ. ווי ער שלעפּט דאָס נײַע בעטל אויף די טרעפּ. שיקע, דער לאַנדסמאַן, האָט אים אַרײַנגענומען אין צימער, ער איז מיט אים געגאַנגען קויפן דאָס בעטל. ער דערפילט ווי ער שטייט אין אײַזן־געשעפט בײַ דער טיר און קוקט ווי שיקע האַנדלט פאַר אים אײַן דאָס בעטל, ער שטייט און שווײַגט, פאַרשטייט ניט קיין איין וואָרט.

— שלמהקע! האָסט פיר דאָלער? — האָט ער דערהערט.

— יע! איך האָב און ס'בלײַבט מיר נאָך אַ דאָלער מיט סענטן...

שלמהקע האָט דערזען די אַלע טעג פון די צוויי יאָר, ווי זיי וואָלטן זיך גיסן אין כוואַליעס; דערזען זיי אַזוי קלאָר, ווי זיי וואָלטן געלעגן געמאָלענע אויף דער גרויער קאָלדרע, אַרומגעקלעפּט מיט פאַרזשאַווערטע קוואַדראַטן. אומעטיקע טעג, וואָס בענקען, וואָס נאָגן; הונגעריקע טעג, וואָס שעלטן מיט ווילדע קללות דעם אייגענעם שטאָם.

— ווען איך וואָלט געהאַט אַ פּאַך! — יע, מײַן מאַמעס יחוס!.. — ער האָט פאַרקלעמט די ליפּן ביז ווייטיק, זײַנע אויגן זײַנען געפאַלן אויפן ווינקל, וווּ ס'איז געהאָנגען דער פּאַק קראַוואַטן. ער האָט אָפּגע־

אָטעמט לײַכטער. ס׳איז אים אַדורך אַ װאַרעמקײט איבערן פּנים, װי אימע־צער װאָלט אים צולײגן אַ װאַרעמע האַנט, דערפילט װי אַ סאַמעט־גלאַטע לײַב װאָלט זיך צו אים טוליען, ער האָט דערזען דאָס געזיכט... און זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט.

— איך דאַרף דאָך זי גײן נעמען...

שלמהקע איז צוגעלאָפן צום אָפענעם פענצטער און אַראָפּגעקוקט צו דער גאַס:

— װיפל קען שױן זײַן דער זײגער? ס׳איז שױן לאַנג געװאָרן פינצטער.

ער האָט אַריבערגעקוקט צום מעבל־געשעפט װאָס איז געשטאַנען אױפן ראָג. בײַ טאָג זעט מען דאָרטן אױף דער װאַנט דעם זײגער דורכן פענצטער. איצט זײַנען פאַרמאַכט די טירן און אינעװײניק איז גאָר פינצטער, נאָר די גרױסע שױפענצטער זײַנען באַלױכטן... װאַרט, באַלד װעט קלינגען דער זײגער פון נאָענטסטן קלױסטער. ער הערט זיך צו... ס׳קלינגט ניט...

— צו װאָס האָב איך געדאַרפט אַװעקגעבן בײדע העמדער? איך האָב דאָך געקענט געבן װאָשן נאָר אײנע, די צװײטע איז דאָך גאָרניט געװען אַזױ שמוציק. דער שװאַרצער יאַר האָט אָנגעטראָגן דעם „טשין”, ער װעט האָבן בײַ מיר אַ פינצטערן סוף... איך האָב אים צען מאָל אָנגעזאָגט, ער זאָל מיר אָפּברענגען די העמדער שבת בײַ טאָג... און אפשר איז ער געװען, געקלאַפּט, און שיקע איז ניט געװען אין צימער? האָט ער דאָך געקענט, דער תּם, אַריבערװאַרפן איבערן װענטל. יאָ, און באַצאָלן, װער װאָלט אים באַצאָלט?...

דער זײגער פון נאָענטן קלױסטער קלינגט. ער כאַפּט זיך צײלן: אײנס, צװײ, דרײַ, זיבן.

אין קאָפּ גיט אַ שלאָג אַ געדאַנק: איך האָב געװיס פאַרהערט. נײן! ס׳קען ניט זײַן, ס׳איז שױן אַ סך מער. ע, װעלכער טײַװל האָט מיך אָנגעטראָגן צוזאָגן חנהלען, אַז איך װעל זי קומען נעמען? קומען... אַװדאי װעל איך קומען... דער טשין זאָל נאָר קומען מיט די העמדער... שאַ, אפשר גאָר אָנטאָן שיקעס אַ העמד?

ער קוקט זיך אַרום אויף שיקעס אײַזערנעם בעטל:

— זײַנע האָט ער דאָך אויך ניט אָפּגעבראַכט...

אויף דער הילצערנער שטול לעבן קליינעם קײַלעכדיקן טישעלע, וואָס שטייט אַנגעשפּאַרט אָן וואַנט, הענגט שיקעס אַ געטראָגן העמד. שלמהקע באַטראַכט איר פון אַלע זײַטן...

— זי וועט ניט טויגן אויף מיר... ער איז אַ סך דאַרער פון מיר — כ׳וועל ניט גיין, כ׳וועל ניט גיין! זי וועט ניט ווערן אין כעס, כ׳וועל איר דערציילן פאַר וואָס... און אָן עק זאָל עס נעמען... זײַ ניט קיין נאַר, שלמהקע — זשומעט אים אין אויער ווי אַ גריל וואָלט זיך דאָרט באַזעצט — מאַך זיך ניט נאַריש שלמהקע, איידער דו האָסט זיך דערוואַרט זי זאָל זאָגן: „קום, שלמהקע, מיר נעמען", און איצט קלערסטו — ניט גיין.

שלמהקע איז צוגעלאָפן נאָך אַ מאָל צום פענצטער און אַראָפּגעקוקט צו דער גאַס, אפשר וועט ער נאָך אָפּברענגען...

אויף ביידע זײַטן זײַנען גאַס זײַנען געגאַנגען מענטשן, הין און צוריק, דאָס ליכט וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן פון אָפענעם קאַפעהויז, פון די פענצטער פון די אַנטקעגנדיקע הײַזער, האָט צעשניטן די גאַס אויף העל און טונקל, אויף ליכט און שאָטן.

שלמהקע האָט זיך פאַרקוקט ווי ס׳באַוועגן זיך די געשטאַלטן, ווי זיי טרעטן מיט די פיס זייערע אייגענע שאָטנס. ס׳האָט אַ ווייע געטאָן אַ לײַכט ווינטל און מיטגעבראַכט דעם עכאָ פון אַ שטים, פון נאָענטע רייד. שלמהקע האָט אַ ציטער געטאָן. דאַכט זיך אַ באַקאַנטער קלאַנג... פאַר זײַנע אויגן האָט אַ שוועב געטאָן אַ ליכטיק ווײַס פּנימל...

— זאָל זײַן אין דעם העמד!..

ער איז צוגעלאָפן צו דער שטול און אַ שלעפּ געטאָן דאָס העמד, ער האָט עס אָנגעטאָן.

— ס׳איז אַ ביסל ענגלעך, אָבער אונטערן רעקל וועט מען ניט זען, דער קראַגן... ס׳גייט ניט צו... פאַר אַ וויאַרסט איין שפּיץ פון צווייטן... אפשר וועט דער שניפּס דאָס פאַרדעקן?

ער האָט אַ קוק געטאָן אין קליינעם שפּיגעלע וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. ס׳איז אים פאַרגאַנגען אַ ביטערקייט אין נאָז, אין די אויגן.

— ס׳וואָלט געווען בעסער ניט גיין!
אין די אויערן האָט אים געקלונגען:
— ס׳איז שפּעט, אַזוי שפּעט!

ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר. אויף דעם געקאָרבטן גלאָז האָט זיך געזען זײַן שאָטן — איין געשטאַלט, ניט דער קורצער קראַגן... ניט קיין קראַוואַט... איין שאָטן, אַ שאָטן פון אַ מענטשן... ער האָט אַ צי געטאָן די טיר און איז אַרויס פון צימערל.

*

חנהלע איז געלאָזן פאַרבײַגעגאַנגען לעבן דער מאַמען, וואָס איז געזעסן אַ פאַרטראַכטע אויפן שמאָלן באַלקאָן און אַרויסגעקוקט צו דער גאַס. די פאָדערשטע פיסלעך פון בענקל זײַנען געשטאַנען אויף אַרויס, די הינטערשטע אויפן שוועל פון גרויסן צימער. חנהלע האָט זייער ניט געוואָלט די מאַמע זאָל באַמערקן ווי זי וואַרט. אפשר וועט זי מיינען — די מאַמע — אַז זי איז אומרויִק, אַז זי איז געשפּאַנט.

— צו וואָס האָב איך דאָס אין גאַנצן דערציילט דער מאַמען? — האָט זי צו זיך אַ טראַכט געטאָן. — בעסער אַזוי, זאָל זי וויסן, וויפל באָך קינדער האָט דאָס מײַן מאַמע, דער ברודער ווערט פאַרפאַלן אויף גאַנצע נעכט, קנאָפּ קלערט זי איבער... זאָל איך נאָך אויך איר פאַרשאַפן צער... כ׳איז דאָך צום ערשטן מאָל וואָס איך וועל הײַנט אַרויסגיין מיט אים...

בײַ דעם געדאַנק האָט איר עפּעס אַ דריק געטאָן. זי ווייסט ניט פאַר וואָס. זי האָט אַ הייב געטאָן די בלויע אויגן צום וועקזייגער וואָס איז געשטאַנען אויף דער שפּײַזשאַפע. זי איז צוגעגאַנגען און גענומען דעם זייגער אין האַנט, אָנגעקוקט דעם ציפערבלאַט. עס איז נאָך ניט שפּעט, אַכט דער זייגער. ער האָט דאָך געזאָגט אַז ער וועט קומען אַכט. נו, איז נאָך האַלבע שעה, איז נאָך אַ שעה, דער אָוונט איז גרויס. זי האָט אַוועקגעשטעלט דעם זייגער אויפן טיש און זיך געלאָזט גיין צום פענצטער.

אויף בײדע זײַטן גאַס זײַנען געגאַנגען מענטשן. די וואָס האָבן זיך דערוויַיטערט האָט חנהלע מיטן בליק נאָך פאַרבײַגעלאָזט. די וואָס האָבן זיך דערנענטערט האָט זי שטאַרק אָנגעקוקט — געוואָלט דערקענען. זי

האָט צוגערוקט דאָס קײַלעכדיקע פּנימל צו די געזשאַווערטע „רעכעס״ וואָס האָבן פאַרגראַטעט דעם פענצטער. דער קאַלטער אײַזן האָט אַ קיל געטאָן איר וואַרעם געזיכט. פון באַלקאָן האָט זיך געהערט דאָס הוסטן פון דער מאַמען. „צו וואָס האָב איך איר געדאַרפט דערציילן אַז ער וועט מיך קומען נעמען, אפשר קען ער ניט... איך דאַרף דאָך מאָרגן ניט גיין צו דער אַרבעט... אָבער ער״. — זי האָט אַ ריס געטאָן דאָס פּנים פון פענצטער און זיך אויסגעדרייט צו דער ליכט. דאָס קליינע לעמפּל האָט טונקל באַלויכטן דעם גרויסן צימער, דער שײַן איז געפאַלן אויף דער געבלומטער צעראַטע וואָס איז געלעגן אויפן טישל, מיט די דרײַ צוגע־רוקטע שטולן, אויפן פערטן איז די מאַמע געזעסן אויפן באַלקאָן־פענצטער. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם בלויען קלייד וואָס זי האָט געטראָגן — די פעלבעלעך אויסגעפּרעסטע זײַנען געלעגן אויסגעלייגט איינס אויפן צווייטן, ווי צוגעקלעפּטע, וואָס נידעריקער זײַנען זיי געוואָרן, ברייטער. חנהלען איז אַדורך אַ וואַרעמקייט איבערן גאַנצן גוף.

— וואָס פאַר אַ שיין קלייד, דאָס שענסטע וואָס איך האָב, הײַנט דאָס ערשטע מאָל וואָס איך טו עס אָן, ווען איך יאָג ניט צו דער שנײַדערקע... וואָלט איך עס נאָך ניט געהאַט, באשר איך האָב איר דערציילט, אַז איך דאַרף הײַנט אַרויסגיין מיט אַ בחור. ער וועט ניט קומען! ס׳איז האַלב נאָך אַכט דער זייגער, פאַר וואָס האָט ער געדאַרפט אָפּ...

— חנהלע! — חנהלע! זע, אימעצער קוקט דאָ אַרויף, גיי אַרויס, דאַכט זיך אַז מ׳זוכט דיר.

— חנהלע האָט זיך אַ לײַכטן צאַפּל געטאָן, ווי זי וואָלט זיך אָפּ־שאָקלען פון עפּעס אַ בייזן געדאַנק. זי האָט האַסטיק צוגעאײַלט צום באַלקאָן און זיך צורוקנדיק גאָר נאָענט צו דער מאַמען אַריבערגעשריגן איבער איר קאָפּ:

— יע! יע! איך גיי שוין...

די מאַמע האָט איר מיט אַ ציטערדיקער האַנט אַ גלעט געטאָן דעם קאָפּ און שטיל געשעפּטשעט:

— גיי, גיי, קינד מײַנס, זאָלסט ניט קומען שפּעט, גיי אין אַ מזלדיקער שעה.

— א גוטע נאַכט מאַמע, א גוטע נאַכט! זי האָט אַ שלעפּ געטאָן די אַלטע שווערע טיר, און האַסטיק זי פאַרמאַכט.

חנהלע האָט זיך אַרומגעקוקט: ווו איז ער? — האָט זי מיט די אויגן געזוכט. — ער איז דאָך דאָ געשטאַנען אַנטקעגן מיר!

שלמהקע איז שוין אָבער געשטאַנען אויפן ראָג פון גאַס, וואָס איז ער אַנטלאָפן? זי איז צוגעקומען צום ראָג ווו ער איז געשטאַנען.

— גוטן־אָוונט, וואָס ביסטו אַוועק אַזוי ווײַט?

— דײַן מאַמע האָט מיך זייער אָנגעקוקט... — איך האָב ניט געוווּסט צי איך וועל קומען...

— פאַר וואָס?

— אַזוי, איך ווייס... מיינסט אַז אַלץ קען מען דערציילן? אַז אַ מענטש האָט וועמען צו דערציילן איז שוין לײַכטער... דו פילסט דאָס ניט, האָסט אַ מאַמען, איך האָב דאָ קיינעם ניט.

— איך האָב נאָר אַ מאַמען...

— איך האָב אַ טאַטן אויך, אָבער אַזוי ווײַט פון דאַנען.

— נו, טאָ דערצייל מיר, איך וועל דיר הערן...

חנהלע האָט אים אַ קוק געטאָן אין פּנים. זײַנע שוואַרצע טיפע אויגן אונטער די בלאָנדע ברעמען האָבן שאַרף אַרויסגעקוקט צו דער באַלויכטענער גאַס. דער לאַנגער דאַרער האַלדז איז ווי אַרויסגעקראָכן פון שמאָלן קאָלנערל פון דעם העמד, וואָס איז געווען צעקנייטשט און אָפּגענוצט. דער קאָלנער איז זיך ניט צונויפגעקומען. אויף דעם אָפענעם שטיקל האַלדז איז געלעגן דער קנופּ פון בלויען שניפּס. חנהלע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן:

— ער האָט זיך אַוודאי זייער געאײַלט, ווי מאָדנע ער האָט אָנגעטאָן דאָס העמד.

— וואָס שווײַגסטו, חנהלע? האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו ווילסט מיט מיר רעדן וועגן אַ סך זאַכן...

— יע! אָבער אַ מענטש פאַרטראַכט זיך אַ מאָל און — קען ניט רעדן.

חנהלע האָט אַראָפּגעקוקט אויף די פאַלדן פון איר בלוי קלייד, אירע אויגן האָבן זיך אָנגעשלאָגן אַן גלאַנץ פון די שוואַרצע לאַקירטע שיכלעך.

זי האָט אַ גלעט געטאָן דאָס ווײַסע קראַגעלע אַרום האַלדז און איר האַנט האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם באַגילטן שפּילקעלע מיט אויפגעזעצטע שטיינדעלעך, וואָס האָט צונויפגעשפּילעט דאָס קראַגעלע מיטן בלויען קליידל אויף איר ברוסט.

— ער איז דאָך געקומען — האָט זי זיך געטראַכט, — איך האָב געמיינט אַז ער וועט ניט קומען, עס איז שבת בײַ נאַכט... ס׳גייען אַזוי פיל מענטשן, באַלד וועלן אָנגיין באַקאַנטע... איך וועל אים זאָגן מיר זאָלן גיין אויף אַ צווייטער גאַס. דאָ איז צו ליכטיק. פאַר וואָס גייט ער אַזוי מאָדנע דאָס העמד, מ׳דאַרף אים זאָגן, ער זאָל עס פאַרריכטן, ניין! איך דאַרף דאָס ניט זאָגן, ער וועט זיך אפשר פאַרשעמען. — אַזוי טראַכטנדיק האָט חנהלע אַ הייב געטאָן איר בליק און זיך געטראָפן מיט שלמהקעס אויגן. זײַנע ליפּן האָבן געציטערט...

— וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן, חנהלע?

חנהלע האָט זיך דערפילט שולדיק. עס האָט איר פאַרדריקט בײַם האַרצן. פון טיפן ווייטיק זײַנען טרערן אָנגעלאָפן אין אירע אויגן.

ווײַט...

איין געדאַנק האָט שמיליקן באַגלייט טאָג און נאַכט, ווי אַפּצושפּאָרן הונדערט און פופציק דאָלער אויף אַ שיפסקאַרטע פאַר חנטשען.

אין די פאַרנאַכטן, גייענדיק פון דער אַרבעט אַהיים, אונטער די פאַר־טאָלן פון דער לאַנגער גאַס, אין דעם געדרענג און געטומל פון טויזנטער מענטשן, פלעגט שמיליקן אַרומנעמען אַ טיפע בענקשאַפט צו דער היים, צו אייגענע. אָט די אַלע, וואָס שטופן אים, וואָס יאָגן אים אַריבער, וואָס קוקן אים אָן פאַרבײַגייענדיק, זײַנען פרעמדע, ער קען זיי ניט, ניטאָ קיין איין באַקאַנט פּנים. וואָס טו איך דאָ? — פלעגט ער בײַ זיך ניט איין מאָל פרעגן; וואָס טו איך דאָ איינער אַליין, צווישן די פרעמדע און ווײַטע?

שמיליק האָט דערפילט אַן ענגשאַפט, ווי ס'וואָלט זיך עפּעס אינעווייניק געקאַרטשעט, געדריקט, פאַרשווערט זײַן טראָט ביז ווייטיק. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האַסטיק אַ צי געטאָן דעם אָטעם, אַ שאַר געטאָן מיט ביידע הענט אַרום זיך, ווי אַ שווימער וואָס וויל זיך אַרויסרײַסן פון אַ האַס־טיקער כוואַליע. איבער זײַן פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ דין שמייכעלע: „חנטשע״.

זײַן גוף איז גלײַך געוואָרן לײַכטער, ער האָט אין געאײַל געחשבונט, די וואָכן זײַנען געלאָפן און דער מספּר איז געוואַקסן... שמיליק האָט דער־פילט ווי עמעצער גייט בײַ זײַן זײַט, ווי מען גלעט אים די האַנט, ער האָט דערפילט אַ וואַרעמקייט וואָס שלאָגט צו אים און נעמט אים אַרום, ער האָט דערהערט ווי מען רעדט צו אים, ווי מען פרעגט אים. — „חנטשע, וועסט זען אַז איך וועל דיך לאַנג ניט לאָזן וואַרטן, איך האָב שוין צוועלף דאָלער, מײַן בעל־הבית איז ניט קיין שלעכטער, איך וועל אים בעטן וועט ער מיר אויסלײַען״, האָט ער איר געענטפערט.

די ערשטע צוועלף דאָלער וואָס שמיליק האָט אָפּגעשפּאָרט האָט ער געהאַלטן אין אַ בוך. אַלע איינציקע דאָלאַרן, אין יעדן זײַטל אַ דאָלער.

דאָס בוך האָט חנטשע אים געשענקט פאַרן אַוועקפאָרן. אויפֿן ערשטן בלאַט איז מיט קליינע אויתיותלעך געווען אָנגעשריבן:

טײַערער חבר שמיליק!
פֿאַר דיר אַ מתנה, דעם בוך „אָפּגאַנג".
איך בלײַב אַליין!
ביז דו וועסט וועלן! ביז דו וועסט קענען!
פֿאַר אונדז זאָל דאָס נאָר זײַן אַן איבערגאַנג...

דײַן חנטשע.

שמיליקן איז די אַרבעט אין געשעפֿט פֿאַר מענער־קליידער אָנגעקומען לײַכט. ער האָט באַלד געכאַפּט די עטלעכע שפּאַנישע ווערטער אויף צו אַרײַנצײַען אַ קונד, דער בעל־הבית פֿלעגט אים צוגעבן מוט, — „רעד אויף ייִדיש, וואָס אַרט דיר? זיי פֿאַרשטייען, איך האָב אויך גערעדט אויף ייִדיש"...

שמיליק האָט געשמייכלט און דערבײַ געטראַכט: „איך בין דיר מוחל די עצה, איך האָב אַ בעסערע, איך גיי אַלע נאַכט אין קלוב און לערן זיך שפּאַניש, דו וועסט זיך גאָרניט אַרומזען, וועל איך שוין קענען אַ בעסערן שפּאַניש ווי דו גופֿא, מיט דײַנע קלוגע עצות".

אַזוי איז טאַקע געווען. יודל, דער בעל־הבית, האָט זיך אָבער גראָד יאָ געכאַפּט אַז שמיליקס שפּאַניש ווערט פֿון טאָג צו טאָג בעסער, און אים אָנגעהויבן לויבן... ער האָט זיך גאָרניט געריכט, אַז דאָס וועט אים באַלד קאָסטן אַ פּאָר דאָלער מער אויף דער וואָך.

דעם זעלבן שבת פֿאַר נאַכט — ס'איז געווען אַ גוטער טאָג, מען האָט געלייזט אַ סך געלט — האָט שמיליק זיך צוגערוקט צו יודלען און אָן קווענקלענישן אים אַ זאָג געטאָן:

— יודל! איך אַרבעט שוין אַ פּאָר מאָנאַטן און איר אַליין זעט ווי איך אַרבעט, ס'וואָלט געווען אַ יושר איר זאָלט מיר העכערן אַ פּאָר דאָלער אויף דער וואָך.

— אָ, דו אײַלסט זיך! איך האָב דיר באַלד פֿון אָנפֿאַנג אָנגעהויבן

צו צאָלן צו פיל, זיבן דאָלער אַ וואָך, אַ גרינעם! דו מיינסט, אַז דאָ שמידט מען געלט?

— אויב איר קענט ניט, דאַרף מען ניט.

אָפּגעזאָגט און זיך פאַרלאָרן, שיִער ניט חרטה געהאַט. ער האָט דערפילט ווי ער וואָלט זיך פונאַנדערגעפאַלן אויף שטיקלעך. אַלע חשבו־נות וואָס ער האָט געמאַכט האָבן זיך מיט איין מאָל צעפלויגן. די זיכער־קייט, אַז יודל וועט אים אָן קיין שום רייד העכערן אַ פּאָר דאָלער אַ וואָך, האָט אים אָפּגענאַרט. ס'האָט אים פּלוצלינג אַרומגענומען אַ פאַרלאַנג זיך אַליין צו זידלען...

— וואָס טוט מען איצט? — האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ. שמיליק האָט זיך אויסגעגלייַכט און ווייַטער געאַרבעט. ס'האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין אַרייַנקומען קונים.

— כ'גיי אַוועק פון דער אַרבעט! פאַר זיבן דאָלער אַרבעט איך ניט מער! דאָס גאַנצע לעבן וועל איך ניט קענען אויפקלייַבן אויף קיין שיפס־קאַרטע, — האָט ער צו זיך געטראַכט.

— מאַך צו די טירן — האָט יודל באַפוילן, — ס'וועט זייַן גענוג אויף הייַנט! אַז מען וועט דאָ זיצן וועלן זיי קומען אַ גאַנצע נאַכט...

שמיליקן האָבן די רייד אַ ברי געטאָן בייַם האַרצן. הער נאָר ווי ער רעדט, ווי ער וואַרפט זיך דאָס מיטן פּדיון, און מיר עפּעס העכערן — זאָגט ער, אַז איך אייַל זיך צו פיל.

שמיליק האָט אויף גיך פאַרמאַכט די טירן, אונטערגעשפּאַרט זיי מיט די אַלע שטאַבעס, און אַ שווייַגנדיקער, מיט אַן ערנסטן פּנים איז ער צוגע־גאַנגען צו יודלען.

— וואָס אייַלסטו זיך אַזוי הייַנט, גייסט ערגעץ טאַנצן? — האָט יודל ווייך געשמייכלט, אַ, איך ווייס שוין, הייַנט קומט פאַר אַן אָוונט אין קלוב.

— יע, אַ פאַרשטעלונג, ניט קיין טענץ, איך נעם אַנטייל, דאַרף איך זייַן פרי.

— דו אַרבעטסט זיך אַרויף, אַ גרינער — און שפּילסט שוין טעאַטער! שמיליק האָט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, די לאַנגע שוואַרצע האָר האָבן

זיך אַ וואָרף געטאָן, ער האָט אַרײַנגעשטאָכן די אויגן יודלען אין פּנים און אַ זאָג געטאָן:

— איר מאַכט אײַך נאַריש, אַ גרינגער איז דער וואָס ווייסט ניט וואָס ער רעדט און האַלט זיך פאַר אַ ווײַסן — באַצאָלט מיר, ווײַל איך וויל גיין.

— דאָס מיינסטו מיך ?... אָ, ווי גיך דו גרינסט זיך אויס.

— איך מיין ניט אײַך, איר ווייסט וואָס איר טוט !...

יודל האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ גאַנצע זשמעניע מיט פּאַפּירגעלט און אָוועקגעלייגט אויפן טיש. ער האָט אַ הייב געטאָן די אויגן צו דער טיר זיך צו פאַרזיכערן אַז זי איז גוט פאַרמאַכט און אָנגעהויבן קלײַבן די איינציקע דאָלאַרן. די פינפערלעך האָט ער געלייגט אויף אַ בערגל.

— דאָ האָסטו דײַנע זיבן דאָלער ! — יודל האָט אים אָנגעקוקט און דערפילט אַז ער דאַרף אים עפּעס זאָגן:

— ס'וועלן אַריבערגיין נאָך עטלעכע וואָכן, דו וועסט זיך אײַנאַרבעטן וועל איך דיר העכערן נאָך צוויי דאָלער.

שמיליק האָט גענומען דאָס געלט און מיט אַ שמייכל, וואָס איז אַ מאָל דער שאַרפסטער ענטפער, אַ זאָג געטאָן:

— איך דאַנק אײַך, איך קום ניט מאָנטיק צו דער אַרבעט.

— האָסט אַ בעסער אָרט ?

— איך האָב ניט ! אָבער כ'וועל האָבן... איך מוז פאַרדינען מער...

יודל האָט אים אָנגעקוקט און דערפילט אַן אינערלעכן דרך־ארץ. פאַר זײַנע אויגן האָט אַ שײַן געטאָן אַ ליכטיק פּנים; אַ הויכער שטאָלצער בחור. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, „דאָס יינגל וועט זײַן אַ לײַט" און מיט אַ שמייכל אים געפרעגט:

— וויפל ווילסטו זאָל איך דיר העכערן ?

— פינף דאָלער ! איך דאַרף פאַרדינען צוועלף דאָלער אַ וואָך, וועל איך קענען אויפקלײַבן אויף אַ שיפסקאַרטע פאַר חנטשען !

יודל האָט אַוועקגעלייגט די רעכטע האַנט אויפן טובאַנק, ווי ער וואָלט זוכן אַן עפּעס זיך אָנצושפּאַרן. דער שמייכל האָט זיך אַראָפּגע־גליטשט און איבערגעלאָזט אַן אויסגעצויגן צעקרימט פּנים, ער האָט צו

זיך אַליין אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט: „פינף דאָלער". „פינף דאָלער".
ער איז אַ ווײַלע אין גאַנצן פאַרשוויגן געוואָרן, ווי ער וואָלט זיך אָנ־שטרענגען קומען צו זיך און האַסטיק אַ ברום געטאָן:

— גוט! וועסט העלפן דאָס אויסאַרבעטן, מען קען זיך אויף דיר פאַרלאָזן! וועסט זײַן אַ לײַט! שמיליק, דו גייסט אויף אַ גלײַכן וועג!

שמיליק האָט זיך פונאַנדערגעשמייכלט, ווי ס׳וואָלט אים אַראָפּ אַ שווערע משא פון די פּלייצעס. ס׳איז אים פּלוצלינג געוואָרן לײַכטער, פרײַער צו אָטעמען, און מיט אַ טאָן, וואָס לאָזט ניט איבער קיין ספקות, האָט ער געענטפערט:

— איר קענט אײַך אויף מיר פאַרלאָזן!

*

שמיליק איז געווען אַליין אין צימער. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון בעטל און צוגעגאַנגען צו די אײַזערנע גראַטעס פון איינציקן פענצטער, אַרויסגעקוקט צום קעגנאיבערדיקן אַלטן דאַך, צום קוימען פון דער בעקערײַ וואָס איז געשטאַנען אויפן ראָג גאַס. ער האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט מיטן פּנים צום צימער און זיך אַרומגעקוקט. בײַ די דרײַ ווענט זײַנען געשטאַנען אײַזערנע בעטלעך. די זאַמדקאָלירטע קאָלדרעס האָבן אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט אויסגעזען אַלט און טרויעריק. דער שאָטן פון שמיליקס גוף איז געפאַלן אויף דער גרויער וואַנט. ער האָט אַ טראָט געטאָן פאָרויס, ווי ער וואָלט זיך וועלן צורוקן נענטער צו זיך. ס׳האָבן אַ צאַפּל געטאָן זײַנע אַקסלען, אַ הייב געטאָן ווי בײַ אַ לויפער וואָס וויל זיך אָפּשטעלן און ניט פאַרלויפן צו ווײַט. ס׳האָט אַ הילך געטאָן אין דער ליידיקייט פון צימער — וווהין וועסטו גיין הײַנטיקע נאַכט? האָסט אָפּגע־רעדט מיט חיהלען? שמיליק!

ווי אַ גוט ייִנגל, אויף וועמען מען שרײַט אָן און ער פאָלגט זיך, אַזוי האָט שמיליק אַראָפּגעלאָזט די אײַנגעצויגענע הענט, נאָכגעגעבן און זיך געלאָזט צום בעטל. ער איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין און אַ טראַכט געטאָן וועגן דער וואַליזקע וואָס שטייט אונטערן בעטל. ער האָט זי געלאָזן אַרויסגעשלעפּט, אויפגעשלאָסן און אַרויסגענומען דאָס בוך „אָפּגאַנג",

באַטראַכט די שוואַרצע טאַוולען, די אויפשריפט און אָנגעהויבן ציילן די זייטלעך... אין די ערשטע — איינציקע דאָלאַרן, אין די ווייטערדיקע — פינפערלעך. שמיליק האָט געמישט די זייטלעך און געציילט דאָס געלט: — 143 דאָלאַר. ניין! דוכט זיך אַז 145 דאָלאַר. אַלץ איינס... נאָך איין וואָך. די געדאַנקען האָבן געשטויסן, ווי יעדערער פון זיי וואָלט וועלן פאַרכאַפּן אַ זיכער אָרט... ניט גיין לאיבוד. פאַפּירן דאַרף מען אויסאַרבעטן, דאָס קאָסט אויך... ווער וועט דאָס דיר מאַכן? אַ צימער, דו קלערסט אפשר ווייטער וווינען דאָ? שמיליק האָט אַ שמייכל געטאָן — ניין! אַליין... מען קען ניט וווינען מיט קיין זייטיקע.

ס׳האָבן זיך דערהערט טריט אויף די לעצטע טרעפּלעך. יוסף איז אַריינגעקומען. שמיליק האָט האַסטיק אַ וואָרף געטאָן דאָס בוך אין וואַליזקע, זי אַ שטופּ געטאָן און זיך אָוועקגעזעצט אויפן קאַנט פון בעט.

— וואָס זיצסטו אַזוי אין דער פינצטער? שמיליק, גייסט היינט אין קלוב?

— ניין! איך גיי ניט! איך האָב דאָרטן ניט וואָס צו טאָן!

— חיהלע האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז דו גייסט.

— וועסטו איר זאָגן, אַז איך גיי ניט! — האָט שמיליק מיט אַ שאַרפן קול גערעדט.

— וואָס ביסטו אין כּעס אויף מיר?

— איך בין ניט אין כּעס אויף קיינעם!

— אפשר אויף זיך גופא?

— אפשר...

שמיליק האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט און פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט, ווי ס׳וואָלט אים אַ שטאָך געטאָן די אָנגעצונדענע עלעקטרע.

— קלייבסט זיך שלאָפן אין די זאַכן?

— איך קלייב זיך נאָך ניט שלאָפן, דערווייל וויל איך מען זאָל מיך לאָזן צורו...

יוסף האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק, זיך געקליבן אים עפּעס זאָגן, איבער זיין פּנים האָט זיך אַ גליטש געטאָן אַ ביטערער שמייכל, בעסער שווייגן. ער האָט זיך אַ האַסטיקן דריי געטאָן,

ווי ס'וואָלט אים עפּעס אַ טראָג געטאָן. ער איז צוגעגאַנגען צום וואַש־שיסל וואָס איז געהאָנגען אין ווינקל פון צימער, אָנגעצונדן דאָס קליינע לעמפּעלע און זיך גענומען ראַזירן.

שמיליק האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום ווינקל און אָנגעקוקט יוספן, נאָכגעקוקט יעדע באַוועגונג זײַנע, ביז די אויגן האָבן זיך אים פאַרמאַכט.

יוסף האָט אויף גיך זיך אָנגעטאָן, און צוגעקומען צו שמיליקן:

— שלאָפסט ניט? איך גיי שוין אַוועק, האָב מיר אַ גוטע נאַכט!

ער האָט אַ שלעפּ געטאָן דאָס טירל און אַרויסגעקוקט צום דאַך. אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט האָט זיך דורכגעשניטן דער שאָטן פון הויכע מאַסטן איבער די פאַראַנקערטע שיפן בײַם ברעג, ס'האָט אַ הילך געטאָן דער ים. יוסף האָט זיך אַ צי געטאָן אויף צוריק, ווי עמעצער וואָלט אים פאַרהאַלטן:

— שמיליק! וואָס זאָל איך איר זאָגן?

— מאַטער מיך ניט! וואָס האָסטו איר צו זאָגן?... זאָג איר, אַז זי זאָל מיך לאָזן צו רו...

— דאָס ווילסטו איר זאָגן, הלוואי וואָלט זי דאָס געוואָלט...

— איבערצײַג זי דו! אַ מאַנצביל דאַרף דאָס קענען!

— דיר דוכט זיך אַז דו קענסט מער, ס'איז אַ צופאַל... גורל איז אַ קאַפּריז, גורל... ס'איז גאָר קיין גורל ניט... ווער וואַרפט דעם גורל... ער פאַלט אַליין... ער פאַלט ניט, ער ווערט געבוירן מיטן מענטשן, מיט זײַן כאַראַקטער, מיט זײַנע שטריכן. וואָלט מײַן פּנים געהאַט אַן אַנדער אויסזען, וואָלט מײַן שטים אַנדערש געקלונגען, וואָלט מײַן גורל אויך געווען אַן אַנדערער, אַנדערש וואָלט זי מיך געזען. — ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, אַ ריס געטאָן פון זײַן פאַרטראַכטעניש:

— חיהלע איז אַ ווויל מיידל!

— איך קען איר ניט העלפן. איך קען זיך ניט העלפן... יוסף פאַר וואָס דאַרפסטו מיט מיר ווענגן דעם רעדן?

— איך קען זיך ניט העלפן... אַזוי ווי דו! אַזוי ווי זי... פאַראַן ווייטיקן, וואָס דעם מענטשן ציט צו זיי...

— שמיליק! אָבער דו האָסט זי ניט ליב?

— איך ווייס ניט, אפשר יע — זײַן שטים האָט געציטערט, — ס׳איז דאָך אָבער ניט קיין אונטערשייד, מען קען דאָך נאָר איין מאָל צוזאָגן... אַ וואָרט איז אַ הייליקע זאַך.

— ביסט גערעכט, שמיליק! אָבער זי וויל דאָס ניט פאַרשטיין, זאָג דאָס איר דו... דאַרפסט איר העלפן זיך אַרויספּלאָנטערן... אַ שאָד, זי לײַדט אַזוי פיל, אַ טײַער מיידל חיהלע. דו הערסט זיך צו, שמיליק, ווי ס׳קלינגט איר קול בעת זי רעדט! זי שמייכלט אַזוי ליכטיק... דער צער פאַרטרײַבט דעם שמייכל פון איר פּנים, אַזאַ שאָד. חיהלע... — שמיליק! איך האָב זי זייער ליב! ריכטיק, אַז זי איז דאָס בעסטע מיידל וואָס דו האָסט ווען באַגעגנט? אפשר דאָס שענסטע אויך... פאַר וואָס האָסטו זי ניט ליב?

שמיליק האָט געשוויגן, ער האָט זיך אַרײַנגעטראַכט אין יוספס רייד.

— ווײַל איך טאָר ניט!

— ס׳דאַרף זײַן שווער צו פילן אַזוי...

— אַ סך שווערער ווי דו שטעלסט זיך פאָר.

— שמיליק! קום אין קלוב, האָסט דאָך געזאָגט אַז דו וועסט גיין...

— איך גיי ניט! ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום בעט און אַרויסגענומען דאָס בוך פון וואַליזקע, אויפגעעפנט דעם טאָוול און אַ ברום געטאָן:

— לייען, יוסף!

יוסף האָט איבערגעלייענט די אויפשריפט. אַ מאָדנעם אויסדרוק האָט באַקומען זײַן פּנים, די אויגן פאַרלאָפן מיט פײַכטקייט, און דאָס געזיכט שמייכלט.

— וואָס ווײַנסטו, וואָס לאַכסטו?

— אַ? ס׳איז שווער. פאַר דיר... פאַר מיר...

— גיי אין קלוב, יוסף, רעד מיט חיהלען, גיב איר צו פאַרשטיין.

— אומזיסט! געפילן לאָזן זיך ניט פירן פון קיינעמס פאַרשטאַנד, כ׳איז מיר אַ וווּנדער, דו זאָלסט דאָס ניט באַגרײַפן.

— אַ גוטע נאַכט, שמיליק!

— אַ גוטע נאַכט, יוסף.

*

יוספס גרויע אויגן זײַנען אַרומגעשווומען איבערן קלובזאַל. די האַרטע בלאַנדע הערעלעך האָבן זיך געשפּיזט אויפן קאָפּ, ווי זיי וואָלטן העלפן זוכן. אַלע ווײַלע האָבן זיי זיך אַ דריי געטאָן צו דער טיר און באַטראַכט נײַע באַקאַנטע פּנימער וואָס האָבן זיך אַרײַנגעגאָסן און אָנגעפּילט דעם גרויסן באַלויכטענעם זאַל. דער זייגער האָט אַ צי געטאָן זײַן בליק: ס׳איז שוין שפּעט, זי וועט ניט קומען! זי ווייסט אַז שמיליק קומט ניט, אומזיסט דאָס וואַרטן...

ער האָט אַ שלעפּ געטאָן אַ שטול צום באַלקאָן. אַ מידקייט האָט אַרומגענומען זײַן גאַנצן גוף, ער האָט געפילט אַז ס׳איז אים שווער דאָס שטיין, אַז ס׳ליידיקט זיך אויס זײַן כּוח. דער קובאַנער הימן האָט אויפגעקלונגען איבערן זאַל, יוסף האָט זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט. זײַן לעצטער בליק צו דער טיר האָט זיך באַגעגנט מיט די אויגן וואָס ער האָט געזוכט, אַ דין פּײַערל, ווי אַ פּעדעמל, האָט אַ שטראָם געטאָן דורך זײַן בלוט. ער האָט איר גערופן מיטן קוק, מיט זײַן גאַנצן וועזן. יאָ, זי האָט אים געזען, נאָר אַז זי האָט זיך באַגעגנט מיט זײַן בליק האָט זי מיט אַ כּיוון אָפּגעדרייט דעם קאָפּ און אָוועק צו דער צווייטער זײַט זאַל. זײַנע פיס האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, — איך וועל איר ניט נאָכלויפן, זאָל זי גיין... ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער גאַס און זיך פאַרקוקט אויף די אַנטקעגנאיבערדיקע הײַזער, אויף די צעגרינטע ביימלעך פון פּאַרק. זיך אָנגענומען מיט די הענט אָן דער הילצערנער פּאַרענטש, ווי ער וואָלט זיך וועלן אויסהיטן, ניט אַראָפּצופאַלן...

יוסף האָט דערפילט לעבן זיך לײַכטע טריט, דעם אָטעם פון אַ נאָענטן מענטשן. ער האָט זיך האַסטיק אַ דריי געטאָן מיטן פּנים צו דעם ליכט:

— חיהלע!

— יוסף! שמיליק איז ניט געקומען?

— איך ווייס ניט!

— דו ביסט ניט געווען אין צימער?

— יע!

— ער איז ניט געווען?

— יע!

— ער וועט ניט קומען...

— איך ווייס ניט! ער זאָגט, אַז איך זאָל אים ניט מאַטערן, דו אויך ניט, אַז ס'איז ניט מײַן עסק צי ער וועט קומען צי ניט, דײַנער אויך ניט...

*

די שווערע טיר פון גרויסן טויער איז אָפֿן. אין דעם סאַביקו־האָלץ וואָס איז האַרטער פון דעמב, האָבן זיך פֿאַר די צענדליקער יאָרן זײַט מען האָט אים אָפּגעשניטן פון זײַן וואָרצל, אײַנגעקאָרבט גריבלעך, סימנים פון אַלטקייט. דער רעגן ווייקט און די טראָפּישע זון ברענט, ביז זיי ברעכן אײַן די פֿאַרעקשנטע האַרטקייט פון סאַביקו. פלעקן פון פאַרדאַרטער פאַרב זײַנען די עדות, אַז מען האָט די טיר אין אַ פֿאַר־גאַנגענער תּקופֿה אָפּגעפאַרבט.

דאָס טרעפּל קלינגט אָפּ שטיינערדיק אונטער חיהלעס טראָט. זי גיט אַ הייב די פֿאַרטראַכטע אויגן, וואָס האָבן זי געפֿירט אויפֿן שמאָלן טראָטואַר פון דער ענגער גאַס און קוקט זיך אַרום. איר בליק פֿאַלט אויף די אויסגעשטשערבעטע שטיינערנע טרעפּ, וואָס פֿירן אַרויף צו זײַן צימערל. די קאַלטקייט פון דער אַלטער מאַרמאָרנער פֿאַרענטש, די שטיינערנע גרויקייט, האָבן אַ קיל געטאָן חיהלעס צעהיצט געמיט, דעם ברי וואָס האָט זי געטראָגן פון ליכטיקן קלובזאַל, פון דער מוזיק, צו דער אַלטער שטאָט, צו דעם פֿאָרטגעסל, צו דעם דאַכצימער, צו שמיליקן.

דער אָפּהילך פון פאַרשײַטן געלעכטער, דער אָנבאָט פון „ווײַב" אויף די שוועלן פון הײַזער, די אַרויסגעשטעקטע קעפּ דורך אויסגעשניטענע פענצטערלעך אין די טירן, דער קינסטלעכער גלאַנץ אויף אויסגעלאָשענע אויגן, די בלישטשיקע זײַדענע קליידער אויף דאַרע גופֿים, און איבער זיי דער תּאוותדיקער ברום פון מאַטראָסן־באַגער, וואָס רײַסט זיך אין שיכּרות אויף דער פֿאַרטגאַס, האָבן נאָכגעיאָגט חיהלען ווי אַ ווילדע, רוישיקע כוואַליע.

חיהלע האָט זיך דערפילט פֿאַרלאָרן. פון אַלץ האָט געשלאָגן מיט קעלט און גרויקייט.

איר געדאַנק האָט זיך אָן עפּעס אַ כאַפּ געטאָן: „מאַמע! אַליין איז אַזוי שווער"... זי האָט זיך אַ טראַג געטאָן צו דער מאַמען אין קיך, אויפן אַלטן מאַרק... דער גאַנצער ווײַטער שטח ביז דעם פּוילישן שטעטל האָט זיך ווי אײַנגעשרומפּן.

די טירלעך פון דאַכצימער האָבן אַ שלאָג געטאָן אין אירע אויגן. זי האָט אַ הייב געטאָן איר קאָפּ, אַ טונקל־בלויער צעשטערנטער הימל האָט צוגעדעקט דעם דאַך, דעם גאַנצן אַרום. חיהלע האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טירל.

— צו וואָס ביסטו געקומען?

— זאָג דו... צו וואָס... צו דיר...

— חיהלע, גיי און קלוב!

— צוריק... דורך דער גאַס, ס'ווערט מיר קאַלט... וואָס רעדסטו?

— פאַר וואָס ביסטו אַרויס פון קלוב?

— אָן דיר האָב איך דאַרטן ניט וואָס צו טאָן.

— אָבער איך קען דאָך ניט גיין...

— ניין! גיי ניט, בלײַב דאָ מיט מיר...

חיהלע האָט אַ טראָט געטאָן פאָרויס, אירע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט זײַנע.

— דײַנע אויגן פאַרמסרן דיך... ווילסט מיך ניט ליב האָבן צוליב אימעצן, דאָס קען מען ניט... האָסט מיך ליב! אַזוי ווי איך דיך!

זי האָט זיך אַ שאַר געטאָן צו שמיליקן, צוגעטוליעט מיטן גאַנצן גוף, ווי זי וואָלט געוואָלט זיך אין אים אַרײַנגראָבן.

ס'האָט אים אַ ברי געטאָן איר וואַרעמקייט, דאָס גלעטן פון אירע הענט איבער זײַן פלייצע האָט געצונדן זײַן בלוט.

חיהלע האָט אים צוגעדריקט צו זיך.

שמיליק האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און איר אָנגעכאַפּט פאַר די הענט:

— וואָס טוסטו?

— איך האָב ליב דיך! מער קיינעם ניט...

אירע ליפּן האָבן זיך אײַנגעביסן אין זײַנע. אירע קורצע אָפּגעשאָ־רענע האָר האָבן זיך אַ שאַר געטאָן איבער זײַן האַלדז, זיי געגלעט. אַ ציי־

טער האָט זיך אַ טראַג געטאָן איבערן גאַנצן גוף, איר וואַרעמקייט האָט אים אַ צי געטאָן צו איר לײַב. זײַנע הענט האָבן זיך אַ גליטש געטאָן איבער איר האַלדז, איבער איר פּלייצע... איבער איר גאַנצן קערפּער...

*

שמיליק האָט דערהערט אַז אימעצער דרייט זיך אַרום אויפן דאַך.

— קינדער, פאַר וואָס גייט איר ניט שלאָפן?

— חיהלע איז דאָ? — האָט אים דוד, דער דריטער חבר פון צימער, שטיל געפרעגט.

— זי שלאָפט...

אַ פולע לבנה איז געשטאַנען אין מיטן פון אַ טונקל בלויען הימל.

— יוסף! וואָס שטייסטו פון דער ווײַטן? קום אַהער.

די דרײַ חברים האָבן זיך צונויפגערוקט, אַלע האָבן געקוקט צו די פאַראַנקערטע שיפן, צום לאַנגן רויקן פאַס ים, וואָס האָט זיך בולט אַרײַנגעשניטן אין דער בײַנאַכטיקער ליכטיקייט.

— אַ וווּנדערבאַרע נאַכט! — האָט דוד אַ זאָג געטאָן, אַלץ איז אַזוי קלאָר, נאָך קלערער ווי אין העלסטן טאָג.

— אַזעלכע זײַנען די נעכט פון חודש מײַ, אַלץ ווערט קלאָר, אַלץ ווערט העל... האָט שמיליק גערעדט ווי צו זיך אַליין, — מיר זײַנען אַזוי ווײַט פון אונדזערע היימען... אַ גאַנצע וועלט דאַרף מען דורכפאָרן, אַ גאַנצע וועלט... אַזוי ווײַט...

— אַ גוטע נאַכט! — האָט יוסף אַ ברום געטאָן און זיך אַ טראַג געטאָן צו די טרעפּ.

— וווּהין גייסטו, קום אַהער! האָט אים שמיליק אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט, וווּ גייסטו אַוועק?

די לבנה האָט זיך געשאַרט צו איר טאָגיקן אָפּרו. בריעקלעך וואָלקנס האָבן זיך געוויקלט אין מזרח־פלאַמען, דורכגעשטאָכן פון זוניקע שטראַלן וואָס האָבן ווי אויף ליכטיקע שטריך זיך געצויגן צו דער ערד... אויפן געמויערטן ראַנד פון דאַך זײַנען געזעסן דרײַ ייִדישע בחורים אין דער פרעמד, געקוקט צו די מאַסטן פון פאַראַנקערטע שיפן, צום ימיקן ברעג, צום פרימאָרגן וואָס גייט אויף.

דער מאַשינען־וואַשער

אויף דער „פּלאַסאַלעטע״ (סקווער) אין אַלט־האַוואַנאַ, ווו ס׳קומען זיך צונויף זעקס ברייטע האַנדלסגאַסן, שטייט אַ פּלומפּ מיט אַ גרויסער צעמענטענער שיסל אַרום , אַ מין קאַרעטע. דאָ פלעגט מען מיט אַ סך יאָרן צוריק אָנטרינקן די פערד וואָס האָבן געפירט משא־וועגענער, אָדער ברישקעס פון שפּאַנישע אַדלליַט, וואָס האָבן אין יענע צײַטן געהערשט אין קובאַ.

דער פּלומפּ און די קאַרעטע זײַנען געבליבן ווי אַן אָנדענק עלעהיי אַ מאָנומענט נאָך דער פערדן־עפּאָכע.

אין ווינקל פון דער פּלאַסאַלעטע, ווו ס׳באַגעגענען זיך די גאַסן דראַ־גאָנעס און מאָנסעראַטע, איז אײַנגעפונדעוועט די אַלטע פירשטאָקיקע געבײַדע, „דער פּאַלאַץ פון די וויאַלבאַס״, וואָס דערמאָנט מיט איר פּאַרנעם און סטיל די אַלטע צײַטן פון שפּאַנישער הערשאַפט איבערן אינדזל.

די פּלאַסאַלעטע האָט די פאָרעם פון אַ האַרץ, און די גאַסן וואָס ציִען זיך פון איר קוקן אויס ווי די אַרטעריעס וואָס ציִען זיך צום האַרצן. היַינט שטייען אויף דער פּלאַסאַלעטע אויסגעשטעלט מאָדערנע אויטאָ־מאָבילן, וואָס געהערן צו די סוחרים וואָס קומען פון די רײַכע פאָרשטעט פון האַוואַנאַ. דאָ האָבן זיי זייערע געשעפטן אויף די גאַסן.

ראַמאָן האָט די פּלאַסאַלעטע אויסגעקליבן פאַר זײַן אַרבעטספּלאַץ. ער האָט מיט גרויס אונטערטעניקייט געפרעגט בײַ די בעלי־בתים, צי זיי ווילן אַז אין דער צײַט וואָס די אויטאָמאָבילן שטייען און וואַרטן אויף צוריקצו־פאָרן צו זייערע היימען זאָל ער זיי אָפּפּוצן. אַ סך האָבן שוין ראַמאָנען געקענט. ער פלעגט זיך אין יענער געגנט אַרומדרייען און העלפן די שאָפערן פאַרדינגען זייערע מאַשינעס פונאַנדערצופירן פעקלעך, פלעגן זיי אים צוּוואַרפן עטלעכע סענט.

ביסלעכווײַז האָבן די אייגנטימער פון די אויטאָמאָבילן אײַנגעשטימט. ס׳איז געווען גוט אַרויסצוקומען פאַר נאַכט און טרעפן אַ ריינע מאַשין.

אזוי האָט ראַמאָן זיך איינגעאַרבעט ביים פוצן די מאַשינען. אַן אויטאָ־מאָביל איז אַ גרויסע כּלי. אַרומצוּוואַשן אַלע טיילן מיט אַ גאַמוזע, מיט וואַסער און זייף איז אַ שווערע אַרבעט. מען דאַרף פאַרוואַרפן די גאַמוזע איבערן דאַך פון אויטאָמאָביל, זיך אויפהייבן אויף די שפּיץ פינגער און אַראָפּציִען דאָס וואַסער ביז אַראָפּ, און אַז מען האָט שוין ריין די געפאַרבטע טיילן, הייבט זיך ערשט אָן די אַרבעט אַרום די ניקעלנע באַפּוצונגען.

ראַמאָן האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע געדולד צו די מאַשינען — ער האָט ניט דורכגעלאָזט קיין קרעצעלע, קיין שטויבעלע. ער האָט געקענט אַלע ווינקעלעך פון דער מאַשין. ער האָט געשייערט ביז ער האָט די מאַשין פאַרוואַנדלט אין אַ בלישטשענדיקן שפּיגל.

ראַמאָן האָט זיך אַריינגעלעבט אין זיין אַרבעט. ער האָט ליב געהאַט זיך שטעלן אין אַ זייט פון דער אָפּגעפוצטער מאַשין און זי באַטראַכטן, עלעהיי אַ קינסטלער ווען ער דערגרייכט זיין ציל. כאָטש ער האָט גוט געוווּסט דעם חשבון וויפל מאַשינען ער האָט נאָך היינט צו מאַכן ריין, האָט ער ניט געקאַרגט קיין אַרבעט און מי.

אַז ס׳פלעגט אַרויסקומען עמעצער און פלוצלינג אַ זאָג טאָן — „גיב אַ פוץ אָפּ, כ׳דאַרף האָבן...״ פלעגט דאָס ראַמאָנען אַ שטאָך טאָן אין האַרצן. — „ער האָט פאַרגעסן, און איך וועל דאַרפן אַרויסיאָגן די נשמה!״ ער פלעגט דאָס אַ טראַכט טאָן און באַלד קריגן חרטה. ראַמאָן איז געווען נאָכגיביק, הכנעהדיק, אויף אַלץ וואָס מען האָט אים געזאָגט, האָט ער געהאַט איין ענטפער: „יע, דאָקטער, שוין באַלד...״

אַלע זיינען ביי ראַמאָנען געווען דאָקטוירים. ער האָט איבערגעטראָגן דעם עמער וואַסער פון איין מאַשין צו דער צווייטער, און די הענט, און דער גאַנצער גוף האָבן זיך באַוועגט ווי עלעקטרישע טיילן פון אַן אויטאָמאַט און געפוצט, געפוצט.

דער פריין פאַרן וואַשן אַ מאַשין איז געווען זעכציק סענט. די מערסטע אייגנטימער האָבן שוין געהאַלטן גרייט אין האַנט דאָס קליינגעלט. אָבער אין אַ ספּעציעלן פאַל, ווען מען האָט געדאַרפט די מאַשין אויף גיך, פלעגט זיך מאַכן אַז דער בעל־הבית פלעגט אַרויסנעמען אַ פאַפּירענעם דאָלאַר

און דערלאַנגען ראַמאַנען. ראַמאַן פלעגט זיך פאַרנייגן: „אַ דאַנק דאָק־טער!"

ראַמאַן האָט געדענקט זייערע נעמען, ער האָט געקענט זייערע משפּחות און אַפילו געוווּסט ווער ס'האָט אויסער זײַן ווײַב נאָך אַן אַנדערע, אַ זײַטיקע. אָבער דאָס אַלץ האָט ער געהאַלטן פאַר זיך. אויף דער פּלאַ־סאַלעטע האָט ער געהאַט אין זינען איין זאַך — פּוצן די מאַשינען ביז זיי וועלן בלישטשען.

ראַמאַנס האָפנונג, זײַן חלום איז געווען האָבן אַן אייגענע מאַשין. זאָל זײַן אַן אַלטע. זײַן מאַשין וועט בליאַסקען שטענדיק ווי אַ נײַע. ער וועט זײַן אַ שאָפער, זיצן בײַם רעדל און פירן פּאַסאַזשירן. ער וועט ניט דאַרפן אויסציִען די הענט איבערן דאַך פון די גרויסע אויטאָמאָבילן, ער וועט ניט דאַרפן פּוצן זייערע ניקעלנע טיילן. אין דעם חלום איז געלעגן אַ גאַנצע וועלט מיט האָפענונגען.

ס'איז געווען אַ דאַנערשטיק. וואַשנדיק די לעצטע מאַשין האָט ער פּלוצלינג דערפילט אַ קילקייט איבער זײַן פאַרשוויצטן לײַב, איבער זײַן צעפלאַמטן הייסן פּנים, ווי ער וואָלט אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ שטאַרקן שאָטן. ער האָט גאָרניט באַמערקט ווי פון דער העלער הויט האָבן זיך אָנגעטראָגן וואָלקנס, פאַרדעקנדיק אַלץ מער און מער דעם הייסן ליכטיקן הימל.

ס'האָט אָנגעהויבן טריפן אַ רעגן. ראַמאַן האָט אויפגעהויבן זײַנע פײַכטע אויגן צום הימל און די ליפּן האָבן געמורמלט: „דער טײַוול האָט צוגענומען די זון".

די כמאַרעס האָבן זיך צונויפגעדריקט איבער דער פּלאַסאַלעטע און, אַ געדיכטער רעגן האָט געפּלייצט איבער דער פּראַצע פון מאַשין־וואַשער. ראַמאַן איז געשטאַנען אויסגעוויקט, פול מיט צער און פאַרדרוס: „דער טײַוול זאָל דאָס נעמען!", האָט ער מיט ביטערניש געטראַכט.

ראַמאַן האָט פאַרמאַכט די אויגן. ער קען ניט קוקן אויף די מאַשינעס... ער וויל זיך טרייסטן, ער וויל זיך אַליין עפּעס זאָגן וואָס זאָל אים מאַכן לײַכטער, אָבער ס'שטיקט אים אין האַלדז: „אַ גאָט! צי בין איך, דער מאַשין־וואַשער, אַזוי זינדיק... און מײַן ווײַב, און מײַן קינד?"

פון די גאַסן הייבן אָן אַרויסקומען די סוחרים, זיי גייען צו זייערע אויטאָמאָבילן און קלײַבן זיך פאָרן אַהיים. ראַמאָן שטייט אַ פאַרמאַטערטער פון שווערן טאָג. אַלץ איז אויף אים נאָס פון רעגן, פון דער היץ, פון שוויס, פון דער פּראַצע וואָס ער האָט אַרײַנגעלייגט אין די מאַשינען. ער שטייט ווי אַ שולדיקער. מען טראָגט אים צו די זעכציק סענט. ס׳גיט אַ בליאַסק אַ פּאַפּירענער דאָלאַר. ס׳איז אים ניט ליב דאָס געלט... ער רוימט אײַן איינציקוויַיז די קונדן: „כ׳וועל מאָרגן איבערפּוצן״. ער קען איצט ניט מער. ער איז מיד פון אַ שווערן טאָג. ער נעמט זיך אָן מיט מוט און הייבט אָן ווײַטער טריקענען מיט די לעצטע כּוחות. ס׳קומט אַרויס אַ בעל־הבית, קוקט אויף זײַן מאַשין, און פאַרוווּנדערט זיך: „דוכט זיך ס׳האָט געֶרעגנט״, זאָגט ער צו ראַמאָנען. „יע, דאָן אַלפאָנסאָ, אָבער איך האָב אײַער מאַשין אויף ס׳נײַ איבערגעפּוצט״, זאָגט ער מיט אַ שווערן קול. אַלפאָנסאָ פּערעז באַמערקט די מידקייט אויף ראַמאָנס אַראָפּגעלאָזטע הענט, לויט זײַן אָפּגעשוואַכטן קול, לויט זײַן אומעטיקן פּנים. ער פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע: „ער האָט צוויי מאָל געפּוצט מײַן מאַשין. אפשר געבן אים צוויי דאָלער?...״ ער שטרעקט אויס אָן איינצלנעם פּאַפּירענעם דאָלער... „ס׳וועט זײַן גענוג איינער״...

*

ס׳האָבן זיך דערהערט שווערע טריט בײַ דער טיר. „„אין מיטן העלן טאָג?״ האָט מאַריאַ אַ טראַכט געטאָן. זי האָט אָן עפן געטאָן די טיר, ראַמאָן איז געשטאַנען, ער האָט זי אָנגעקוקט מיט פאַרגלעזערטע אויגן, עמעצער האָט אים געהאַלטן אונטערן אָרעם.

— אײַער מאַן האָט מיך געבעטן כ׳זאָל אים צופירן אַהיים... ער פילט ניט גוט... זאָל ער נאָר ווערן געזונט. אַ גוטן טאָג.

מאַריאַ האָט אַ דערשראָקענע אַרײַנגעפירט ראַמאָנען. זי האָט אים צוגעפירט צום הילצערנעם בעט, און געהאָלפן אים אָװעקלייגן.

— ניט גוט, מאַריאַ! ניט גוט... עס שווינדלט מיר אין קאָפּ, ס׳שטעכט מיר אין ברוסט...

ס׳האָט איר פאַרקלעמט, זי האָט פאַרביסן די ליפּן ניט צום ריידן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אַ זאָג געטאָן: — איך גיי ברענגען דאָס קינד פון דער מאַמען...

באַלד זיך אומגעקערט האַלטנדיק דאָס קינד פאַר דער האַנט. איר מאַמע איז איר נאָכגעגאַנגען.

— מאַריאַ, — האָט די מוטער שטיל צו איר אַ זאָג געטאָן, — דאַרפסט צוגיין צום ,ברובאַ׳ (זנאַכער), ער וואָלט ראַמאָנען גלײַך געהאָלפן... ער ווייס אַלץ. ער האָט שוין אַ סך מענטשן געזונט געמאַכט. ווען דײַן טאַטע איז אָפּגעלעגן מאָנאַטן אין בעט, און די ווייטיקן זײַנען געווען גרויס און ער האָט זיך ניט געקענט אויפהייבן, בין איך אַוועק צו אים און אַלץ דערציילט, האָט ער מיך אָנגעקוקט און עפּעס געמורמלט... פּלוצלינג האָט ער אַ וואָרף געטאָן צוועלף קאַראַקאָלן אויף דער הילצערנער פּאַדלאָגע און געבליבן פאַרגליווערט, שטום.

— עלף זײַנען געפאַלן מיט דער עפענונג אויף אַראָפּ, און נאָך איינער אויף אַרויף; ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און געזאָגט: — דײַן מאַן וועט שטאַרבן.

— מיר קענען נאָך איצט גיין אים זען. אַלע קראַנקע קומען דאָרטן אין דער צײַט ווען די זון גייט אַרונטער. אין דער פאַרנאַכט־שעה זעט ער די געטער... איך האָב דאָרטן געזען ווײַסע קראַנקע... ער העלפט אַלעמען... אַלץ איינס ווי אונדזערע...

ראַמאָן האָט זיך אײַנגעהערט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף „ניין״.

— איך וועל דיר געבן עפּעס עסן. האָסט נאָך הײַנט ניט געגעסן.

— כ׳וויל ניט, איך קען ניט...

— ראַמאָן, איך וועל מיט דיר פאָרן אין שטאָטישן שפּיטאָל, דאָרטן נעמען צו גוטע דאָקטוירים, מען דאַרף פאָרן האַלבע נאַכט צו קריגן אַ נומער...

— גוט, אפשר...

ס׳איז אים באַפאַלן אַ שלאָפע מידקייט און ער איז אײַנגעשלאָפן.

*

די גאַסלאַמפּן וואַרפן אַ שוואַכע ליכט אויף די צעמענטענע טרעפּ וואָס פירן צום שפּיטאָל „רעינאַ מערסעדעס".

די טרעפּ זײַנען באַזעצט מיט צענדליקער קראַנקע. זיי קוקן אויס ווי צונויפגעדרייטע אָפּגעבראָכענע צווײַגן פון פאַרטריקנטעביימער. די אָראָפּ־געלאָזענע קעפּ שפּאַרן זיך אָן אויף די מאָגערע, פאַרמאַטערטע הענט. אַנדערע ליגן צונויפגעקאָרטשעטע אויפן האַרטן צעמענט, און וואַרטן אויף דער שעה, ווען מען וועט נעמען אויסטיילן די נומערן צו די דאָקטוירים. ס'טרעפט זיך אַז אַ קראַנקער דערוואַרט זיך ניט אויף דער שעה... דאַן נעמט מען אים אַרײַן אין שפּיטאָל אָן אַ נומער... מען דאַרף זײַן גוף צו לערנען די סטודענטן ווי צו היילן אַנדערע.

זיצנדיק אין דאָקטאָרס וואַרטצימער האָט זיך ראַמאָן דערפילט שלעכט. ס'איז אים געוואָרן שווער צום אָטעמען, און געשטיקט אין האַלדז. ער האָט ניט געקענט באַוועגן מיט די דאַרע הענט, וואָס האָבן פאַר יאָרן זיך געטראָגן ווי פייגל אין דער לופטן...

ס'איז אים דורך אַ קעלט איבערן גאַנצן לײַב, פּלוצלינג האָט עס אים אַ שלאָג געטאָן ווי אַ היצכוואַליע. ס'זײַנען אים אויפגעשווומען געדאַנקען וואָס ער האָט קיין מאָל ניט געטראַכט וועגן זיי.

— אין וואָס זײַנען מיר פאַרבײַגעגאַנגען מײַנע פינף און דרײַסיק יאָר? ביז צען יאָר בין איך אַרומגעלאָפן אַ באָרוועסער, אָפּגעריסן, אָפּט הונגע־ריק, אַז מען האָט מיך אוועקגעשיקט אין שול בין איך געווען דער ערגסטער... קיין מאָל ניט געהאַט קיין ביכל, ניט קיין העפט צום שרײַבן. ווען כ'פלעג זען אַנדערע קינדער עסן, פלעגן מיר אַרויסקריכן די אויגן פון קנאה. צו פופצן יאָר האָט מיך מײַן טאַטע אַוועקגעפירט אין אַ שוסטער־פאַבריק, ניט ווײַט פון אונדזער הילצערנער שטוב וואָס איז געשטאַנען אַרײַנגערוקט אין אַ הויף. דער טאַטע האָט אָפּגערעדט מיטן באַלעבאָס אַז מען וועט מיר אויסלערנען אַן אַרבעט. דערווײַל האָב איך געקערט די פאָדלאָגע און געראַמט די קלאָזעטן. איך האָב פאַרדינט פיר דאָלער אַ וואָך. איך פלעג זיי ברענגען מײַן טאַטן, און ער פלעגט מיר געבן איין דאָלער אויף פרישטיק און מיטאָג. פּלוצלינג איז מײַן טאַטע קראַנק געוואָרן, אָפּ־געלעגן עטלעכע מאָנאַטן צו בעט און געשטאָרבן.

— כ'בין אָוועק פון דער שוכפאַבריק אַרבעטן אויף אַ משא־אויטאָמאָביל, געלאָדן שווערע משא אין פאָרט און פאַרדינט נײַן דאָלער אַ וואָך. איך האָב געהאָלפן מײַן מאַמען, וואָס איז אַלע אירע יאָרן געגאַנגען ראַמען אין פרעמדע הײַזער. נאָר ס'האָט ניט געקלעקט. די ערשטע טעג פון חודש, ווען מיר פלעגן באַצאָלן דירה־געלט, האָט מען די וואָך געהונגערט, געאַרבעט און געהונגערט.

— אויף וואָס האָב איך אָפּגעלעבט מײַנע פינף און דרײַסיק יאָר? צו וואָס בין איך געקומען צום דאָקטער? ער זאָל פאַרלענגערן מײַן שווער לעבן, אין שטענדיקער זאָרג? מײַן פרייד ווען ס'איז געבאָרן געוואָרן דאָס קינד איז גלײַך צעשוומען אין דער מורא צי איך וועל אים קענען געבן עסן. ס'איז דען כּדאַי צו קעמפן אויף ווײַטער צו לײַדן? אפשר איז בעסער זיך באַפרײַען פון דעם שטענדיקן קלעם.

די קראַנקן־שוועסטער האָט אויסגערופן: „סעניאָר ראַמאָן סואַרעז! קומט אַרײַן".

— קיינער האָט מיר קיין מאָל ניט געזאָגט „איר". אַלע האָבן מיר געדוצט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

ראַמאָן איז אַרײַן אין דאָקטאָרס קאַבינעט. אין אַ קורצער ווײַלע איז ער אַרויסגעקומען, נאָך בלאַסער, נאָך אומעטיקער. די קראַנקן־שוועסטער האָט אַרײַנגערופן ראַמאָנס פרוי. דער דאָקטאָר האָט זי אַ ווײַלע אָנגע־קוקט, און לאַנגזאַם געזאָגט: „מען קען גאָרניט טאָן, צו שפּעט, די לונגען זײַנען זייער אָנגעגריפן, צעלעכערט. ער האָט זיך קיין מאָל ניט באַקלאָגט פאַר אײַך?"

— קיין מאָל ניט דאָקטאָר. ער האָט נאָר געטראַכט פון זײַן אַרבעט.

דער דאָקטאָר האָט אַרויסגעפירט די פרוי. זי האָט אָנגענומען ראַמאָנען פאַר דער האַנט און איז אַרויס פון צימער.

ראַמאָן האָט איר גלײַך אַ פרעג געטאָן: „דער דאָקטאָר האָט פאַר־שריבן מעדיצין?"

— ניין — האָט מאַריאַ מיט אַ צעוויינטיקט קול געענטפערט.

— איך האָב געוווּסט...

*

ס'איז שוין געווען האַלבער טאָג ווען ראַמאָן מיטן ווײַב זײַנען אָנגעקומען אַהיים. זי האָט אים געהאָלפן זיך אָנועקלייגן אויף דער הילצערנער בעט, פאַרביסן די ליפּן ניט צו ריידן און אַרויסגעקוקט דורך די שײַבלעך פון פענצטער צו דער קאַלכפאַבריק, וואָס איז געשטאַנען אויפן באַרג. אַלץ איז דאָ ווײַס — די געבײַדע, דער באַרג, די טיפע גרוב פון וואַנען מען גראָבט דעם קאַלך וואָס מען מאָלט אין פאַבריק. „וואָס וועט זײַן איצט,״ האָט מאַריאַ געטראַכט.

פון ווינקל פון דער קאַלזאַדאַ (ברייטער גאַס) האָט זיך דערטראָגן דער עכאָ פון בלומען־פאַרקויפערס אויסרופן: „ווײַסע מאַריפּאָזעס, ווײַסע מאַריפּאָזעס, די שענסטע בלום״...

— גיי, מאַריאַ, גיי ברענג מײַן קינד, איך וויל מיט אים ריידן... אים זען... אפשר זיך שפּילן... וועט ער געדענקען זײַן טאַטן?

מאַריאַן איז געוואָרן שוואַרץ פאַר די אויגן. זי האָט געוואָלט שרײַען, אַרויסשרײַען איר ווייטיק, זי האָט אָבער פאַרביסן די ליפּן און געשטומט.

— פאַרשטייסט, מאַריאַ, אַז איך גיב אַ טראַכט אין וואָס ס'איז באַשטאַנען מײַן לעבן, האָב איך גאָרניט וואָס צו באַדויערן. ס'איז אָבער אַלע מאָל דאָ עפּעס וואָס ס'ווילט זיך ניט פאַרלירן. ס'איז מיר שווער דיך צו לאָזן אויף הפקר מיט מײַן קינד. ס'וועט ווערן פינצטער אויף אייביק... אויס זונשײַן. אויס גלאַנציקע מאַשינען, אויס רעגן, אויס וועלט. ס'איז שווער זיך צו געזעגענען פון אַלץ. נישטאָ וואָס צו באַדויערן, נישטאָ וואָס צו זשאַלעווען, און ס'איז דאָך שווער!

ראַמאָן דרעמלט... ער פירט אַריבער די אויטאָס פון איין זײַט אויפן צווייטן, ער שטעלט זיי אויס גלײַך, סימעטריש. קיינער קען ניט אַרויספירן אַ מאַשין פון ענגסטן פלאַץ ווי ער... ס'ווערט טונקל דער געדאַנק. ס'לעשט זיך אויס דער חלום און פאַרטראָגט זיך ערגעץ ווײַט, ווײַט...

אויף דער פּלאַסאָלעטע שטייען אויסגעשטעלט לאַנגע רייען פאַרשטויבטע אויטאָמאָבילן. אויף דער פּלאַסאָלעטע איז אומעטיק, קיינער זאָרגט ניט פאַר די פאַרשטויבטע און פאַררעגנטע אויטאָמאָבילן.

צו שפּעט

שוין לאַנג ווי איך האָב ניט דערהאַלטן קיין בריוו פון מײַן הייב. אַ מאָל טראַכט איך וועגן דעם, איך זאָרג מיך, — אַנדערע טעג פאַר־געס איך.

יענע צײַט, וועגן וועלכער איך דערצייל, איז געווען שלעכט. כ'האָב ניט געאַרבעט, איך האָב ניט געשריבן אַהיים און ניט געטראַכט וועגן שרײַבן. געווען פאַרנומען מיט זוכן אַרבעט און מיט פאַרטרײַבן דעם הונגער... איך בין דעמאָלט אַלט געווען נײַנצן יאָר — אין אַ פרעמד לאַנד, אָן משפּחה, אָן פרײַנד, אָן אַ שפּראַך און אָן אַ פאַך. די פּאָר לאַנדסלײַט האָבן אויך פאַרגעסן אָן מיר. אַזוי האָט אויסגעקוקט מײַן ערשט יאָר אין דער פרעמד.

מײַן מאַמע האָט אויסגעווײנט אירע אויגן וואַרטנדיק אויף אַ בריוו פון מיר. די וואָכן זײַנען געלאָפן און איך האָב ניט געהאַט וואָס צו שרײַבן. איך האָב ניט געקענט שרײַבן מײַן מאַמען דעם אמת און ניט געהאַט קיין מוט זי אָפּצונאַרן. כ'פלעג זיך אָפּשטעלן לעבן די אָפענע טירן פון דער בעקערײַ און אַרײַנאָטעמען דעם ריח פון ברויט...

מען קען צו הונגער זיך ניט צוגעוווינען. וואָס לענגער מען הונגערט, אַלץ שטאַרקער ווערט דער פאַרלאַנג צו זעטיקן דעם הונגער. דערפילסט פון דעם אַ מאָל אַ ווייטיק. דערפילסט ווי דו וואָלסט זיך פונאַנדערגעפאַלן און דײַן געדאַנק ווערט פאַרוואָלקנט, ווערט טעמפּער.

בײַם פאַרבײַגיין אַ רעסטאָראַן פלעגן מײַנע טריט ווערן שוואַכער, דער ריח פון די מאכלים פלעגט מיך אָפּשטעלן...

איין פאַרנאַכט, נאָכן אַרומדרייען זיך אַ גאַנצן טאָג זוכן אַרבעט, בין איך אַרײַנגעקומען אין צימער אַ פאַרמאַטערטער. ס'איז מיר געווען ביטער אויפן האַרצן... נאַס, אויסגעווייקט אין שווייס, כ'האָב זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער אײַזערנער קאָלומבינע, אַ בעטל מיט אַ דראָטענעם מאַטראַץ, און אײַנגעשלאָפן ווי אַ טויטער. פּלוצלינג איז אַרײַנגעקומען מײַן מאַמע, דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט און געוויינט...

— זונינקע, פאַר וואָס שרײַבסטו מיר ניט, כאָטש אַ פּאָר ווערטער ?...
כ׳בין געוואָרן אויפגעציטערט.

— מאַמע, ווי קען איך דיר שרײַבן ? וואָס זאָל איך דיר דערציילן ?
אַז דאָס פאַבריקל ווו איך האָב געאַרבעט האָט זיך פאַרמאַכט ? איך האָב זיך געשעמט הײַנט אַרײַנגיין עסן ווײַל איך בין שולדיק פאַר צוויי וואָכן, אַז פון איין העמד וואָס דו האָסט מיר מיטגעגעבן האָט זיך אָפּגעריסן דער אַרבל, די מאַרינאַרקע מיטן הויכן קאָלנער איז זייער הייס, כ׳קען זי ניט אָנטאָן ? מאַמע, פאַר וואָס האָסטו ניט געלאָזט מיר אויסלערנען זיך אַ פאַך, אַן אַרבעט, וואָלט איך אפשר ניט געדאַרפט הונגערן. פאַר דײַן יחוס צאָל איך מיט הונגעריקע טעג. וואָס ווילסטו זאָל איך דיר שרײַבן ? אַז כ׳האָב זיך געלייגט שלאָפן אָן וועטשערע ? שרײַבן וועגן מײַן צער וואָס איך קען דיר ניט שרײַבן, מײַן צער וואָס איך פאַרשאַף דיר אַזוי פיל יסורים ?

איך האָב זיך אַ ריס געטאָן פון שלאָף. דער ווייטיקדיקער שמועס מיט מײַן מאַמען האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט. כ׳בין געווען זיכער אַז די מאַמע איז אין צימער, איר וויינענדיק קול האָט געציטערט אין דער לופטן. כ׳בין ביסלעכווײַז געקומען צו זיך און זיך געכאַפּט אַז ס׳איז געווען אַ חלום. איך בין געווען מיד. איך האָב געפילט אַ פאַרדרוס, געפילט חרטה וואָס כ׳האָב זיך געקריגט מיט דער מאַמען און מיט אַ שווערן געמיט צוריק אײַנגעשלאָפן.

— חיים ! חיים, האָב איך דערהערט.

— האַ — אַ, אַ ? האָב איך אַ פרעג געטאָן.

— איך בין דאָ, האָט מיר געענטפערט די שטים.

— ווער ביסטו ? ווו ביסטו ?

— איך בין דאָ, איך בין דײַן מאַמעס בריוו, נעם מיך אַרויס.

— האַ — אַ, אַ... האָב איך איבערגעפרעגט, מאַכנדיק אַן אָנשטרענגונג צו רעדן — און זיך אויפגעכאַפּט.

— מאַמע ! — האָב איך אַ וואַכיקער אַרויסגערעדט אויפן קול, — מאַמע, איך וועל דיר שרײַבן... זײַ מיר מוחל.

עמעצער פון די צימער־חברים האָט זיך אָפּגערופן :

— חיים, דו רעדסט פון שלאָף !

— ניין, איך בין וואַך. יע, איך האָב גערעדט...

ס'איז שטיל געוואָרן אין צימער. אַלע וועגט זיַינען געווען אַרומגע־שטעלט מיט איַיזערנע קאָלומבינעס. איך האָב צוגעדריקט דעם שטערן צום קאַלטן איַיזן פון בעטל און געטראַכט וועגן מיַין היים, וועגן די דורכגע־לעבטע טעג, וועגן דער פרעמד.

כ'האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער צו דער גאַס. די שוואַכע ליכט פון די גאַסלאָמפּן האָט ניט פאַרטריבן די נאַכטיקע פינצטערניש. — ס'איז נאַכט, האָב איך אַ טראַכט געטאָן.

— ס'איז געווען אַ חלום. — כ'האָב דערפילט אַ פאַרדראָס, ווי מען וואָלט מיך אָפּגענאַרט... — ס'איז געווען אַ חלום, האָב איך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל אין געדאַנק.

מיט אָפענע אויגן בין איך געלעגן אויפן בעטל און געטראַכט. דער געדאַנק איז מיר געווען קלאָר. כ'האָב געטראַכט וועגן מיַינע איצטיקע טעג און וועגן מיַין מאָרגן. איך האָב אין דער פינצטער באַטראַכט דעם צימער, די אַרומגעשטעלטע איַיזערנע בעטלעך, געהערט דאָס אָטעמען פון די שלאָפנדיקע חברים. איך האָב זיך אַ ריס געטאָן: אפשר האָב איך אַ בריוו אין קעסטל, אָבער דאָס קעסטל איז ניט מיַינס. איך האָב קיין מאָל ניט דערהאַלטן קיין בריוו אין דעם קעסטל.

ווען איך בין אין דער פרי אַרויס פון צימער זיַינען שוין אַלע בעטלעך געווען ליידיקע. מיַינע צימער־חברים זיַינען שוין פרי אַוועק צו דער אַרבעט. איך האָב אין גאַנצן פאַרגעסן וועגן מיַין נאַכטיקן חלום. ווען איך בין פאַרביַיגעגאַנגען דאָס פּאָסטקעסטעלע, וואָס איז געהאָנגען ביַים אַרויס־גאַנג פון די טרעפּ, האָב איך דערהערט ווי מען רופט מיך ביַים נאָמען.

— פאַר וואָס לאָזטו דיַין מאַמעס בריוו זיך אַרומוואַלגערן?

אַן עלעקטרישער ברי האָט אַ שטראָם געטאָן איבער מיַין גאַנצן קער־פּער. כ'האָב אַריַינגעקוקט דורכן אָפענעם שפּאַלט אין קעסטעלע, דאָרטן איז גאָרניט געווען. איך בין געוואָרן צעטומלט. ס'האָט מיך אַ צי געטאָן צוריק צום טונקעלן צימער, אויפן דריטן שטאָק. פאַר וואָס בין איך געלאָפן צוריק אין צימער, ווייס איך ניט...

ווען איך האָב אַן עפן געטאָן די טיר, האָב איך דערזען אויף דער

פאַדלאָגע, כּמעט אונטערן בעטל, אַ קאָנווערט, מײַן מאַמעס האַנטשריפט... איך בין געבליבן ווי פאַרשטאַרט. כ׳האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און גענומען דעם בריוו אין מײַנע הענט. אויפגעריסן דעם קאָנווערט, און ס׳האָבן אָפּגעגעשפּרונגען מײַן מאַמעס קורצע שורות: „זונינקע, כאָטש איין וואָרט צו דײַן מאַמען, דײַן אַלטער מאַמען. אויב דײַן בריוו וועט זיך אַ ביסל פאַרזאַמען, וועל איך שוין פון דיר ניט וויסן, וועל איך שוין פון דיר ניט הערן. נאָך איין מאָל וויל איך פון דיר הערן, איידער ס׳וועט מײַן שווער לעבן אויס ווערן...״

כ׳האָב דעם בריוו צוגעטוליעט צו זיך, און דערנאָך אַרײַנגעלייגט אין אייבערשטן שופלאָד פון קאָמאָד. דער שופלאָד איז געווען מײַנער. דאָרטן האָב איך געהאַלטן מײַנע בריוו און מײַן זייגערל וואָס איך האָב געבראַכט פון דער היים. מײַן זייגערל איז שוין לאַנג ניט געגאַנגען.

וואָכן שפּעטער, ווען איך האָב שוין געוווּסט אַז איך האָב ניט צו וועמען צו שרײַבן, פלעג איך אויפעפענען דעם צעבראָכענעם שופלאָד פון אַלטן קאָמאָד, קוקן אויף מײַן מאַמעס בריוו, אויף איר האַנטשריפט; זיי אַרויסנעמען, טוליען צו זיך, און הערן איין וואָרט: „פאַר וואָס?״

ביז הײַנט, רעדט צו מיר, ווינקט צו מיר יעדעס בריווקעסטל אויפן ווינקל פון אַ גאַס. יעדעס פּאָסטקעסטל גיט אַ שניט אין מײַן אויג און פאַרדריקט מײַן האַרץ, און איך הער:

— ווען דו קריגסט אַ בריוו, ענטפער, ערגעץ וואַרט דײַנער אַ באַוואַנ־טער אויף דײַן ענטפער. פאַרזאַם ניט, ס׳קען ווערן צו שפּעט.

נח דעם מילנערס

די עמיגראַנטן וואָס האָבן געקענט נחן האָבן אים באַוואונדערט און מקנא געווען. „אַ מזל פון אַ מענטשן״ — האָבן זיי געטראַכט — „געקומען גלייך מיט אונדז און פאָרט מיט אַן אויטאָמאָביל״.

דער אויטאָמאָביל איז געווען אַן אַלט „פּאָרדל״, פון די ערשטע וואָס מען האָט פאַבריצירט. מען האָט געדאַרפט דרייען די קאָלבע צום אָנוואַרעמען און אָנצינדן דעם מאָטאָר, און ניט אַלע מאָל האָט מען עס ביי אים געפועלט. ס׳איז אָבער געווען געבוג אויף מקנא צו זיין.

דאָס פאָרדל איז געלאָפן ווי אַ פייל פון בויגן איבער די גאַסן פון האַוואַנאַ, איבערן וועג וואָס פירט צו מאַריאַנאַאָ, דאָרטן האָבן נח און משהקע־יאַנקל שמערקעס געהאַט אַ פלאַץ פאַר אַלט אייזן וואָס מען פלעגט זיי ברענגען פון אַלע עקן שטאָט.

נח איז פון דער נאַטור געווען אַ גיכער, אַן אימפּולסיווער, האָט ער זיין אומרו איבערגעטראָגן אויך צו דער מאַשין. אויך דאָס פאָרדל איז ווי צוגעשטאַנען צו דעם געאייל און מיטגעלאָפן.

מיטן מאָגערן פערדל און נייעם וואָגן וואָס נח האָט זיך נאָך יינגלווייז איינגעקויפט, איז ער אויך געפלויגן איבערן אַלטן מאַרק צום טאָטנס וואַסערמיל אין נאָענטן דערפל, ביז דער דאָרער קאָשטאַן איז איין טאָג אַנידערגעפאַלן און — אויס פערד. דער וואָגן איז געבליבן שטיין אויפן מיטן וועג און נח איז איילנדיק אָוועק צו פוס אין טאַטנס מיל. — —

די ערשטע עמיגראַנטן וואָס זיינען אין יענער צייט אָנגעקומען האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי אַרבעטן אויף דער באַלינייע וואָס מען האָט פאַרלייגט, אָדער ביים נייעם שאָסיי וואָס מען האָט אָנגעהויבן פלאַסטערן. אַנדערע האָבן פאַרקויפט „עסקימאָ־פּיי״ אין קעסטלעך אָנגעבונדן אויפן האַלדז. דאָס אייז אין קעסטל האָט געקילט דעם בויך און די זון האָט געברענט דעם רוקן — האָבן זיי געהאַט וואָס מקנא צו זיין נחן, „ערשט ניט לאַנג געקומען, און פאָרט שוין מיט אַן אויטאָמאָביל. מען זאָגט

אַז ער שיקט שיפן מיט אַלט אײַזן קיין אַמעריקע״. אַ קלײניקייט, סאַראַ פּרנסה דאָס איז. אָבער משהקע, זײַן שותף, האָט ניט געטראַכט מער וועגן אַלטן אײַזן. ס׳איז אים אַרײַן אַ מאַנקאָליע און ס׳האָט אים ניט אָפּגעלאָזט. ער מוז פאָרן קיין אַמעריקע, אויפזוכן דאָס מיידל וואָס ער האָט ליב געהאַט אין דער היים. איז ער אַוועק. — — —

אַזוי גיך ווי משהקע איז אַוועקגעפאָרן, האָט נח פאַרקויפט דאָס פאָרדל. מער ניט געפלויגן, און דאָס געשעפט פון אַלט אײַזן האָט זיך פאַרמאַכט.

*

נח גייט ניט, ער לויפט, ער פליט, ס׳דוכט זיך, אַז ער שטעלט ניט די פיס אויפן טראָטואַר, די פיס בלײַבן ווי הענגען אין דער לופטן. דאָס אײַלט ער זיך אַזוי צו טרעפן אַ מיידל פון זײַן שטעטל וואָס איז ניט לאַנג צוריק געקומען אַהער. ער קען זי זייער גוט. ניט איין מאָל האָט ער מיט איר אין די פאַרנאַכטן שפּאַצירט אויפן שאָסיי. אַ סך מאָל איז ער פאַרקראָכן מיט חיהקען אויפן באַרג, וווּ ס׳איז געשטאַנען די קאַפּליצע, ס׳האָט אים ניט געאַרט וואָס יעזוס שטייט דאָרטן אַ קאַלטער, אַ לײַדנדיק־פאַרגליווערטער... זיי פלעגן זיך אַוועקזעצן זיך האַלטן פאַר די הענט... און רעדן שטיל, ווי פאַרסודט... נח פלעגט צוציִען אירע הענט צום מויל און לײַכט זיי גלעטן מיט די ליפּן. ווען פון שטעטל פלעגן זיך זען די פײַערלעך פון די קלײנע נאַפּטלעמפּלעך, און אויפן באַרג האָט זיך באַזעצט די נאַכטיקע פינצ־טערניש, פלעגט נח ווערן דרייסטער און געקושט איר פּנים הייס און שטאַרק... איצט גייט ער זען חיהקען, — „איך האָב אַ סך מאָל געטראַכט וועגן איר, נאָר ס׳איז מיר קיין מאָל ניט אײַנגעפאַלן שרײַבן צו איר, אַז שרײַבן קומט מיר אָן אַזוי שווער... שוין צוויי יאָר אַוועק — — און איך האָב איר ניט געשריבן קיין איין מאָל... ווען איך זאָג איר אַז איך טראַכט פון איר, אַז איך וואָלט געוואָלט זי אַריבערברענגען... איצט איז זי געקומען צו אַ קוזין, אַן עלטערער בחור, דער קוזין האָט אַ קרעמל בשותפות מיט איר ברודער, פאַר וואָס איז זי געקומען צום קוזין און ניט צום ברודער?״ ער שטעלט האַסטיקער די טריט און אָט איז ער אויף כעסוס מאַריאַגאָס און קלאַפּט שוין אין טיר פון ערשטן שטאָק. יאָ, ס׳איז חיהקע.

— חיהקע! — גיט נח אַ געשריי, — ער וויל זי אַרומנעמען. נאָר חיהקע שטעלט אַ טראָט אויף צוריק און רעדט אַרויס געלאַסן.

— נח! נח...?

ער שטייט ביַי דער טיר ווי אַ פאַרלאָרענער, ווי ער וואָלט געמאַכט אַ טעות און ניט געטראָפן דאָס ריכטיקע אָרט, אפשר וואָלט ער געדאַרפט צוריקגיין...

— קום אַריַין, נח, איך האָב פאַר דיר גרוסן פון דיַינע שוועסטער, פון דיַין טאַטן און מאַמען, אַלע, אַלע האָבן דיר געשיקט גרוסן, דאָס איז מיַין קוזין חצקל...

נח שלאָגט איר איבער די רייד.

— ווו איז דיַין ברודער?

— ער וווינט אויף סאָל גאַס, מיַין קוזין האָט גענומען די דירה וויַיל איך האָב געדאַרפט קומען.

נח דערפילט ווי ס'ברעכן זיך אים אונטער די פיס. ס'שלאָגט אים אין די שלייפן.

— זעץ זיך, נח — זי רוקט אים צו אַן אַלטן שטול.

— אונדזער מעבל וועט מען ברענגען אין עטלעכע טעג אַרום...

דורך דער אָפענער טיר צום צימער זעט זיך אַן אָפּגעדעקט בעט. נח גיט אַ טראָט צו דער אַרויסגאַנג־טיר.

— וואָס איַילסטו זיך?

— משהקע איז אַוועקגעפאָרן, דאַרף איך גיין...

ער דערפילט אַז ער האָט ניט געזאָגט וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן.

— משהקע־יאַנקל שמערקעס? און ווו איז יוכבד?

— משהקע איז געווען שותפות מיט מיר צוויי יאָר. איצט איז ער אַוועקגעפאָרן זוכן יוכבדן...

— זיַין מיידל, — רעדט אַרויס חיהקע מיט אַן אומעטיקן קול. — נח, איך וויל דו זאָלסט קומען צו אונדזער חופה דעם קומענדיקן דינסטיק, זעקס פאַר נאַכט, וועסט זיך טרעפן מיט מיַין ברודער, איך וויל ניט דו זאָלסט זיַין אָפּגעפרעמדט פון אונדז — איר קול ווערט ווייך, טרערן באַוויַיזן זיך אין די ווינקלען פון אירע שוואַרצע אויגן — מיר זיַינען

דאָך צוזאַמען אויפגעוואַקסן. פאַר אַזוי פיל יאָרן... חיהקע גיט אַ טראַכט געגטער, זי מאַכט אַ באַוועגונג ווי צו געבן נחן אַ קוש.

— איך וועל זען...— ער דרייט אָפּ דעם קאָפּ צו דער טיר און רעדט ווי אין דער וועלט אַריַין — משהקע איז אַוועקגעפאָרן, איך וועל אפשר אויך אַוועקפאָרן, אַ מענטש ווייסט ניט וואָס ער זאָל טאָן... אַ מענטש ווייס קיין מאָל ניט וואָס ער זאָל טאָן... אַ גוטע נאַכט.

אַרויסגייענדיק איז נח שיִער ניט אַראָפּגעפאַלן פון די פינצטערע טרעפּ. ער האָט ניט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט אים, חיהקע האָט ווידער אַ מאָל שוין בײַם אַרויסגיין איבערגעחזרט ער זאָל קומען — נאָר נח האָט שוין גאָרניט געהערט.

אויף דער גאַס האָט נח דערפילט אַז ער קומט צו זיך. „דער קוזין האָט ניט גערעדט קיין איין וואָרט, ווי אַ שטומער... פאַר וואָס האָב איך איר ניט געלאָזן מיר געבן אַ קוש? — זי איז געקומען צום קוזין...״ —

ער איז געגאַנגען געלאַסן איבערן שמאָלן טראָטואַר, גאָרניט ווי זײַן טבע איז, ווי ער וואָלט פאַרלאָרן זײַן אימפּעט, געגאַנגען און געטראַכט:

„איך פאָר אַוועק, איך פאָר אַוועק... ווו מײַנע אויגן וועלן מיך טראָגן, דאָ האָב איך ניט וואָס צו טאָן... זי איז געקומען צו איר קוזין... פאַרגעס... פאַרגעס, נח...״ האָט ער גערעדט צו זיך — נאָר חיהקעס געשטאַלט איז ווי מיטגעגאַנגען מיט אים. אירע שוואַרצע אויגן האָבן געלויכטן אין דער נאַכט... ער האָט אויפגעהויבן זײַן האַנט און געגלעט אירע דינע זײַדענע האָר, געהאַלטן אירע פינגער לעבן זײַנע ליפּן און זיי געקושט. —

„פאַרלאָרן... פאַרגעס, פאַרגעס, ס׳איז פאַרפאַלן... דאָ אין שטאָט, האָב איך מער גאָרניט וואָס צו טאָן״.

נח האָט זיך די גאַנצע נאַכט אָפּגעוואַלגערט אויף זײַן געלעגער טראַכטנדיק ווו ער זאָל פאָרן. מיטן אויפשפּראָץ פון טאָג איז שוין געווען קלאָר פאַר אים — „כ׳פאָר קיין באַראַקאַאַ, אויפן צווייטן ברעג אינדזל, ווײַט, ווײַט, וואָס ווײַטער״. אַ מידער, איז ער אײַנגעשלאָפן.

*

ווי איינפאַך, ווי אָרעם ס׳זאָל ניט זײַן די היים וואָס אַ מענטש האָט

אויפגעבויט — איז אים שווער זי צו פאַרלאָזן. אַ מענטשנס היים איז ווי די וואָרצלען פון אַ בוים.

נח האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן צימער און באַטראַכט יעדעס שטיקל מעבל און זיך דערמאָנט ווי שווער ס׳איז אָנגעקומען דאָס אַלץ איינצושאַפן און צונויפברענגען. ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט געשלעפּט אויף דער פּלייצע דעם גרויסן שטול מיטן ברוינעם לעדערנעם געזעס, ער האָט געקוקט אויף משהקעס הילצערנעם בעט, מיט די פיר אויסגעטאָקטע קעפּלעך אין די ווינקלען, ער האָט באַטראַכט זײַן ווײַס אײַזערן בעט, וואָס האָט אים געדינט אין מידע נעכט און פאַר הײַטערע חלומות. — —

און ווי אַ שטורעמווינט וואָלט אים אַ שטויס געטאָן איז ער אַרויס־געלאָפן פון צימער. ווי אַ קויפער פון אַלט מעבל, האָט ער געוווּסט אַז די וועגעלעך שטייען אויף סאַלוד גאַס, די הענדלער פלעגן פאַרקויפן דאָס אַלטע מעבל צו די קרעמער אויף יענער גאַס.

*

„אויב איך פאַר הײַנט ניט אַוועק, וועל איך שלאָפן אויף דער ערד — ווען כ׳וואָלט כאָטש איבערגעלאָזן אַ שטול...״ דער צימער איז געוועזן אומהיימלעך און געהילכט מיט פוסטקייט. די צוויי בלויע טשעמאָדאַנעס זײַנען געשטאַנען אין מיטן צימער ווי זיי וואָלטן וואַרטן מען זאָל זיי אַרויסטראָגן...

„אַלץ טו איך אויף גיך, אויף גיך... ניט באַקלערט, ניט באַרעכנט, וואָלט איך בעסער פריִער צוגעגאַנגען צום פאָרט באַשטעלן אַ שיף וואָס גייט קיין באַראַקאַא״. ער האָט פאַרקלאַפּט די טיר און איז אַוועק צום פאָרט זוכן אַ שיף וואָס גייט צו דער צווייטער זײַט אינדזל, צום מזרח־ברעג.

*

— מען האָט מיר געזאָגט אַז איר פאָרט קיין באַראַקאַא, — האָט נח זיך געפרעגט בײַ אַ מאַן וואָס איז געשטאַנען אויפן דעק פון אַ „לאַנט־שאָן״.

— יע! מיר פאָרן, מיר פירן משא, עסנוואַרג, ביר, מאַשינען.

— איר נעמט מיט פּאַסאַזשירן?

— יע! אַז עמעצער וויל פאָרן, נעמען מיר אים מיט. אויף אַ „לאַנט־שאַן (קליינע משא־שיף) זײַנען ניטאָ קיין צו פיל באַקוועמלעכקייטן. קום אַרויף, דורך יענער ברעט, קום, וועסטו זען און באַשליסן.

— איך פאָר — האָט נח געערדט קריכנדיק איבערן ברעט וואָס איז געלעגן צווישן איין שיף און אַ צווייטער.

דער מאַן האָט אים אַראָפּגעפירט אין קעלער פון שיף.

— מיר האָבן ניט קיין בעטן... — האָט ער געשמייכלט — מיר שלאָפן אויף נאַרעס.

— ווען פאָרט איר אָפּ?

— מיטוואָך...

— הײַנט איז מאָנטיק — קען איך ברענגען מײַן טשעמאָדאַן און בלײַבן אויף דער שיף די צוויי נעכט?

— ברענג... אויב דו ווילסט אָנלאָדן די משא, וועט דיר ניט קאָסטן די רײַזע.

— יע! איך וועל העלפן, איר דאַרפט מיר נאָר ווײַזן וואָס צו טאָן. איך פלעג צעפירן זעק מעל, איך בין געווען אַ מילנער, איך קען די אַרבעט.

— אַ מילנער? אין שפּאַניע, אין גאַליציע, אָ, ווייסטו ווי אומצוגיין מיט אַ משא.

„זאָל זײַן פון שפּאַניע" האָט נח אַ טראַכט געטאָן.

— גיי איך ברענגען מײַן טשעמאָדאַן... מײַנע טשעמאָדאַנעס...

— קום פרי וועסטו עסן מיט אונדז.

נח איז אַרויסגעלאָפן פון שיף און זיך אַוועקגעטראָגן נאָך זײַנע צוויי טשעמאָדאַנעס.

*

מיטוואָך פאַר נאַכט איז דער „לאַנטשאַן" אַרויסגעפאָרן פון האַוואַ־נער פאָרט אויף זײַן וועג צום מזרח־טייל פון קובאַנער אינדזל, צו באַ־

ראקאַ. נח איז געוועז מיד, ער האָט געהאַלפֿן אַנלאָדן די משא און דאָס איינלייגן אין קעלער פון שיף. ער האָט זיך באַמיט צו לייגן די לאָדונג אויףביידע זייטן פון שיף, ס׳זאָל ניט אַריבערוועגן אויף זיין זייט. נח האָט צו גלייך מיט די אַנדערע געאַרבעט אויף דער שיף דעם גאַנצן טאָג.

ווען נח איז אַרויף אויפן דעק כאַפּן אַ ביסל קילע לופט פון קובאַנער טראָפּיקאַלער ווינטל, איז ער געוואָרן באַצויבערט פון דער שיינקייט פון דער שטאָט. די לעצטע שקיעה־שטראַלן פון דער זון אויפן מערב האָבן באַגאָסן די בנינים מיט אַ ראָזלעך ליכט. פון דער צווייטער זייט האָבן זיך געצויגן די ימיקע אומענדלעכקייטן צו די ווייטע, ווייטע האָריזאָנטן, וואָס האָבן אַנגעהויבן באַדעקן מיטן טונקל פון בין־השמשות.

נחס געדאַנקען האָבן זיך אָוועקגעטראָגן צו ווייטע מקומות, איבער ימען, צו פאַרגאַנגענע טעג, זיך אָוועקגעטראָגן צו דער אַמאָליקער נאָענטער, וואַרעמער היים.

ווען ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט און ס׳האָבן זיך באַוויזן בלייכע פייערלעך פון די הייזלעך ביי די ברעגן פון קובאַנער אינדזל, זיינען צווישן זיי אויך געווען די פייערלעך פון די הייזקעס פון דאָרף, פון דער וואַסערמיל און פון דעם ווייס־געקאַלכטן הויז ווו ער איז געבוירן געוואָרן און אָפּגעלעבט זיינע יוגנטיאָרן. פאַר זיינע אויגן איז אויפגעשווומען דער טייך. דער טאַטע איז געשטאַנען אויף דער בריק איבערן וואַסער און געקוקט ווי דער שטראָם וואָס האָט זיך אַרויסגעגאָסן פון איין עפענונג אין סטאַוו האָט געשטויסן דעם גרויסן הילצערנעם ראָד און געטריבן די שטיינער וואָס האָבן געמאָלן דעם קאָרן.

נח דערמאָנט זיך ווי ער פלעגט זיך שיפן איבערן וואַסערפאַס, אין סטאַוו. ער דערזעט די הויכע טאָפּאָלן און ווערבעס, וואָס ציִען זיך לענג־אויס דעם וואַסער, די פאַרפלאָנטערטע קוסטעס. פלוצלינג דערמאָנט ער זיך אַז חיהקע האָט אָפּט זיך געשיפט מיט אים. זי פלעגט קומען צו זיין שוועסטער, נאָר געשיפט האָט זי זיך מיט אים.

ער געדענקט ווי איצט ווי דער טאַטע האָט איין מאָל דערזען ווי פון שייער שאַרט זיך אַרויס העלענקע דעם שכנס טאָכטער... „אוי״ האָט ער אַ קרעכץ געטאָן.

— איר טאַטע איז אַ רוצח, אפשר האָט ער זי געשיקט אונטער־צוציִנדן?

באַלד האָט זיך געעפנט אַ ביסל דער טויער פון שייַער און ס'האָט זיך אַרויסגעשאַרט נח. דער טאַטע האָט אַ פאַרציטערטער געדישעט:

— איר טאַטע וועט אים דערהרגענען.

ווען ס'האָט אָנגעהויבן שנייַדן אויף טאָג און די פייַערלעך האָבן זיך אויסגעלאָשן, האָבן זיך דערזען שאָטנס פון הייַזקעס, שאָטנס פון ביימער, ביסלעכווייַז זייַנען די סילועטן פון די הייַזקעס געוואָרן קלערער און נענטער. מען האָט דערקענט די גרויע דעכער פון „גוואַנאַ" *. די קרוינען פון די הויכע פאַלמעס זייַנען געוואָרן העכער און גרינער — ווי אויפ־געכאַפּט פון דעמערונג האָט עס אים פלוצעם באַפאַלן אַן אומרו... — „ווו פאַר איך? צו וועמען פאַר איך? וואָס פאַראַ ווילדער אייַנפאַל?" — ס'האָט אים באַהערשט אַ חרטה אויף אַלץ וואָס ער האָט אין איינע פאַר טעג אָפּגעטאָן — „וועלכער טייַוול האָט דאָס מיך אַ טראָג געטאָן? וואָס אַרט דיר וואָס זי וועט ווײַנען אין דער זעלבער שטאָט מיט אַן אַנדערן?" אַ צערודערטער איז ער אַרומגעלאָפן איבערן דעק. „וואָס ווילסטו?" — האָט ער געשריגן צו זיך — „וואָס ווילסטו? האָט זיך דערשראָקן פאַר דייַן גורל? וואָס האָסטו מורא? וועסט פּעדלען ווי אַלע עמיגראַנטן, וועסט זיך אַרומשלעפּן איבער די גאַסן, איבער די צענטראַלן, איבער די הייַזער מיטן פּאַק אויפן אַקסל..."

ער האָט זיך שטילערהייט צוגעשלעפּט צו דער נאַרע. ס'האָט געריסן פון אים שטיקער — „טוסט אַלץ פאַרקערט, פון וועמען אַנטלויפסטו?"

*

נח האָט פייַנט געהאַט דאָס פּעדלערייַ. ער האָט בייַם אָנקומען קיין האַוואַנאַ געפּעדלט אַ קורצע צייַט, האָט ער געהאַט דאָס געפיל ווי ער וואָלט בעטלען. דאָ אין באַראַקאָאַ האָט אים צוגעשפּילט דאָס מזל, די

* די שמאָלע בלעטער פון פּאַלמענקרוין מיט וואָס מען דעקט אין קובאַנער דערפער צו די דעכער פון פּויערישע הייַזער.

קונים פלעגן אים פאַרבעטן ער זאָל קומען נאָך אַ מאָל, „דאָס איז דײַן הויז" — זאָגט דער קובאַנער. אַ שמייכל פון דאַנקבאַרקייט פלעגט זיך אויסגיסן אויף זײַן אָפּגעברענטן פּנים. ער האָט באַהאַנדלט די קונים, מערסטנס פרויען, מיט איידלקייט, מיט רעספּעקט, דאָס האָבן פרויען ליב, איבערהויפּט ווען זיי באַגעגענען זיך מיט אַ מאַן צום ערשטן מאָל.

די טעג זײַנען פאַרבײַ אָן זאָרגן, ווען ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די געסלעך פון דער צעשפּרייטער שטאָט. די נעכט זײַנען געווען אומעטיקע, אָפט פלעגט אים באַהערשן אַ בענקשאַפט, — אַן אומעט — אַ בענקשאַפט צו אַ נאָענטן מענטש, צו דער אַלטער היים.

נח איז ניט געווען צופרידן מיטן צימער ווו ער האָט געוווינט בײַ אַן אָרעמער משפּחה. כאָטש די בעל־הביתטע איז געווען אַ יונגע פרוי, איז דאָס הויז קיין מאָל ניט געווען צוגערוימט, אין זײַן צימער נאָך שמו־ציקער. ער האָט מורא געהאַט אויסצופּאַקן די סחורה. ער האָט געהאַט אַ חשד, אַז ס'פעלט אים פון צײַט צו צײַט אַ „רעשטל", ער האָט געוואָלט וואָס גיכער זיך אַרויסציִען פונעם צימער.

איין טאָג איז נח אַרײַנגעקומען אין אַ הויז וואָס איז געשטאַנען אויף אַ בערגל הינטער דער שטאָט. אַ יונגע מולאַטקע האָט בײַ אים געקויפט אַ פּאָר רעשטלעך און אים באַצאָלט דעם פּרײַז וואָס ער האָט געבעטן, ניט דינגענדיק זיך ווי ס'איז די טבע פון פרויען בײַם קויפן.

— דו קוקסט מיר ניט אויס קיין שפּאַניאָל.

— ניין, ניט קיין שפּאַניאָל, איך בין אַן אייראָפּעער — נאָר ניט פון שפּאַניע.

—ווי לאַנג ביסטו דאָ ?

— אין באַראַקאָאַ ? שוין באַלד אַ יאָר, צוויי יאָר בין איך געווען אין האַוואַנאַ.

— אין וועלכן לאַנד ביסטו געבוירן געוואָרן ?

— אין פּוילן, האָסט געהערט פון אַזאַ לאַנד ?

נח האָט צונויפגעלייגט די סחורה און זיך געקליבן אַוועקגיין.

— אַז דו וועסט האָבן שיינע סחורה, קענסטו ברענגען.

די פרוי איז געווען גוט אָנגעטאָן און גערעדט זייער פרײַנדלעך.

— איך וווין אויף לאַ פּאַלמאַ־גאַס — האָט זיך נח דערמאָנט אַז ער זוכט אַ דירה — ניט קיין ברוקירטע גאַס, אַז ס׳רעגנט קען מען ניט אַדורכגיין די בלאָטע, און אין שטוב איז ניט ריין... ביי דיר איז ריין.

— איך קען דיר פאַרדינגען אַ צימער, דאָס הויז איז אַ גרויס, אַ לופטיקס, איך נוץ ניט אָט דעם צימער.

— וויפל דירה־געלט ?

— וויפל דו צאָלסט, איך וויל ניט מער...

— איך צאָל פיר פעזעס מיט וואַשן די וועש.

— גוט, וועסטו צאָלן פיר פעזעס...

נח האָט גלייך געוואָלט איינצאָלן.

— דאַרפסט מיר ניט געבן איצט, אַז דו וועסט זיך אַריינציִען וועסטו מיר באַצאָלן.

— בעסער נעם דאָס געלט. — ס׳האָט זיך פאַרגנבעט ביי אים אַ געדאַנק אַז זי האָט שוין חרטה.

— ווי איז דיין נאָמען ?

— נאָעל. און דיין נאָמען ?

— סאָילאַ.

— דו אַרבעטסט ? — האָט ער זי געפרעגט אומזיכער.

— איך בין די לערערקע אין דער שול...

נחן איז קלאָר געוואָרן פאַר וואָס די פרוי איז אַזוי גוט אָנגעטאָן. פאַר וואָס זי איז אַזוי פריינדלעך. — צו מאָרגן — זונטיק, האָט זיך נח אַריינגעצויגן אין דער נייער דירה.

די ערשטע טעג האָט ער סאָילאַן ניט געזען, זי פלעגט אַוועקגיין פרי. ער פלעגט אַרויסגיין פעדלען שפּעטער.

זונטיק האָט סאָילאַ אָנגעקלאַפּט אין טיר פון זיין צימער און גע־פרעגט צי ער וויל שוואַרצע קאַווע ?

— אויב דו ווילסט, וועל איך מאַכן עסן פאַר דיר.

— מיט פאַרגעניגן, וויפל דעם זייגער עסטו ?

— ווען פאַר דיר איז בעסער, ווילסט פאַר נאַכט ?

— זייער גוט ! גוט, פאַר נאַכט...

*

אַ הייסע קובאַנער נאַכט האָט געהויערט און געשטיקט דעם אָטעם פון די שלאָפנדיקע אויפן מזרח־ברעג פון קובאַנער אינדזל. נח דערפילט אַז ס׳גלעט אים אַ טראָפיש ווינטל. ער עפנט אויף די אויגן און דערזעט אַ שאָטן.

— סאָילאַ! — רופט ער אויס. זי שטייט און פעכערט אויף אים מיט אַן אויסגעפלאָכטענעם פעכער פון טרוקענע פאַלמענבלעטער, ער כאַפּט אַן איר האַנט און גיט זי אַ ציִ צו זיך. זי ווערט זיך ניט, זי פאַלט אַרײַן אין זײַן בעט און טוליעט זיך צו צו אים...

ווען נח האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט שוין אַ העלע ליכטיקייט באַגאָסן זײַן צימער. ער טראַכט וועגן דער הייסער נאַכט... ס׳האָט אַ בליץ געטאָן אין זײַן מוח — „אַ מיידל...״ ער איז אַרויס זי זוכן אין צווייטן צימער, אין קיך, סאָילאַ איז שוין ניט געווען.

דער טאָג האָט זיך געצויגן לאַנגפריידיק און קאָשמאַריק. — —

— סאָילאַ, — האָט נח אַרויסגערעדט מיט אַ ווייכען קול, ווי מען באַגריסט אַן אייגענעם... ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט ער דערפילט די זיסקייט פון געפּרעגלטע באַנאַנעס, וואָס זײַנען צוגעדעקטע געשטאַנען אויפן קוילנפּײַער.

סאָילאַ האָט זיך אויפגעהויבן פון הילצערנעם וויגשטול און שטיין געבליבן, ווי זי וואָלט ניט געוווסט וואָס ווײַטער צו טאָן.

נח איז צוגעגאַנגען צו איר, זי אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן. זי האָט שמייכלענדיק אַ זאָג געטאָן: — האָסט געטראָפן וואָס איך האָב געטראַכט...

— איך וואַרט אויף דיר...

— לאָז מיך זיך נאָר אַרומוואַשן. — ער האָט אָנגעשעפּט אַ קענדל וואַסער פון עמער און איז אַרויס דורך דעם קיכטירל. זי איז אים נאָכגע־גאַנגען און אויפגעגאָסן דאָס וואַסער.

— קום זעץ זיך דאָ, — האָט אים סאָילאַ אָנגעוויזן אויפן וויגשטול און אַליין האָט זי זיך געזעצט אויף אַ הילצערנער טאַבורעטקע.

— קום זעץ זיך — איך האָב אַ גאַנצן טאָג געטראַכט דיר צו דער־

ציילן ווער איך בין... מײַן טאַטן האָבן דערהרגעט די שפּאַניאָלן, איך האָב זיך אויפגעהאָדעוועט בײַ מײַן זיידן. מײַן מאַמען האָב איך קיין מאָל ניט געזען. מײַן זיידע איז געווען אַ באַפרײַטער שקלאַף. ווען שפּאַניע האָט פאַרלאָרן די מלחמה, האָט מען מײַן זיידן צוגעטיילט אַ שטיקל ערד אין באַראַקאַאָ, נאָך זײַן טויט איז דאָס איבערגעגאַנגען צו מיר. איך האָב זיך גוט געלערנט אין דער שול, וואָס מײַן זיידע האָט געהאָלפן עפּעס. אַז די לערערקע איז אַוועקגעפאָרן אין אַ צווייטער שטאָט, בין איך געוואָרן די לערערקע. איך האָב זייער אַ סך געאַרבעט צו קענען זײַן די לערערקע פאַר די קינדער פון מײַן געגנט. אָרעמע קינדער, באָרוועסע, אָן העמדלעך, מיט פאַרלאַטעטע הייזלעך. וואָס ווייסטו אין וואָס פאַראַ אָרעמקייט די מענטשן האָבן דאָ געלעבט. ס׳האָבן קיין מאָל דאָ ניט אויסגעפעלט קיין פּלאַטאַנאָס (באַנאַנעס), קיין קוקורוזע, נאָר אַ ביסל נאָפּט איז געווען אַ לוקסוס, פלעגן מענטשן זיצן אין דער פינצטערניש און וואַרטן אויפן אויפגאַנג פון דער זון.

— הײַנט איז אַנדערש, הײַנט קען מען פאַרקויפן פּלאַטאַנאָס, קוקורוזע, מאַנגאָס, אַלע טאָג קומען שיפן, קויפן דאָס אָפּ און פירן דאָס אַוועק אין די שטעט. דעמאָלט זײַנען זעלטן צו אונדזערע פאָרטן געקומען שיפן. יע, נאָעל, נײַע צײַטן, הײַנט קומען די קינדער מיט בלוזקעס אין שול און ברענגען ברויט מיט אַ געפּרעגלטער באַנאַנע. מיט יאָרן צוריק איז געווען איין בעקערײַ אין שטעטל...

נח האָט זיך צוגעהערט צו סאָילאָס דערציילן, נאָר דווקא איצט זײַנען אויפגעשוווּמען פאַר אים אַנדערע דערמאָנונגען: ער האָט געזען די וואָ־סערמיל, דעם שײַער, די שטאָל, ווו ס׳זײַנען געשטאַנען צוויי מעלקנדיקע קי, די קאַטשקעס, וואָס שווימען אין סטאַוו, די קליינע לאָדקע, מיט וואָס ער פלעגט אַרויספאָרן לענג־אויס דעם וואַסערפאַס. ער האָט שווער אָן אָטעם געטאָן ווי ער וואָלט זיך וועלן באַפרײַען פון אַן אומעטיקן חלום.

— ס׳אינטערעסירט דיך ניט וואָס איך דערצייל ?...

— ניין, סאָילאָ, זייער אינטערעסאַנט, נאָר ס׳קומען אויף מײַנע איי־גענע יוגנטטעג, זיי טראָגן זיך פאַרבײַ, אָט פונקט ווי דו דערציילסט דײַן אַמאָל.

— דערצייל מיר, איך וואָלט וועלן קענען דײַן היים, דײַן טאַטן, דײַן מאַמען, דײַנע שוועסטער און...

— אָ, ניטאָ מער וואָס צו דערציילן...

*

סאָילאַ האָט זיך זייער צוגעבונדן צו אים, זי האָט אים אַרויסגעוויזן ליבשאַפט, פאַרשטענדעניש פאַר זײַן איינזאַמקייט, פאַר זײַנע אומעטיקע שעהען. זי פלעגט וואַרטן אויף אים — ווי שפּעט ער זאָל ניט קומען, כּדי צו עסן צוזאַמען. זי פלעגט אים אויפנעמען לויט זײַן געמיט, אַ מאָל מיט פרייד און אַ מאָל מיט שטומען שווײַגן.

איין פאַרנאַכט האָט זי אים דערציילט אַז אַ מאַן וואָס איז געקומען פון האַוואַנאַ קויפט אָפּ ערד. ער לאָזט אַרויף אויף דער פּאַשע יונגע קעל־בער, פּאַשעט זיי אויס און פירט זיי אַוועק מיט דער שיף אין אַנדערע שטעט צום פאַרקויפן. איצט האָט ער געבראַכט קעלביקע בהמות, וועט ער די קעלבער פּאַשען, און פון דעם מילך וועט ער מיט אַזאַ מאַשין וואָס ער האָט געבראַכט מאַכן פּוטער און קעז. ער האָט צוגעשיקט צו מיר אַ מענטש אָנצופרעגן צי איך וויל פאַרקויפן מײַן לאַנד.

נחן האָט אויפגעבליצט אַ געדאַנק: אפשר זאָל ער אויך דאָס טאָן, קויפן עטלעכע קעלבער און זיי אַרויסלאָזן אויף דער פּאַשע.

— זאָלסט ניט פאַרקויפן דײַן לאַנד, אַ ירושה דאַרף מען ניט פאַר־קויפן. ערד — פלעגט מײַן טאַטע זאָגן — איז שטענדיק ווערט.

— נאָעל, איך האָב געטראַכט אַז אפשר וועסטו מיט דעם געלט עפּענען אַ קראָם און ניט דאַרפן שלעפּן דעם פּאַק אויפן אַקסל...

נח איז געפּלעפּט געוואָרן, ס׳האָט אים אָפּגענומען דאָס לשון, ער האָט זי אָנגעקוקט און ניט געוווּסט צי ער דאַרף פאַרשווײַגן איר אָנבאָט אָדער זיך אָפּזאָגן.

— אַ דאַנק, סאָילאַ, מיר איז אײַנגעפאַלן אַז אפשר וואָלטן מיר אײַנ־געקויפט קעלבער און זיי אַרויפגעלאָזט אויף דײַן לאַנד. אויב ס׳לוינט אַ צווייטן וואָס דאַרף קויפן די ערד, לוינט דאָך דאָס דיר געוויס, דו דאַרפסט דאָך אַ פּאַשע ניט קויפן.

— זייער אַ גוטער געדאַנק — האָט זי אָן קווענקלעניש אַ זאָג געטאָן, — ווּעסט פּרווון מיט צוועלף, אויב ס׳וועט געלינגען, וועלן מיר קויפן נאָך. דאַרפסט האָבן מײַן געלט? וויפל איך האָב איז דײַנס.

*

אַ סך פון די שטעטל־באַלעבאַטים האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דער נײַער פּרנסה האָדעווען קי צום פאַרקויף. יעדער פון זיי האָט דאָך פאַרמאָגט זײַן שטיקל לאַנד וואָס האָט געדינט פאַר פּאַשע. אַ סך מענטשן האָט עס אָפּגעגליקט, אָבער נחן איז עס ניט געלונגען. ס׳האָט פאַר אַ לאַנגער צײַט ניט גערעגנט, דאָס גראָז האָט אויסגעטריקנט, פאַרגעלט געוואָרן, די בהמות האָבן ניט געהאַט וואָס צו עסן און קוים געזשיפּעט.

— אויב זיי וועלן אויסשטאַרבן — האָט נח געטראַכט — וועל איך פאַרלירן אַלץ וואָס איך האָב פאַרמאָגט. ער האָט באַשלאָסן צו שעכטן איינע און פאַרקויפן דאָס פלייש. ער האָט אַרויסגענומען זײַן געלט און נאָך פאַרדינט. האָט ער געשאָכטן נאָך איינע און נאָך איינע. דערווײַל האָט זיך געביטן דאָס וועטער, ס׳האָט אָנגעהויבן רעגענען. די פּאַשע האָט זיך צעגרינט, נח האָט אָנגעהויבן קויפן רינדער בײַ די פּויערים. ער איז אַרײַנגעפאָרן אין גוואַנטאַנאַמאָ, זיך פאַרבונדן מיט אַ פּאָר האָטעלן און זיי צוגעשטעלט פלייש. אין באַראַקאָאַ האָט מען פאַרן שעכטן ניט געדאַרפט אָפּצאָלן און די רינדער האָבן געקאָסט ביליק. נח איז געוואָרן אַ קצב.

סאָילאָ האָט איר ליבשאַפט צו נחן ניט אַרויסגעזאָגט אין ווערטער נאָר אין אירע האַנדלונגען. זי פלעגט אין די פאַרנאַכטן שטיין בײַם פענצטער וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום זאַמדיקן וועג און וואַרטן ביז נח וועט אָנקומען פון זײַן אַרבעט. אין די זונטיקן פלעגט זי פאַרבן זײַן צימער און פוצן די ווענט מיט בילדער וואָס זי האָט אײַנגעקויפט. זי האָט געוואַשן און געפּרעסט זײַנע מלבושים.

— בײַ אײַך זײַנען דאָך ניט געווען קיין פּלאַטאַנאַס, בײַ אײַך האָבן ניט געוואַקסן קיין אַוואָקאַדאָס, קיין גוואַיאַבאַ, קיין חזיר־פלייש עסטו ניט, וואָס זאָל איך קאָכן פאַר דיר?... נח האָט זי אָנגעקוקט און געשמייכלט:

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? ווער האָט דאָס דיר דערציילט?

זי האָט זיך פאַרקלערט.

— סאַלאָמאָן...

נח האָט דעם איינציקן יִדישן קרעמער אין שטעטל געקענט. ס׳האָט אים פאַרדראָסן וואָס סאַילאַ האָט זיך דאָס אַלץ נאָכגעפרעגט.

— האָסט אים געוויס דערציילט אַז נאָעל דער פעדלער וווינט מיט דיר... וואָס נאָך האָסטו אים דערציילט?

סאַילאַ האָט דערפילט נחס כעס, זי האָט זיך אויפגעהויבן פון דער טאַבורעטקע און אים אָנגענומען פאַר די הענט.

— אַנטשולדיק, איך האָב דאָס ניט פאַרשטאַנען, אַנטשולדיק. — האַלטנ־דיק אים פאַר די הענט האָט זי צוגעטראָגן אירע ליפּן צו זײַן באַק און אים אַ קוש געטאָן.

— נאָעל, שוין עטלעכע טעג ווי איך וויל דיר דערציילן...

זי האָט געשוויגן.

— דערצייל...

— איך פיל אַ לעבעדיק וועזן אין זיך... זי האָט דאָס געזאָגט רויִק, מיט אַ שמייכלענדיק פּנים.

נח האָט געשוויגן, ער האָט אַ צאַפּל געטאָן... ס׳וועט זײַן אַ... ס׳האָט אַ ברי געטאָן. — — —

— וואָס ביסטו געוואָרן אַזוי איבערראַשט? ביסט ניט צופרידן?

— ס׳איז דאָך אַ נײַעס פאַר מיר...

— איצט איז דאָס שוין ניט קיין נײַעס, ווייסטו שוין.

נח האָט געשוויגן.

*

נח איז אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער, אַ צערודערטער. אין דעם וואָס סאַילאַ האָט אים איבערגעגעבן האָט ער דערפילט ווי ס׳וואָלט זיך איבער־געשניטן דער וועג אויף וועלכן ער איז געגאַנגען, ווי ס׳וואָלט אים אַרומ־גענומען אַ צוים — פון וואָס ער וועט שוין קיין מאָל ניט אַרויס. — — —

ווען נח איז איין פאַרנאַכט געקומען אַהיים איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען אַ פרוי און מיט אַ שמייכלענדיקן פּנים באַגריסט:

— איך בין די אַקושערקע... אַ זון, אַ זון, אַ שיינער בחור, סאַילאַ פילט זיך גוט... אַלץ איז אין אָרדענונג.

ער איז מיט גיכע טריט אַרײַן צו סאַילאַן אין צימער און מיט אַ שמייכל זי באַגריסט. ער האָט אַנגעקוקט מיט פאָטערלעכער ליבשאַפט דאָס טונקל־רויטע קינד, באַטראַכט דאָס ברייט נעזעלע, אַלע שטריכן... און אַ מאָדנע אומפאַרשטענדלעך געפיל איז אויפגעשווומען אין אים: — גוט וואָס איך בין דאָ אַליין, וואָס איך האָב דאָ קיינעם ניט, ס׳איז גוט אַ מאָל צו זײַן איינזאַם... נאָר סאָלאָמאָן דער קרעמער... דאָס קינד, ווי וועט דאָס זײַן...

דאָס לעבן אינעם הילצערנעם הויז אויפן בערגל איז אַנגעגאַנגען רויִק. סאַילאַ האָט מער ניט געלערנט אין שול, זי האָט געדאַרפט היטן דאָס קינד. צום יאָר איז געקומען אַ צווייט קינד.

די יאָרן זײַנען געלאָפן און אַט איז שוין די שטוב אָנגעפילט, מיט זעקס קינדערלעך פון פאַרשיידענע גרייסן. נח האָט געפילט אַ פאָטערלעכע ליבשאַפט צו די טונקעלע קינדער. ער פלעגט זיי אָנקוקן און טראַכטן: „ווען איך וואָלט דאָס זײַן אַזוי טונקל־הויטיק ווי סאַילאַ, ווי די קינדער. ווי משונהדיק, ווי אַנדערשדיק דאָס לעבן האָט זיך פאַרקערעוועט״.

*

נח האָט זיך געלאָזן געוויגט אין וויגשטול און אײַנגעדרימלט. ער הערט ווי אַ פאַרבײַגייער רעדט צו זײַן מאַמען, וואָס שטייט אין טיר און קוקט אַרויס צום סטאַוו.

— אפשר קען איך אײַך בעטן אַ ביסל וואַסער?

— קומט אַרײַן, קומט אַרײַן.

די מאַמע טראָגט צו דעם ייִדן אַ מעשענע קוואָרט וואַסער.

— פון וואַנען קומט איר?

— פון קנישין.

— אַ ווײַטער וועג, אַכט־און־צוואַנציק וויאָרסט.

— גייט צום טיש וועט איר עפּעס עסן.

— איך בין גאָרניט הונגעריק, איך האָב פאַר טאָג געקויפט אַ ברויט, האָט מיר דער בעקער צוגעטראָגן אַ גלאָז טיי. פאַראַן גוטע מענטשן.

די מאַמע האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש מאַרינירטע פיש.

— ווו קען איך וואַשן די הענט...?

סאָילאַ האָט באַמערקט נחס אָנגעשטרענגט פּנים און אים אַ ריר געטאָן מיט דער האַנט.

— מאַמע! האָט נח אַ קרעכץ געטאָן.

סאָילאַ האָט זיך דערשראָקן.

— נאָעל, וואָס איז דיר?

ער האָט געעפנט די אויגן.

— סאָילאַ...

— האָסט עפּעס געזאָגט, איך האָב ניט פאַרשטאַנען.

— אַ חלום... מײַן מאַמע...

*

אין די מאַנטיקס פלעגט נח ברענגען פלייש קיין גוואַנטאַנאַמאַ. איין מאָנטיק האָט ער באַמערקט אַז אויף דער רעפּובליק גאַס זײַנען עטלעכע קראָמען פאַרמאַכט. אויף איינעם פון די טירפענצטער איז געהאָנגען אַ צעטל: „פאַרמאַכט צוליב אַ רעליגיעזן יום־טוב". די אויפשריפט האָט אים אַ ברי געטאָן, דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט, „הײַנט דאַרף זײַן יום־כּיפּור". ער איז געבליבן שטיין לעבן דער טיר מיט דער אויפשריפט, ער וועט וואַרטן... ער האָט אַראָפּגעשטעלט די ליידיקע קאָשיקעס אויפן שטיין און זיך פאַרטראַכט. פאַר זײַנע אויגן זײַנען אויפגעשווומען בילדער וואָס שוין יאָרן ווי זיי זײַנען ווי פאַרשווונדן פון אים... אָט זעט ער אַזוי בולט און קלאָר: די ווײַסע שול אויפן באַרג, דעם באַגילדטן אָרון־קודש. ר' אליעזר רבקה־רחל משהס שטייט בײַם עמוד און דאַוונט מיט אַ באַהאַרצטן קול... ייִדן אין טליתים... נח איז פאַרטראָגן געוואָרן אין אַנדערע וועלטן. דער געדאַנק האָט ניט אָפּגעלאָזט: הײַנט איז יום־כּיפּור, יום־כּיפּור...

אַן עלטערער מאַן איז צוגעקומען און באַטראַכט די טירן פון דער קראָם, געפּרוּווט צי זיי זײַנען גוט פאַרמאַכט.

דאָס איז געווּיס דער בעל־הבית פון דער קראָם. נח האָט אים אַ פאַר־צעגערטער געפרעגט:

— פאַר וואָס איז פאַרמאַכט די קראָם?

— בײַ ייִדן איז הײַנט אַ הייליקער טאָג, דער טאָג פון פאַרגעבונג.

— ווּ דאַווענען די ייִדן?

— דאָרטן, — האָט אים דער מאַן אָנגעוויזן מיט דער האַנט, — דאָרטן, אַראָפּ דער גאַס, בײַ אַכאַלוּוען.

דער מאַן האָט אָנגעקוקט דאָס אָפּגעברענטע, פאַרוואָקסענע פּנים פון פויער מיט די גרויסע קאָשיקעס און געספּקט צי ער דאַרף אים אויפקלערן גענויער וועגן הײַנטיקן טאָג. ער האָט חרטה געהאַט וואָס ער האָט אים געזאָגט ווּ די ייִדן דאַווענען...

נח האָט אַ הייב געטאָן זײַנע קאָשיקעס און איז אַוועק.

בײַ דער ענדע פון דער גאַס האָט זיך פון אַ הויז דערהערט אַ ניגון, אַ ניגון פון ימים־נוראים־תּפילות. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ לאַנגע ווײַלע געקוקט אויף דער גרויסער טונקל־ברוינער הילצערנער טיר. די געפלאָכטענע קאָשיקעס האָבן זיך אַראָפּגערוקט פון זײַנע הענט. „איך דאַרף אַרײַנגיין”. ער האָט אַרויפגעקוקט צום הויכן צעמענטענעם בריקל און פלוצלינג זיך אַ טראָג געטאָן פאַרויס.

ער האָט נאָך אַ מאָל באַטראַכט די פאַרבלאָטיקטע שטיוול, די פאַר־בלוטיקטע הויזן, באַטאַפּט דאָס פאַרוואָקסענע פּנים, און אַ צי געטאָן די מעשענע קליאַמקע פון דער טיר און געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטער. ייִדן אײַנגעוויקלטע אין טליתים זײַנען געשטאַנען שמונה־עשׂרה. נח האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו מזרח ווי אַלע מתפּללים און זײַנע ליפּן האָבן געשעפּטשעט, געמורמלט אַ תּפילה.

די ייִדן האָבן זיך פאַרוואונדערטע איבערגעקוקט, איינער פון די מתפּל־לים איז צוגעקומען צו נחן און אים געזאָגט: — דאָס איז אַ סינאַגאָגע, הײַנט איז בײַ אונדז אַ הייליקער טאָג, מיר האָבן זיך צונויפגעקליבן דאַווענען, בעטן גאָט, הײַנט איז דער טאָג פון פאַרדאַן.

דער ייִד וואָס האָט אויפגעקלערט נחן וועגן „הײַנטיקן טאָג" האָט זיך געכאַפּט אַז דער מענטש הערט אים ניט, האָט ער עס איבערגעחזרט נאָך אַ מאָל.

נח האָט אים אָנגעקוקט און געזען פֿאַר זיך זײַן טאַטן, די ייִדן פֿון בית־מדרש ווו זײַן טאַטע פֿלעגט אים מיטנעמען, די זעלבע טליתים, אָט הערט ער דאָך דעם זעלבן ניגון...

נח האָט זיך אויפגעכאַפּט פֿון זײַנע טראַכטעניִשן און אַ זאָג געטאָן:

— איך בין אַ ייִד, אַ קצב, אַ ייִד...

דער ייִד האָט אַ פֿאַרוווּנדערטער אָפּגעטראָטן, זיך דערנענטערט צו די מתפּללים און זיי איבערגעגעבן:

— אַ ייִד. אַ ייִד!

נח האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד, זײַן באַוואַקסן פּנים האָט זיך געוואַשן אין טרערן, ס'האָט אים געקלעמט און געהויערט אין זײַן וועזן:

— אַ ייִד, אַ ייִד, אַ פֿאַרלאָרענער, אַ פֿאַרוואָגלטער ייִד.

אין פאַרמעסט

קאַפּיטל איינס

ערשטער נסיון

אַ ווינטעריקער פאַרנאַכט, אין מאָנאַט דעצעמבער, האָט געקעלטערט די לופט פון גרויסן באַנהויף. די צעצונדענע לאָמפּן אויף די הויכע סלופּעס האָבן קיין סך ניט באַלויכטן דעם פּעראָן. זיי האָבן אַראָפּגעקוקט ווי קליינע בלאַסע שטערן פון אַ פאַרכמאַרעטן הימל. ס'האָט זיך געטראָגן דער רויש פון באַנען וואָס קומען און גייען אַוועק. איבער אַלץ איז געהאָנגען דער אומעט פון געזעגענען זיך, צעשיידן און פאַרלאָזן די היים, ווו מען איז געבוירן געוואָרן און געלעבט די זאָרגלאָזע קינדעריאָרן, די יוגנטיאָרן.

— יונגער מאַן, איר פאָרט קיין לאָראָשעל? — האָט שלמהקען אַ פרעג געטאָן אַ שיינע מיטליעריקע פרוי, אין אַ קלינגענדיקן פויליש, מיט אַן אָנדייַט פון אַ יידישן אַקצענט.

— יאָ! איך פאָר קיין לאָראָשעל... — ער האָט זיך אַ ווייַלע פאַרהאַקט — איך פאָר נעמען די שיף „אַרביטאַ״.

— דאָס איז מייַן טאָכטער. זי פאָרט אויך נעמען די שיף „אַרביטאַ״, זי פאָרט קיין פּערו.

— ס'פרייט מיך זייער... איך בעט אייַך אַכטונג געבן אויף מייַן טאָכטער. איר קוקט מיר אויס אַ פייַנער יונגער מאַן...

שלמהקע האָט זיך פאַרלוירן. ס'איז אים געוואָרן אומבאַקוועם; ער זאָל גאָר אַכטונג געבן אויף אַ יונג מיידל וואָס פאָרט קיין פּערו?

— איך פאָר אָט אין דעם וואַגאָן — האָט זי אָנגעוויזן מיטן בליק.

— איך פאָר אויך אין דעם וואַגאָן.

שלמהקע האָט באַמערקט דעם צלם וואָס דאָס מיידל טראָגט.

— איך בין אַ ייִד — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו דער מוטער.

— איך בין צופרידן דאָס צו וויסן. איך בין אויך אַ יידישקע.

— אײַער טאַטער טראָגט דאָך אַ צלם — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט בײַ שלמהקען.

— מײַן מאַן איז אַ קריסט. אונדזער טאַטער האָט אויסגעקליבן דעם טאַטנס גלויבן.

דער באַן־אָנגעשטעלטער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע מיט אַ פּענדל אין דער האַנט, האָט פאַראָרדנט אַרויפצוגײן אין וואַגאָן, אַ סווישטש געטאָן מיט זײַן פײַפל און פאַרמאַכט די לעצטע טיר.

די פרוי האָט געזאָגט: — פאַרגעסט ניט וואָס איך האָב אײַך געבעטן.

*

— מײַן מאַמע איז אַ ייִדישקע, זי האָט זיך קײן מאָל ניט געשמדט. מײַן טאַטע איז אַ קריסט... ווען ער האָט געהײראַט מיט מײַן מאַמען איז ער געווען אַ פרײַער, אַ ניט־גלײביקער, נאָר הײַנט האָט ער זיך געביטן — ער איז אַ גלײביקער קריסט.

שלמהקע איז געבליבן זיצן אויף דער אַנטקעגנדיקער באַנק אַ שווײַ־גנדיקער.

— האָסט מיך צעמישט. איך בין געבוירן געוואָרן און אָפּגעלעבט נײַנצן יאָר אין אַ פּויליש שטעטל. דאָס ערשטע מאָל וואָס כ׳הער אַזאַ פאַל.

— מײַן מאַמע האָט זײער ליב ייִדן און זי וויל איך זאָל זײַן אַ ייִדישע. זי האָט מיר פאַרויס געזאָגט, אַז איך וועל דאַרפן דורכמאַכן אַ סך שוועריקײטן צוריקצוגײן צום ייִדישן שטאַם.

— און צו וועמען פאָרסטו אין פּערו?

— צו מײַן פעטער, מײַן מאַמעס ברודער. ער איז פאַרהײראַט צו אַ קריסטין.

— ווי אַזוי וועסטו קענען באַווײַזן צו ווערן אַ ייִדישע?

— מיט מײַן ווילן און דער הילף פון גאָט...

די באַן איז געלאָפן, די רעדער האָבן אימפּעטיק גערוישט און פון מאָל צו מאָל געשטערט די שטילקײט אין וואַגאָן.

— האָסט מיר ניט געזאָגט דײַן נאָמען.

— מען רופט מיך שלאָמקע. אויף ייִדיש קלינגט דאָס אַנדערש.

— און ווי איז דײַן פֿאַמיליע־נאָמען?
— קאַנער, שלאָמקע קאַנער.
— מיך רופֿט מען זינאַ, זינאַ מאַרטשעווסקי. איך וועל בעטן דעם מאַן וואָס זיצט לעבן טיר ער זאָל בײַטן מיט מיר מיטן פּלאַץ.
— אַזוי ווי מיר זיצן זעען מיר איינער דעם צווייטן זייער גוט.
— דו ווילסט ניט איך זאָל זיצן לעבן דיר?
— איך האָב דאָס ניט געזאָגט.

זינאַ איז געבליבן אויף איר אָרט. איבער איר פּנים האָט זיך פֿאַרצויגן אַ לײַכטער אומעט. מיט שאַרפֿע, אָנגעשפּיצטע אויגן קוקט זי אָן שלמהקען. זי גיט זיך האַסטיק אַ הייב אויף און גייט צו צום מאַן וואָס זיצט לעבן פֿענצטער און בעט אים ער זאָל זיך מיט איר בײַטן מיטן פּלאַץ. זי וויל, זאָגט זי, אַרויסקוקן דורכן פֿענצטער צו דער נאַכט, צו דער ליכט וואָס שלאָגט פֿון די הײַזער וואָס די באַן לויפֿט זיי פֿאַרבײַ.

דער מאַן הייבט זיך אויף, ער פֿאַרנייגט זיך פֿאַר דער יונגער פֿרוי און גיט איר אָפּ זײַן פּלאַץ בײַם פֿענצטער.

שלמהקען פֿאַרדריסט דער קאַפּריז פֿון זײַן נײַער באַקאַנטער. „ס'איז מיר אַלץ איינס" — טראַכט ער צו זיך. ער פֿאַרמאַכט די אויגן, ווי ער וואָלט וועלן אײַנדרימלען און טראַכט דערבײַ: „זאָל זי ניט מיינען אַז מיך אינטערעסירט אָוו זי זיצט".

ס'לעשט זיך אויס דאָס ליכט אין וואַגאָן. ס'בלײַבט נאָר איין טונקעלע ליכט אין דורכגאַנג. עטלעכע פּאַסאַזשירן שלאָפֿן אײַן, אַנדערע זײַנען פֿאַרטאָן אין זיך, טראַכטן מסתּמא וועגן זייערע קומענדיקע טעג, וועגן דער רײַזע אויף דער שיף, וועגן די ווײַטע לענדער וווהין זיי פֿאָרן. שלמהקע טראַכט וועגן זײַן היים, וועגן זײַנע עלטערן. ס'פֿאַרדריסט אים וואָס ער האָט ניט געקענט פֿאָרן צו זײַן ברודער, וואָס וווינט אין אַ ווײַט לאַנד אויפֿן דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט. צווישן די אַלע געדאַנקען גליטשט זיך דורך אַ מאָדנע געשעעניש: ער זאָל אַכטונג געבן אויף אַ יונג מיידל. ער טראַכט אַ ווײַלע וועגן איר: „דאַכט זיך אַ קאַפּריזנע...". ער קלערט וועגן דער ייִדישער מאַמען און דעם קריסטלעכן פֿאָטער, וועגן דעם פֿאַרלאַנג פֿון דעם מיידל צו זײַן אַ ייִדישע און דערווײַל טראָגט זי

אַ צלם. וואָס מער ער וויל דאָס פאַרשטיין, אַלץ ווינציקער קען ער דאָס באַנעמען — ביז ער דרימלט איַין... אַ צאַרטע פרויענהאַנט גיט אים אַ גלעט איבערן פּנים. ער עפנט די אויגן און פרעגט: „וואָס?״.

— איצט זעען מיר זיך נאָך בעסער... אויב דו ווילסט קען איך איבער־גיין אין אַ צווייטן וואַגאָן.

שלמהקע שוויַיגט.

— גלייב מיר, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיַין לעבן וואָס איך טו אַ מענטשן אויף צו להכעיס. איך ווייס ניט וואָס ס׳איז מיט מיר געשען. איך האָב געוואָלט זיצן לעבן דיר... זע ווי דיַין שכן שפּאַרט זיך אָן אויף דיר, ווי ביַי זיַין טאַטן אין וויַינגאָרטן. דו ווילסט איך זאָל אים אויפוועקן און זאָגן אַז ער זאָל זיך גיין זעצן אויף מיַין אָרט ביַים פענצטער?

— טו דאָס ניט. ער וועט ווערן אין כּעס...

— ער דאַרף זיך ניט אָנשפּאַרן אויף דיר, דו ביסט ניט קיין קישן...

און — אין אויער אַריַין צו זיַין שכן:

— איך האָב פאַר איַיך געמאַכט אַ פּלאַץ ביַים פענצטער, וועט איר זיך אָנשפּאַרן. זיַיט אַזוי גוט און גייט אַריבער.

דער מאַן האָט זיך אויפגעהויבן און געגאַנגען זיך זעצן לעבן פענצ־טער. זינאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיַין אָרט.

ביידע האָבן געשוויגן.

*

אויף מאָרגן איז די באַן אָנגעקומען אין פּאַריז. מען האָט פאַראָרדנט די פּאַסאַזשירן מיטצונעמען אַלץ וואָס זיי האָבן מיט זיך. מען דאַרף ביַיטן די באַן אויף אַ פראַנצייזישער. מען האָט צעטיילט די גרופּע עמיגראַנטן אויף צוויי — איינע וועט גיין עסן אין איין רעסטאָראַן און די צווייטע גרופּע אין אַ צווייטן. שלמהקע האָט גאָרניט באַמערקט ווי ביַים אָפּטיילן איז ער אַריַינגעפאַלן אין איין גרופּע און זינאַ אין דער צווייטער.

פּלוצלינג הערט ער געשרייען: „שלאָמקע, שלאָמקע! וואַרט אויף מיר!״.

ער דרייט זיך אויס און זעט ווי זינאַ פאַרלאָזט איר גרופּע און לויפט צו אים.

— זיי פרעגן גאָרניט מיט וועמען מען וויל גיין. איך האָב געזאָגט דעם פירער אַז מען קען ניט אָפּטיילן אַ שוועסטער פון אַ ברודער, האָט ער מיך געלאָזט אַוועקגיין. — זינאַ לאַכט. שלמהקע קוקט זי אָן אַ ווײַלע און לאַכט זיך אויך פונאַנדער. ער קוקט צו נענטער צו זינאַן און זאָגט איר שטילער־הייט:

— וואָס האָט דײַן מאַמע געהאַט צו מיר?...

זינאַ לאַכט:

— דו האָסט נאָך טענות צו מײַן מאַמען...

*

דעם זעלבן טאָג זײַנען די עמיגראַנטן אָפּגעפאָרן פון פּאַריז צום מערב ים־פּאָרט פון פראַנקרײַך, לאַראָשעל.

דער קליינער אַלטער האָטעל אַוו מען האָט געבראַכט די עמיגראַנטן האָט ניט געהאַט גענוג פּלאַץ פאַר אַלע. דער פאָרשטייער פון דער שיפס־קאָמפּאַניע האָט באַשלאָסן מען זאָל אין די צימערן, אַנשטאָט צוויי פּערזאָן, אײַנאָרדענען פיר. אַנשטאָט איינער אין אַ בעט וועלן שלאָפן צוויי. שלמהקען האָט מען צוגעטשעפּעט צו אַ משפּחה פון דרײַ — אַ פּאָרפּאָלק און אַ ייִנגל פון אַ יאָר זעקס.

אַז שלמהקע איז אַרײַנגעקומען אין צימער און דערזען נאָר צוויי בעטן איז ער געבליבן שטיין.

— ווי וועט עס זײַן?

דער יונגער־מאַן, מיט אַ פּאָר קלוגע ברוינע אויגן און אַ ליכטיקן פּנים האָט זייער העפלעך אים געענטפערט: „יונגער־מאַן, זאָרג זיך ניט. מיט מײַן ווײַב וועט איר ניט שלאָפן...". די פרוי האָט אַ לאַך געטאָן. זי האָט פאַרריכט אירע שוואַרצע האָר און מיט אַ זיסן קול אַ זאָג געטאָן: „זאָרגט ניט. מיר וועלן זיך אָן עצה געבן. נאָך אַזאַ טאָג וועט מען שלאָפן אַוו מען וועט זיך לייגן. נאָר ס'פאַרדריסט מיר. די שיפס־קאָמפּאַניע נעמט אָפּ דאָס געלט אין פאָרויס און דערנאָך טוען זיי וואָס זיי ווילן...".

אין מיטן דער פרויס רייד עפנט זיך די טיר און אין צימער שטעלט זיך אַרײַן זינאַ.

— זיי האָבן מיך געוואָלט אײַנאָרדענען מיט פרעמדע, מיט אַלטע לײַט. ווער קען זיי, ווער דאַרף זיי?... בין איך אַוועק צום פּאַרטרעטער און אים געזאָגט ער זאָל מיך שיקן צו מײַן ברודער...

— דו האָסט דאָך אַן אַנדער נאָמען!

— ווײַל מיר זײַנען פון איין מאַמען און ניט פון איין טאַטן...

שלמהקעס פּנים האָט זיך אָנגעכמורעט. דער מאַן האָט זיך איבער־געקוקט מיט זײַן פרוי.

— איצט איז שוין אַ ביסל שווערער — האָט ער זיך געווענדט צו שלמהקען.

— איך וועל שלאָפן אויפן שטול — האָט שלמהקע געענטפערט.

— אויפן שטול וועל איך שלאָפן. איך בין געקומען די לעצטע.

די ליכט האָט קיינער ניט אויסגעלאָשן.

*

פאַר טאָג האָט מען געוועקט מען זאָל גיין טרינקען קאַווע. ווי נאָר מען האָט אָפּגעטרונקען קאַווע האָבן זיך אַלע, מיט די פּעקלעך און זעקלעך, געלאָזט צו דער שיף. שלמהקע האָט געוווּסט אַז אויפן אַפריקאַנער קאָנ־טינענט לעבן מענטשן פון שוואַרצן קאָליר. ווען ער האָט אַרויפגייענדיק אויף דער שיף דערזען אַ מענטשן שוואַרץ ווי פּעך איז ער פון דעסטוועגן געוואָרן איבעראַשט: די נאָז איז ברייט, די ליפּן דיקע, די ציין ווײַסע...

בײַ נאַכט, אויפן געלעגער האָט ער געטראַכט וועגן די נעגערס וואָס ער האָט הײַנט צום ערשטן מאָל געזען. „וואָלט איך געקענט לעבן צווישן די מענטשן? אַלע שוואַרץ נאָר איך אַ ווײַסער״ — האָט ער זיך געפרעגט.

*

דעם ערשטן טאָג אויף דער שיף פילן זיך די פּאַסאַזשירן ווי אין דער פרעמד. קיינער קען קיינעם ניט, מען איז דאָך ניט אײַנגעוווינט מיט די דורכגענג, מיט די טרעפּ וואָס פירן צום דעק. אַלץ קומט אויס משונהדיק. דער געדאַנק, אַז דאָס וועט זײַן די היים פאַר אַ סך טעג מאַכט אומעטיק און באַדריקט דאָס געמיט.

זינאַ האָט אַרײַנגעקוקט אין די מענער־קאַיוטעס און געזוכט שלמהקען.

פּלוצלינג האָט זי אים דערזען שטייענדיק אַ פאַרטראַכטן אין דורכגאַנג. זי האָט זיך שטיל צוגעשאַרט צו אים, ער זאָל זי ניט באַמערקן — אַרומ־געכאַפּט אים מיט אירע הענט אַרום קאָפּ און פאַרדעקט זײַנע אויגן. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו שלמהקען און אירע שטײַפע בריסט האָבן געבריט זײַן פּלייצע. זי האָט געשוויגן.

— זינאַ, איך האָב ניט ליב אַזעלכע שפּילן. ביסט ווילד. טראַכסט ניט וואָס מען וועט וועגן אונדז זאָגן.

זינאַ האָט אַראָפּגענומען אירע הענט און זיך אָפּגערוקט.

— דו טראַכטסט נאָר פון וואָס מען וועט זאָגן. איך האָב ניט געוווּסט אַז... וועסט שוין מער דאָס מיר ניט דאַרפן איבערחזרן. — און זי איז אַ באַ־לײדיקטע אַוועק.

שלמהקע איז געבליבן שטיין אַ פּריטשמעליעטער: „פאַר וואָס האָב איך אַזוי שאַרף אָפּגעשניטן איר פרײַנדשאַפט?". ער האָט דערפילט פאַרדראָס און חרטה. ער איז אַרויף אויפן דעק און זיך אַרומגעקוקט. אויפן דעק זיינען געווען ווינציק מענטשן. ער איז געשטאַנען בײַם ראַנד פון שיף, אַרײַנגעקוקט אין דער בלויקייט פון שטילן ים און אַן אומרו האָט גע־הויערט אין אים.

שלמהקע איז אַראָפּגעגאַנגען פון דעק, אויפגעזוכט זײַן קאַיוטע און זיך אַוועקגעלייגט אויף דעם אײַזערנעם צו דער וואַנט צוגעשמידטן בעטל. ער האָט זיך געוואָלט באַפרײַען פון זײַנע געדאַנקען. ער האָט זיי געוואָלט פאַרטרײַבן פון זיך. אָבער דער אומרו האָט ניט אָפּגעלאָזט. ס'האָט אים געצויגן צום דעק פון שיף.

ס'זײַנען פאַרבײַ אַ פּאָר טעג און שלמהקע האָט ניט באַגעגנט זינאַן. ער האָט זי אַרומגעזוכט אויפן דעק, אין די קאָרידאָרן פון שיף, אין עסצימער.

אַ כמורנער, אומעטיקער פאַרנאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. לכתחילה זיך געשפּיגלט אין דעם וואַסער אָבער באַלד פאַרטונקלט דעם ים. פּלוצלינג האָבן זיך אַ טראָג געטאָן שטאַרקע ווינטן. דאָס וואַסער האָט זיך אָנגע־הויבן וואַרפן הויך און שוימיק. אַ ווילדער כוח האָט פון די טיפעניש געשלײַדערט די כוואַליעס און געשטויסן גאַנצע בערג. שלמהקע איז

געשטאַנען בײַ דעם אײַזערנעם ראַנד פון דעק און זיך צוגעקוקט צום טײַוולאָנישן שפּיל פון ים. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „מען דאַרף אַראָפּגיין פון דעק". אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט זיך די שיף אַ הייב געטאָן ווי אויף פליגלען... ווי דאָס וואַסער וואָלט זי וועלן אַרויסוואַרפן. די שיף האָט זיך געגעבן אַ זעץ אַראָפּ ווי זי וואָלט אַראָפּגיין צום גרונט. שלמהקע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן אײַזן: „אַי, מיר גייען אונטער!". אַ וואַסער־באַרג האָט זיך אַ טראָג געטאָן צו דער וואַנט פון שיף און זי אַ קער געטאָן צו דער צווייטער זײַט. „מיר קערן זיך איבער!". ס'האָט זיך אים געדאַכט אויף אַ ווײַלע אַז די שיף גייט צוריק... אַווילדע שרעק האָט אים אַרומגענומען ווי ס'וואָלט געווען זײַן לעצטע מינוט. אַ שטאַרקע כוואַליע האָט אַ פּאַטש געטאָן אין די אײַזערנע פּלאַטן פון דער שיפּוואַנט און זי צוריק אויפגעשטעלט, אויסגעגלײַכט. שלמהקע האָט דערפילט אַז די שיף טראָגט זיך פאָרויס. די וואַסערבערג האָבן זיך צעגאָסן און אויסגעשפּרייט איבערן ימיקן פלאַך.

אַ פינצטערניש איז געהאָנגען אַרום דער שיף. די הימלען, דער ים זײַנען געווען שוואַרץ, די לעמפּלעך אויפן דעק האָבן קוים געפינקלט. אַ מאַטראָס איז פאַרבײַגעגאַנגען איבערן דעק, ער האָט אָנגעקוקט שלמהקען און געשוויגן. שלמהקע האָט זיך דערפילט מיד. „וווּ איז זינאַ?" — האָט ער זיך ווידער דערמאָנט אָן איר. „וווּ איז זי געווען בעת דעם שטורעם?". ער האָט אָפּגעלאָזט דעם קאַלטן נאַסן אײַזן, זיך געלאָזט צו די טרעפּ. די פּאָדלאָגע איז געווען נאַס. מאַטראָסן האָבן געשעפּט דאָס וואַסער, וואָס די כוואַליעס האָבן פאַרטראָגן... שלמהקע איז געלאָפן צו זינאַס קאַיוטע.

ער קלאַפּט אָן און עפנט די טיר. זינאַ ליגט אָן אויפגעקאָרטשעטע, אײַנגעוויקלט אין אַ קאָלדרע. זי קוקט אויף שלמהקען און רירט זיך ניט פון אָרט.

— וואָס ביסטו געקומען?

— זען וואָס דו מאַכסט נאָכן שטורעם.

— אַ מענטש דאַרף זיך צוגעוווינען צו שטורעמס אויך...

— ווילסט כ'זאָל דיר עפּעס ברענגען? ווילסט איך זאָל רופן דעם דאָקטער?

— מײַן חברטע האָט מיר געבראַכט טרינקען.

שלמהקע קוקט אָן די פרוי וואָס ליגט אין דעם צווייטן בעטל.

— וואָס שטייסטו, זעץ דיך. זי ווײַזט אים אָן אויפן קאַנט פון בעטל. זי גיט זיך אַ רוק אָפּ צו דער וואַנט.

שלמהקע באַטראַכט זינאַן, ער באַמערקט איר דורכזיכטיקע בלאַסקייט, איר ווייסן האַלדז, אירע שיינע, רונדיקע אַקסלען.

— פאַר וואָס האָסטו מיר ניט אָנגעזאָגט אַז דו ביסט קראַנק?

— ווײַל איך האָב געטראַכט אַז איך וועל דיך מער ניט זען...

— דו גלייבסט דאָך אַז ס'איז בעסער...

שלמהקע איז געזעסן אויפן קאַנט פון בעט און געשוויגן. ווײַטע ביל־דער זײַנען אויפגעגאַנגען פאַר אים... ער האָט פאַר זיך דערזען דעם פאַר־פרוירענעם טײַך אין זײַן שטעטל. „דוכט זיך מיר אַז איך גליטש זיך אויס...".

שלמהקע איז אַוועק צו זײַן קאַיוטע.

*

אויף מאָרגן נאָכן שטורעם.

די הימלען האָבן זיך אויסגעלײַטערט און געשלאָגן מיט אַ העלער בלויקייט. די זון האָט זיך געשפּיגלט אין ימיקן וואַסער וואָס איז געלעגן פאַרצויגן ווי אַ סאַמעטענער טעפּעך.

שלמהקע איז געשטאַנען בײַם אײַזערנעם ראַנד פון דער שיף און געהאַלטן דעם אָרעם אָנגעשפּאַרט אויף דעם ברייטן אײַזן. ער האָט זיך פאַרזיכטיק אַרומגעקוקט מען זאָל ניט באַמערקן אַז ער זוכט עמעצן... ער האָט דערזען זינאַן אויף אַ ליגשטול. לעבן איר איז געזעסן אַ הויכער מאַן. ער איז ניט געוווען זיכער צי זי האָט אים באַמערקט. ער האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין... עמעצער האָט אַוועקגעלייגט לײַכט די האַנט אויף זײַן אַקסל. ער האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט:

— זינאַ! וואָס טוסטו דאָ?

— דו האָסט מיך געזען. דו ווייסט אַז כ'בין געזעסן אויפן ליגשטול.

— יאָ, איך האָב דיך געזען.

— דו ביסט מיך נעכטן נאָכן שטורעם געקומען זען... איך האָב די גאַנצע נאַכט געטראַכט...

שלמהקע קוקט איר אָן מיט ניַיגער און דערוואַרטונג...

— איך ווייס וואָס דו ווילסט מיר זאָגן. מיַין מאַמע האָט דיך געבעטן... דאַרפסט אויף מיר ניט אַכטונג געבן. דו קוקסט מיר נאָך, דו זוכסט מיך אויפן דעק, אָבער דו קומסט צו מיר ניט צו...

— דיַין מאַמע האָט מיך ניט געבעטן איך זאָל דיר נאָכגיין.

*

זי האָט אים צוגעפירט צו דער טיר פון איר קאַיוטע, אַ שטויס געטאָן מיט דער האַנט און געהייסן אַריַינגיין.

— האָב ניט קיין מורא, מיַין שכנה איז אויפן דעק, זי שאַרט זיך צום האַלענדער...

ווי נאָר זינאַ איז אַריַין אין קאַיוטע האָט זי אַרומגענומען שלמהקען אַרום האַלדז און גענומען קושן.

— איך האָב דיך ליב. פאָלג ניט מיַין מאַמען. גיב אויף מיר ניט קיין אַכטונג, האָב מיך בעסער ליב — האָט זי שטיל געשעפטשעט.

שלמהקען האָט אַ שלאָג געטאָן דאָס בלוט אין די שלייפן. ער האָט ניט געקענט אַרויסריידן קיין וואָרט, ער האָט זי אַרומגענומען און אַ שעפטשע געטאָן אין אויער:

— כ'וועל דיך דערשטיקן... קום, לאָמיר אַרויסגיין. מיר טאָרן דאָ ניט זיַין מער...

זינאַ האָט אים געקושט.

*

— שלאָמקע! דו ווייסט אַז ס'בליַיבן נאָך פיר טעג...

שלמהקע האָט געשוויגן.

— דו ווייסט, אַז אויפן פערטן טאָג אין דער פרי קומען מיר אָן אין

האַוואַנער פּאָרט. האָסט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם אַז איך וועל דיך ניט לאָזן אַראָפּגיין פון שיף...

— זינאַ דו ביסט אַ קלוג מיידל. ס׳וווּנדערט מיך זאָלסט אַזוי ריידן.

— איך ווייס, אַז איך טאָר דאָס ניט זאָגן... אָבער איך קען ניט אַנדערש...

אויפן צווייטן טאָג איז זינאַ, באַלד אין דער פרי, צוגעקומען צו שלמהקען. זי האָט אים צערטלעך אַ קוש געטאָן פאַר אַלעמען אין די אויגן.

— שלאָמקע, דו ווייסט אַז ס׳בלײַבן נאָר דרײַ טעג ?

אין דעם לעצטן פרימאָרגן פאַרן לאַנדן, ווען שלמהקע האָט געעפנט דאָס טירל פון דער קאַיוטע האָט ער דערזען זינאַן וואַרטנדיק אויף אים.

זי האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און געפירט צו זיך... די שכנה איז שוין אין איר קאַיוטע ניט געווען...

זי האָט זיך צוגעטוליעט צו שלמהקען מיטן גאַנצן קערפּער, זיך אײַנגעזויגן אין זײַנע ליפּן און געמורמלט:

— גיי ניט אַראָפּ... לאָז מיך ניט איבער. מײַן פעטער איז אַ רײַכער, ער וועט אונדז גליקלעך מאַכן. וואָס וועסטו דאָ טאָן אַליין ?... פאַר מיט מיר, איך וועל זײַן גליקלעך.

— ווילסט איך זאָל אויסטאָן דעם קרייץ ?...

— ניין, דאָס איז ניט קיין זאַך וואָס מען טוט אויף אַ צווייטנס ווילן. דאָס איז אַ ירושה פון דורות, מען קען זיך פון דעם ניט אָפּזאָגן אַזוי לײַכט.

זינאַ האָט זיך פאַרטראַכט.

— ס׳איז ריכטיק וואָס דו זאָגסט. ס׳זײַנען אָבער פאַראַן מאָמענטן אין לעבן פון אַ מענטשן ווען מען איז גרייט מקריב צו זײַן אַלץ, די ירושה און אַפילו זיך...

שלמהקע האָט איר אויסגעשטרעקט די האַנט.

קאַפּיטל צוויי

אין האַוואַנער פּאָרט

ווען שלמהקע איז אין די צוואַנציקער יאָרן אָנגעקומען אין האַוואַנאַ זײַנען נאָך דאָרט קיין סך אייראָפּעיִשע ייִדן ניט געווען. זײַן קרוב האָט געאַרבעט בײַ דער באַנליניע, ערגעץ ווײַט אויפן מזרח־טייל פון אינדזל. בײַם פאַרלאָזן די היים און אויף דער שיף איז שלמהקע געווען רויִק, ער האָט זיך געפילט זיכער און ניט געזאָרגט וועגן זײַן גורל אינעם נײַעם לאַנד. ער האָט זיך אַפילו ניט פאַרטראַכט וועגן דער שפּראַך וואָס מען רעדט דאָרטן, און וואָס ס׳דערוואַרט אים, נאָך זײַן אָנקום, ווו וועט ער ווױנען? וואָס וועט ער טאָן? „אַ מענטש קען זיך צופּאַסן צו אַלע אומ־שטענדן, אַ מענטש קען זיך אַלץ אויסלערנען...". — האָט ער צו זיך געטראַכט.

בײַם אַראָפּגאַנג פון שיף איז שלמהקע, ווי אַלע אַנדערע פּאַסאַזשירן צוגעקומען צום טיש פון די אימיגראַציע־אינספּעקטאָרן, אויסגעשטרעקט זײַנע פּאַפּירן און ווען איינער פון די באַאַמטע האָט אים עפּעס געפרעגט האָט אים שלמהקע אָנגעקוקט און געשוויגן... אין דעם מאָמענט האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן די רויִקייט און די זיכערקייט... „וואָס פרעגט ער מיך? כ׳ווייס ניט...". ער האָט זיך דערפילט ווי איינער וואָס שטייט בײַ אַ פרעמ־דער טיר צום ערשטן מאָל.

שלמהקע האָט אויפגעכאַפּט אַז דער אינספּעקטאָר פרעגט אים צי ער רעדט פויליש אָדער דײַטש. שלמהקע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „יאָ".

דער אינספּעקטאָר האָט אים העפלעך אָנגעוויזן מיט דער האַנט, ער זאָל זיך שטעלן אָן אַ זײַט און אַוועקגעשיקט עמעצן רופן. באַלד האָט זיך באַוויזן אַ יונגערמאַן מיט אַ ייִדישן פּנים. ער האָט גערעדט אַ ווײַלע מיטן אינספּעקטאָר און פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן צו שלמהקען אויף ייִדיש:

— ער וויל וויסן צו דו האָסט דאָ אַ פרײַנד. זאָג אַז יאָ...

שלמהקען איז געוואָרן לײַכטער אויפן האַרצן. ער האָט אַ נעם געטאָן זײַן טשעמאָדאַנטשיק און אַרויסגעשלעפּט אַ בריוו פון לאַנדסמאַן.

— דו ווייסט אַוווּ דאָס איז? אויף יענער זײַט אינדזל. ווי וועסטו קומען צו אים? האָסט געלט?

— איך האָב דרײַסיק דאָלער. איך דאַרף זיי אָפּשיקן. מײַן מאַמע האָט דאָס אַנטלײַען בײַם פּעטער — האָט אים שלמהקע אויפגעקלערט מיטן פולסטן צוטרוי.

— זאָג אַז דו האָסט דרײַסיק דאָלער. דערצייל ניט קיין מעשׂיות...

יאַנקל, וואָס האָט געאַרבעט אין טיסקאַרניע (קאַראַנטין), איז געווען דער איבערזעצער פאַר אַלע לשונות. האָט ער זיך דורכגערעדט מיטן אינספּעקטאָר און יענער האָט גלײַך אָפּגעשטעמפּלט דעם פּאַס און געהייסן שלמהקען גיין צו די טרעפּ פון שיף.

— פון דאַנען וועט מען דיך צופירן צום האַוואַנער פּאָרט — האָט יאַנקל צוגעגעבן.

שלמהקע האָט זיך אַרומגעקוקט, געזוכט דעם יונגען־מאַן וואָס האָט אים אַרויסגענומען פון דער ערשטער צרה. נאָר יענער איז שוין ניט געווען...

שטייענדיק בײַ די טרעפּ וואָס מען האָט אַרויסגעהאַנגען בײַ דער זײַט פון שיף, וואַרטנדיק אויף זײַן ריי אַראָפּצוגיין צום שיפל, דערהערט שלמהקע ווי דער מענטש וועמען ער זוכט רעדט צו אים: „דאָ ניט ווײַט, אויף דער ערשטער גאַס, אויף רעכטס, גלײַך ווי דו גייסט אַראָפּ פון שיפל, איז דער אָפּיס פון דער באַנליניע. פרעג זיך נאָך, זיי וועלן דיך באַלד אָוועקשיקן, אויף זייערע קאָסטן, צו דער אַרבעט. אין שטאָט איז שווער צו קריגן אַרבעט, קענסט ניט די שפּראַך. דאָרטן וועסט זיך אויסלערנען אַ ביסל ריידן". אָפּגעזאָגט — איז יאַנקל פאַרשוווּנדן.

ווען שלמהקע איז אַרויס פון דעם הילצערנעם מאַטאָרשיפל אויפן ברעג און זיך אַרומגעקוקט, האָט ער דערזען פאַר זיך אַן אַנדער וועלט. אַלטע מויערן מיט דיקע ווענט, איין־, צוויי־ און דרײַ־שטאָקיקע געבײַדעס, רונדע אַרײַנגענג צו פאָרטאַלן. אינעווייניק — שענקען. מאַטראָסן שטייען און טרינקען בײַ טובענק. הינטער די טובענק מיידלעך וואָס באַדינען, גיסן

אין גלעזלעך שנאַפּס, איינס פאַרן גאַסט און איינס פאַר זיך. שלמהקע האָט זיך פאַרקוקט אויף די אויפשריפטן: „טאַווערנאַ”, „באַר”, „באַדעגאַ”. מאָדנע נעמען, מאָדנע גאַסן — עפּעס אַן אַנדער וועלט...

אויף די טירן, וואָס האָבן געפירט צו די פאַרשיידענע שטאָקן, זײַנען געהאָנגען אַלטע, פאַרזשאַווערטע שילדן מיט דער אויפשריפט „האָטעל”.

דאָס טונקעלע רעקל מיטן פאַרמאַכטן קאָלנער האָט געפּאַרעט זײַן לײַב, געביסן אַרום האַלדז. דער האַלב פּוסטער טשעמאָדאַן און די טאָרבע מיט דער קאָלדרע זײַנען געוואָרן שווערער אונטער דער העלער, גליִענ־דיקער זון. אין זײַנע אויערן האָבן געקלונגען די רייד פון יאַנקלען: „פרעג זיך נאָך. דאָרט וועט מען דיר געבן אַרבעט אויף דער באַנליניע”.

אים איז אײַנגעפאַלן: „איך וועל דאָ בלײַבן איין טאָג. איך וועל זען די שטאָט, די באַנליניע וועל איך ניט פאַרשפּעטיקן”. די זיכערקייט אין זיך איז צוריקגעקומען. ער קוקט זיך אַרום און שפּאַנט אַרויף אויף די הילצערנע טרעפּ פון אַן אַלטן האָטעל. ס'הילכט אָפּ יעדער טראָט, ווי ער וואָלט טרעטן אויף אַ פּוסטער פאַס. — „איך שטעל מײַנע ערשטע טריט אויף אַ פּוסטקייט”, ער דערשרעקט זיך פאַרן געדאַנק און פאַרטרײַבט אים פון זיך.

אַ מיטליאָריקער מאַן קומט אים אַנטקעגן, ער פרעגט אים מיט די פינגער, וויפל ס'וועט אים קאָסטן אַ נאַכט. דער מאַן פירט אים אַרײַן אין אַ צימער ווו עס שטייען אַנגעשטעלט אַ סך אײַזערנע בעטלעך: „דאָ אַ האַלבן דאָלער. אויב דו ווילסט שלאָפן אין אַ צימער בלויז מיט נאָך איינעם — איין דאָלער”. ער פירט אים צו און ווײַזט אים דעם צימער פאַר צוויי.

שלמהקע דערפרייט זיך, ער פאַרשטייט אים זייער גוט. „אפשר וועט גאָרניט זײַן אַזוי שווער זיך צו פאַרשטענדיקן אַן אַ שפּראַך. איך וועל זיך אויסלערנען”. ער דערמאָנט זיך ווי דער אינספּעקטאָר אויף דער שיף האָט אים אויסגעפרעגט און ער איז געבליבן פאַרשטומט. גוט נאָך, וואָס יאַנקל האָט אים געראַטעוועט...

ווי אויף אַן הוידלקע וויגט זיך די האָפענונג און דער אומרו, די זיכער־קייט און דער צווייפל — אָט גלייבט ער אין זיך, אָט פאַרלירט ער די

שרעק פאַר אַלץ וואָס שטייט פאַר אים פאַר, און אַט איז ער באַזאָרגט און אומרויִק, אַזוי ווי דער באָדן אונטער זײַנע פיס וואָלט זיך וואַקלען.

ער באַשליסט גלײַך, אַז ער וויל שלאָפן אין צימער פאַר איין דאָלער. אָבער ווער וועט זײַן דער צווייטער אין זײַן צימער? ער באַמיט זיך מיט דער הילף פון די הענט, העוויות אויפן פנים, צו פרעגן בײַם אויפזעער ווער ס'וועט זײַן דער שכן. יענער פאַרשטייט אים אָבער ניט.

שלמהקע פרעגט דעם מאַן אַווו אַוועקצושטעלן זײַן וואַליזקע. יענער ווײַזט אים אָן אונטערן בעט.

שלמהקע האָט ניט קיין צוטרוי צום אָפענעם האָטעל. ס'איז אַ רשות־הרבים. מען וועט צונעמען אַלץ וואָס ער האָט. ניין! — זאָגט ער — און ווײַזט מיט דער האַנט, ער וויל דאָס אַרײַנשטעלן בײַ אים אין צימער. דער מאַן שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, אַז ער איז מסכים. שלמהקע ציט אַרויס אַן איינציקן דאָלער וואָס ער האָט געבראַכט פון פוילן, און בלײַבט אַ גאַסט אין האָטעל אויף איין נאַכט.

ווי נאָר ער האָט אים איבערגעגעבן די וואַליזקע מיט דער טאָרבע און אײַנגעצאָלט פאַר איין נאַכט איז ער אַרויס אין גאַס.

*

שלמהקע שפּאַצירט איבער די פאָרטגאַסן. אַלץ איז אים פרעמד — דאָס געטומל, די געבײַדעס, דער קלאַנג פון די רייד. ניט איין קלאַנג הערט ער — נאָר פאַרשיידענע קלאַנגען. מען רעדט דאָ פאַרשיידענע שפּראַכן. ער דערזעט אַ גרופּע נידעריקע מענטשן. זיי זײַנען ניט שוואַרץ, ניט ווײַס, נאָר טונקל, ווי אָפּגעברענטע אויף דער זון. ער דערהערט ווי פון באַר שרײַט אַ מיידל פון אונטערן טובאַנק: „היי, אינדיאַנס, קאָם עיער...״. ער האָט זיך געכאַפּט אַז דאָס דאַרף זײַן אַ מאַנשאַפט אויף אַ שיף וואָס שטייט אין פּאָרט.

ער דערהערט ווי מען קלאַפּט מיט אַ מעטאַלענער מטבע אין אַ שויב. ער קוקט זיך אַרום. אַ יונגע פרוי רופט אים דורכן פענצטער, זי ווײַזט אים אָן אויף אַ צווייט מיידל וואָס שטייט לעבן איר. שלמהקע גיט אַ טראַכט: „זיי פאַרקויפן זיך ווי סחורה״. ער קוקט אויף אַלע זײַטן:

אַלץ איז אַזוי פרעמד און נײַ. דער קאָפּ איז אים ווי פאַרטשאַדעט. אַט איז ער דאָך ערשט אַראָפּ פון שיף. געבליבן דאָרט זינאַ. וואָס איז מיט איר? אַ מאַן מיט פאַטשערקעס אויסגעהאַנגען אויף זײַן לינקער האַנט שפּאַצירט רויִק צווישן עולם. ער בעט בײַ אַ דורכגייער ער זאָל בײַ אים קויפן. ער לויפט נאָך אַ מאַטראָס און רעדט צו אים: „קאַמפּרע, קאַמפּרע!". שלמהקע פאַרשטייט שוין אַז דאָס באַטײַט „קויף, קויף!".

ס'קומט אָן אַ צווייטער מאַן וואָס טראָגט אָנגעהאָנגען אויף זײַן האַנט הילצערנע קלאַפּערס, „מאַראַקעס" — אַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט אויס־געאַרבעט פון אַן אויסגעטריקנטן געוויקס. מיט די צוויי קלאַפּערס אין זײַנע הענט שפּילט ער אויס מעלאָדיעס וואָס שלמהקע האָט קיין מאָל ניט געהערט. ער שפּילט צום טאַקט. די קלאַנגען הילכן שטאַרק. שלמהקע קען זיי ניט פאַרטראָגן. די נײַע קלאַנגען, דער מענטש, דער אינסטרומענט — אַלץ איז נײַ.

פון די שענקען שלאָגט אַ ריח פון ווײַן. צוויי ווענט אויסגעשטעלטע מיט פלעשער שנאַפּס און צוויי אָפענע, צו דער גאַס, ווי די שענקען וואָלטן געלעגן אויף דער גאַס. אויפן ראָג האָט אַ מולאַט געדרייט די קאָלבע פון אַן אַלטער פּיאַנאָלע, וואָס שטייט אויף אַ וועגעלע מיט רעדלעך און שפּילט אויס אַ סערענאַדע. זײַן געהילף, אַ הויכער שוואַרצער מיט אַ צע־מורשטער נאָז, טאַנצט אויפן טראָטואַר צום טאַקט. „אַן אַנדער וועלט" — טראַכט שלמהקע צו זיך גייענדיק איבער די גאַסן — „ס'איז מיר קיין מאָל ניט אײַנגעפאַלן אַז פרויען קענען זיך אַזוי אומפאַרשעמט פאַרקויפן". ס'מישן זיך אויס די מיידלעך וואָס רופן דורכן פענצטער, די באַרן מיט די מיידלעך הינטער די טובענק, די קלאַנגען פון די מאַראַקעס, די סערע־נאַדע, דער שוואַרצער... ער איז ניט זיכער אויף וועלכער זײַט ער דאַרף גיין צום האָטעל.

ס'פאַרשלאָגט אַ ריח. ער וויל זיך דערמאָנען פון וואָס דער ריח איז — ציקאָריע, געברענטע קאַווע. בײַם ראַנד פון טראָטואַר שטייט אַ מאַן מיט אַ קליין וועגעלע אויף צוויי רעדלעך. אין אַ גלעזערנער פלאַש קאָכט זיך שוואַרצע קאַווע. אויף אַ שטעקל איז אָנגעשריבן „צוויי סענט". „איך האָב

ניט קיין צווייַ סענט. אַ דאָלער האָב איך. ווי קען איך אים דאָ אַרויס־נעמען פון שוך?...". ער גייט אַוועק און דער ריח גייט אים נאָך.

די גאַס איז טונקל באַלויכטן, מיט שענקען, מיט מענטשן, מיט טרינק־הייַזער, מיט מוזיק, נאָר שלמהקע פילט זיך ווי ער וואָלט געגאַנגען אין אַן ענג פאַרצווייַגטן וואַלד. ער פילט אַ שרעק, ס'באַפאַלט אים אַן אומעט, אַ בענקשאַפט נאָך אַ לעבן פון וואָס ער האָט זיך אָפּגעריסן... „וווּ דאַרף איך גיין?" — גיט ער פּלוצלינג אַ טראַכט. ער קוקט זיך אַ ווייַלע אַרום, דרייט זיך אויס און גייט צוריק. ער איז נאָך אַלץ ניט זיכער. ער קוקט אויף די הייַזער. דאָ איז ער פאַרבייַגעגאַנגען. ער גייט גוט!

"מאָרגן וועל איך גיין אויף אַנדערע גאַסן, מאָרגן דאַרף איך באַשליסן וואָס איך זאָל טאָן".

פון אַ זייַטיק געסל הערט זיך אַ געוויין פון אַ פרוי. מען שלאָגט זי. פאַר יעדן קלאַפּ ווערט דאָס געוויין שטאַרקער און פאַרגייט אין דער נאַכט.

בייַם אַרייַנגיין אין דער גאַס פון האָטעל האָט שלמהקע דערזען די באַלויכטענע פענצטערלעך פון די שיפן וואָס שטייען אין פּאָרט. פון דער ווייַטן האָבן זיך געזען פייַערלעך פון הייַזער וואָס האָבן זיך געצויגן באַרג־אַרויף. ער האָט דערהערט דאָס גערויש פון די מאָטאָרשיפלעך וואָס פאָרן צו די שיפן, דאָס פליוכיקע באַוועגן זיך פון וויאָסלעס וואָס טרייַבן קליינע שיפעלעך איבערן שטילן וואַסער. דער גרויער מויער, וואָס איז געשטאַנען אויפן ראַנד פון וואַסער, האָט אויסגעקוקט ווי אַ פאַרלאָזענע אַלטע פעסטונג.

שלמהקע שלינגט אַלץ וואָס ס'וויקלט זיך פונאַנדער פאַר זייַנע אויגן. „אַלץ איז דאָ אַנדערש. ווי וועל איך דאָ לעבן?". ער טראַכט וועגן זייַן היים, וועגן זייַן שטעטל, וועגן זייַנע חברים וואָס זייַנען אים מקנא געווען. ער טראַכט וועגן זינאַן וועמען ער האָט איבערגעלאָזט אויף דער שיף אַליין. „אפשר האָב איך טאַקע געדאַרפט פאָרן ווייַטער?".

„ס'איז מיר גאָרניט אייַנגעפאַלן אַז איך וועל באַגעגענען אַזאַ וועלט, ניט מייַן וועלט... אַזוי קוקט אויס דאָס לעבן אין אַ פּאָרטשטאָט, אַזוי קוקט אויס די נייַע וועלט צו וועלכער ס'האָט מיך געצויגן?...".

שלמהקע קוקט זיך צו צו די אַרײַנגעגנג צו די באַרן, צו די האָטעלן. ער זוכט די הילצערנע טרעפּ אויף וועלכע ער איז הײַנט שוין געגאַנגען. אין די דורכגעגנג שטייען פרויען מיט מענער, מען קושט זיך, מען נעמט זיך אַרום. ער דערזעט די טרעפּ פון דעם האָטעל ווו ער איז הײַנט געווען. ס'ווערט אים לײַכטער, ער האָט געטראָפן!

זײַן צימער־שותּף שלאָפט — ניט קיין ווײַסער ניט קיין שוואַרצער. שלמהקע וואַרפט אַראָפּ די אויסגעשוויצטע מאַרינאַרקע. צי ער זאָל זיך אויסטאָן, צי זאָל ער שלאָפן אין דער אָנטועכץ? ער לייגט זיך אויפן בעטל און טראַכט: „כ'בין דאָ אַ פרעמדער, אָן אַ שפּראַך, קיינער קען מיך ניט, איך קען קיינעם ניט. וואָס וועל איך זיך דאָ אַרומדרייען? מײַן פעטער איז ערגעץ אויף דער צווייטער זײַט אינדזל. מאָרגן וועל איך גיין אין ביוראָ פון דער באַנליניע און זיך פאַרשרײַבן צו דער אַרבעט".

שלמהקע איז מיד פון טאָג, פון די שווערע איבערלעבונגען אויף דער שיף, פון שפּאַציר איבער די גאַסן אַרום פּאָרט. ער פילט אַז ער ווערט אַנטשלאָפן.

*

יאָרן שפּעטער, ווען שלמהקע פלעגט דערהערן די הילכיקע קלאַנגען פון די מאַראַקעס, פלעגט ער אַלע מאָל פון דאָס נײַ אָפּפילן יענעם ערשטן שפּאַציר איבער די גאַסן פון האַוואַנער פּאָרט.

קאַפּיטל דרײַ

א טאָג אין האַוואַנאַ

צווישן דרימל און וואַך זײַן האָט זיך שלמהקע אָפּגעמאָטערט די נאַכט אויף דער אײַזערנער קאָלומבינע אין אַלטן ביליקן האָטעל אין פּאָרט פון האַוואַנאַ. כאָטש ער איז געווען מיד און שלעפעריק, האָט ער ניט געקענט אײַנשלאָפן. ער האָט נאָך אַ מאָל איבערגעלעבט דעם נעכטיקן טאָג... דעם

פרימאָרגן, ס'האָט ניט אָפּגעטראָטן דאָס בילד ווי זינאַ איז געשטאַנען ביי דער טיר פון דער קאַיוטע...

ס'זיינען ווידער אַ מאָל פאַרבייגעשוווּמען די גאַסן ביים פּאָרט, די מענטשן וואָס שלאָפן אויפן פוסטן אַרומגעצאַמטן גאָרטן אַנטקעגן דעם אַלטן קלויסטער. „זאָלן דאָס זיין שיכורים... צי מענטשן וואָס האָבן ניט קיין היים, וואָס האָבן ניט צום באַצאָלן פאַר אַ בעטל צו איבערשלאָפן אַ נאַכט" ? ער האָט דערפילט אַן אומרו פאַר זייער גורל און פאַר זיינעם...

פאַר טאָג האָט זיך שלמהקע אויפגעהויבן. ער איז אַרויס פון צימער און באַטראַכט די מענטשן וואָס זיינען געשלאָפן אויף אויסגעצויגענע אייזערנע בעטלעך אין אַלגעמיינעם שלאָפצימער. ער איז אַריין אין וואַש־צימער און זיך צוריקגעקערט. „ס'איז נאָך זייער פרי. ווו וועל איך איצט גיין ?" — ער האָט זיך צוריקגעלייגט אויפן בעטל און איינגעשלאָפן.

שלמהקע האָט דערהערט אַז עמעצער רעדט צו אים. ער האָט אויפגע־עפנט די אויגן און דערזען דעם מאַן ביי וועמען ער האָט געדונגען דאָס בעט צום איבערשלאָפן.

— דו רעדסט ליטוויש ? — האָט ער אים געפרעגט.

— איך רעד פויליש. — שלמהקע האָט נאָך מער אויפגעעפנט די אויגן אַ פאַרוווּנדערטער.

— איך האָב געטראַכט אפשר דאַרפסטו גיין צו דער אַרבעט ?

— ניין ! איך בין נעכטן אָנגעקומען מיט דער שיף. איך זוך ערשט אַרבעט...

— די איינציקע אַרבעט... איז ביי דער באַנליניע — ניט קיין לייכטע אַרבעט. איך האָב געאַרבעט ביי דער ליניע...

— ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג... כ'וועל פאָרן. איך וויל אָבער פריִער זען די שטאָט. ווי גייט מען צום ביוראָ פון דער באַנליניע ?

— גיי מיט דעם זעלבן טראָטואַר, צייל אָפּ פיר גאַסן. אַריינגייענדיק אין דער פערטער וועסטו אין מיטן פון גאַס זען אַ מעשענעם שילדל: „פערראָ־קאָררילעס" — דאָרט איז דער ביוראָ.

— ווי גייט מען צום צענטער פון שטאָט ?

— דורך דער זעלבער גאַס. גיי גלײַך וועסטו אָנקומען צו אַ פּאַרק. דאָס איז דער צענטער פון שטאָט.

דאָס צונויפרעדן זיך מיטן ערשטן מענטשן וואָס ער האָט דערקענט אין האַוואַנער פּאָרט, די פּאָר שעה וואָס ער איז געשלאָפן אין פּאַרטאַג האָבן אים געמאַכט מונטער און פריש. ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיטן פאַרלאַנג זיך צו באַקענען מיט דער שטאָט. דער הונגער האָט אים דערמאָנט אַז ער דאַרף עפּעס עסן.

בײַ דער ליכט פון טאָג האָט די פּאָרטשטאָט אויסגעזען אַנדערש ווי נעכטן בײַ נאַכט. זי האָט פאַרלוירן דאָס שיכּורותדיק־פאַרטײַעט פּנים. אַ שלעפעריקייט, און אַ שטילקייט האָט זי באַהערשט. דער טאָג האָט פאַרטריבן די נאַכטפרויען צוזאַמען מיט דער דזשעז־מוזיק, צוזאַמען מיט די פאַרבענקטע מעלאָדיעס פון די פּיאַנאָלאַס. ס'איז געווען אַן איינזײַטיקע גאַס. די צווייטע זײַט האָט געקוקט צום ים־אײַנגאַנג פון האַוואַנער פּאָרט. די גאַס האָט שטום זיך צוגעהערט צום רויש פון די משא־אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון די גרויסע שפּײַכלערס און מאַגאַזינען וואָס האָבן געשפּײַזט די שטאָט.

די טירן פון אַ קאַפע זײַנען געווען אָפן. שלמהקע האָט זיך אַרײַנגעשאַרט. ער האָט זיך צוגעקוקט וואָס אַנדערע טרינקען. ער האָט מיטן פינגער אָנגעוויזן אויפן ברויט און קאַווע וואָס אַ צווייטער האָט געגעסן. ער איז געווען צופרידן וואָס מען האָט אים פאַרשטאַנען. אָפּגעגעסן, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט איבער די גאַסן פון האַוואַנאַ.

די אַלטע הײַזער, די קליינע שמאָלע באַלקאָנען, די גרויסע הילצערנע שווערע טירן, פאַרקראַטעוועטע מיט אײַזערנע שטאַנגען, די שמאָלע גאַסן, די ענגע טראָטואַרן אויף וואָס נאָר איין מענטש קען דורכגיין, די טראַמוויײַען וואָס שאַרן זיך נעבן די טראָטואַרן בײַ די ווינקלען פון די גאַסן, די הויכע פּאַלמע־ביימער, די קאָלירן פון די מענטשן — אַלץ האָט געוועקט זײַן נײַגעריקייט. שלמהקעס אויג האָט אַלץ אויפגעכאַפּט און ווי אײַנגעשלונגען אין זיך.

שלמהקע האָט געשפּאַנט איבער די גאַסן, ווו נאָר זײַנע פיס האָבן אים געטראָגן. אָט איז ער בײַ אַן אַלטער געבײַדע מיט קליינע פאַרקראַטעוועטע

פענצטער וואָס זעט אויס ווי אַ טורמע. ער האָט זיך דערנענטערט צום „קאַסטיללאַ דעל מאַררא״, אַן אָבסערוואַציע־פּונקט צום דערקענען די שיפן וואָס פאָרן אַרײַן אין האַוואַנער האַפן. מאָדנע, ווו ער קומט צו איז ים, די ערד איז אַרומגערינגלט פון וואַסער. „ס׳איז אַן אינדזל״ — האָט ער געטראַכט צו זיך.

ער האָט זיך פאַרקוקט אויפן בלויען, שטילן ים, וואָס ציט זיך ערגעץ ווײַט, ווײַט, אָבער דאָס אויג פאַרכאַפּט דעם גרינעם אַרום, די מויערן מיט די דעקאָרירטע געזימסן אַרום די דעכער, די סקולפּטירטע פיגורן פון אַלערליי מענטשן און חיות אויף די ווענט, די גרויסע געשניצטע טירן. ס׳האָט אים פאַרכאַפּט און פאַרוואונדערט די שיינקייט פון דער שטאָט.

שאַרנדיק זיך אונטער דעם שיטערן צודעק פון די ביימערצווײַגן האָט שלמהקע באַמערקט אַ ווײַס העמד מיט פאַלדן אויף דער פּלייצע. דאָס זעלבע העמד וואָס ער טראָגט... איבער די אַקסלען הענגען ברייטע לײַוונטענע פּאַסקעס וואָס האַלטן אַ קעסטל אויפן בויך.

ס׳האָט אים אַ צי געטאָן צום יונגן מאַן מיטן פאַראומערטן פּנים וואָס האָט געטראָגן דאָס קעסטל...

— איר זײַט אַ נײַער ?... — האָט אים דער יונגער מאַן געפרעגט. — אַן אונדזעריקן דערקענט מען באַלד.

— יאָ, אַ נײַער... נעכטן געקומען... איר זײַט דאָ שוין לאַנג ?

— פיר וואָכן, לאַנגע פיר וואָכן... ער האָט אויפגעעפנט דאָס דעקל פונעם קעסטל און געוויזן שלמהקען : „אײַז, אײַז, ס׳קילט דעם בויך. פרירט. איך פאַרקויף עסקימאָ פּײַ... דער בויך פרירט און אויף דער פּלייצע ברענט די זון...״.

שלמהקע האָט ניט געהאַט וואָס צו פרעגן, ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. די צוויי אימיגראַנטן האָבן זיך אָנגעקוקט אַ ווײַלע...

— זײַט געזונט...

— געזונט... מען דאַרף זײַן שטאַרקער פון אײַזן — האָט דער עסקימאָ־פּײַ־פאַרקויפער געענטפערט.

דאָס גיין איז אים געוואָרן שווערער. ער איז פאַרבײַגעגאַנגען דעם פּאַרק און אַרײַן אין אַ צווייטער גאַס. באַטראַכטנדיק די געשעפטן האָט ער

דערפילט אַ שאַרפן ריח פון טאַבאַק וואָס איז געקומען פון אַן אָפענער טיר. ער האָט אַרײַנגעקוקט. ס׳שטייען אויסגעשטעלט טישן ענלעך צו די בענק אין אַ שולקלאַס. דער דעק פון טיש איז גרעסער ווי פון אַ שולבאַנק. ס׳זיצן מענטשן עלטערע, ייִנגערע מיט דאַרע בלייכע פּנימער און וועלגערן טאַבאַקבלעטער איבער די טישן. זיי שאַרן צונויף קײַלעכדיקע טאַבאַק־קנוילן. זיי לייגן דעם קנויל אַרײַן אין אַ גרויסן אויסגעצויגענעם בלאַט און וויקלען, און גלעטן מיט די פינגער ביז ס׳ווערט אַ ציגאַר.

אויף אַ געפּוצטן מעטאַלענעם שילד האָט ער דערזען די אויפשריפט: „טאַבאַקאָ קובאַנאַ". ער האָט די ווערטער אַ מאָל געהערט... ערשט איצט אָבער פאַרשטייט ער זייער באַטײַט. נאָר מער פון אַלץ האָט אים איבער־ראַשט דער מענטש וואָס זיצט אויפן שטול אין פראָנט פון די ציגאַרן־וועלגערער און לייענט פאַר זיי פאַר פון אַ בוך... אין דעם גרויסן אַרבעטס־זאַל הערשט אַ שטילקייט, ס׳הערט זיך נאָר די שטים פון פאַרלייענער און דאָס שטילע וועלגערן פון די טאַבאַקבלעטער. ער איז געגאַנגען ווײַטער.

אין דער אָפענער טיר פון קרעמל איז געשטאַנען אַ יונגער מאַן און אַרויסגעקוקט צו דער גאַס, צו די דורכגייער. אינעווייניק האָט געברענט אַן עלעקטריש לעמפּל, וואָס האָט שוואַך באַשײַנט דאָס קליינע קרעמל. פון בײדע זײַטן פּאָליצעס צונויפגעשלאָגענע פון ברעטלעך זײַנען אויסגע־שטעלט פּושקעס סחורה. אויף אַ דראָט זײַנען געהאָנגען בונט־פאַרביקע קראַוואַטן, אַ העמד מיט קאָלירטע שטרײַפן. די טונקלקייט האָט ניט געלאָזט מער זען. דער מאַן האָט אָנגעקוקט שלמהקען ווי ער וואָלט אין אים עמעצן דערקענט. אויך שלמהקען האָט זיך געדאַכט אַז ער האָט אים ערגעץ וווּ געזען. ער איז פאַרבײַגעגאַנגען, נאָר ס׳האָט אים עפּעס אַ ציי געטאָן אויף צוריק. „דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ ייִד. אפשר זאָל איך אים פרעגן?". שלמהקע איז צורעקגעקומען צו דער אָפענער טיר. ער האָט געוואַרט אַ ווײַלע ביז דער מאַן איז אַרויסגעקומען. זיי האָבן זיך בײדע אָנגעקוקט. שלמהקע האָט זיך אָנגענומען מיט מוט:

— איר זײַט אַ ייִד?

— יאָ!

— שוין לאַנג דאָ אין לאַנד?

— שוין באַלד דריַי יאָר. איך בין געקומען אין 1921, פון די ערשטע — האָט דער ייִד אים געענטפערט.

— איך בין נעכטן אָנגעקומען...

— איר האָט דאָ משפּחה?

— איך האָב אַ קרוב, נאָר ער לעבט וויַיט פון דאַנען, אויף דער צווייטער זיַיט אינדזל.

— אין דער אָריענטע פּראָווינץ?

— שוין לאַנג ווי איר האָט געעפנט די קראָם?

דער ייִד האָט אַ וויַילע געשוויגן, ווי ער וואָלט זיך באַקלערט וואָס צו ענטפערן.

— ניין, ניט לאַנג — איז ער געוואָרן שפּאָרעוודיק אוי די רייד. ביידע האָבן אַ וויַילע געשוויגן.

— ווו קען איך זיך נאָכפרעגן אויף אַרבעט, — האָט אים שלמהקע געפרעגט.

— איר זיַיט אַ פּאַכמאַן?

— ניין, איך האָב געלערנט.

— וואָס טויג אייַך דאָס וואָס איר האָט געלערנט? דאָ דאַרף מען קענען שפּאַניש. אין שטאָט איז שווער צו קריגן אַרבעט. אַז אַ שפּאַניאָל דאַרף האָבן אַן אַרבעטער, אַ געהילף, ברענגט ער זיַינעם אַ קרוב פון שפּאַניע. איר קענט קריגן אַרבעט אויף דער באַנליניע. איך האָב געאַרבעט אַ יאָר צייַט. ס׳איז ניט קיין לייַכטע אַרבעט... ניט געהאַט קיין ברירה. איך בין געקומען אָן אַ פּאַך. אַ פּאַכמאַן קריגט גיכער וואָס צו טאָן.

דער מאַן האָט אַ וויַילע געטראַכט, ווי ער וואָלט זיך באַקלערן צי ער דאַרף דערציילן אַלץ וואָס ער ווייס... און אַ זאָג געטאָן:

— דערנאָך האָב איך געפּעדלט, געטראָגן אַ פּאַק אויף זיך... אין דער ביטערער היץ... זיך אויסגעלערנט אַ ביסל די שפּראַך, זיך באַקענט וווּ מען קויפט סחורה, זיך באַקענט מיט דער שטאָט, מיט די מענטשן.

זיַינע רייד האָבן געקלונגען קאַלט, ווי ער וואָלט ניט וועלן ריידן. ס׳איז אים געווען אַ שאָד איבערצוגעבן וואָס ער ווייס, וואָס ער האָט שוין דורכגעלעבט...

שלמהקע האָט דאָס דערשפּירט און מער ניט געוואָלט פרעגן.

— ס׳קוקט אויס אַז מען וועט מוזן פאָרן אַרבעטן אויף דער באַנליניע.

— אַזוי האָבן אָנגעהויבן אַלע... אַז מען האָט רײַכע קרובים אין אַמע־ריקע העלפן זיי...

שלמהקע האָט אויסגעשטרעקט די האַנט זײַן נײַעם באַקאַנטן...

— אַ דאַנק! ס׳ווערט לײַכטער אַז מען טרעפט אַ ייִדן און מען קען זיך צונויפריידן. אַ דאַנק!

די רייד האָבן געווירקט אויפן יונגן מאַן. ער האָט אָנגעקוקט שלמהקען און מיט אַ פרײַנדלעכן טאָן אים געזאָגט:

— אויב איר וועט בלײַבן אין שטאָט קומט אַרײַן, זאָרגט ניט, מען ווערט ניט פאַרפאַלן.

— ווי גייט מען צו אָבימפּאַ?

— דרײַ בלאָק אויף רעכטס. איר געדענקט דעם נאָמען פון דער גאַס. ערשט נעכטן געקומען... איר ווילט געוויס גיין אין ביוראָ פון דער באַנ־ליניע. איר דאַרפט זיך צואײַלן, ס׳איז שוין שפּעט.

שלמהקע איז אַרײַנגעקומען אין ביוראָ. ער האָט דאָרטן געטראָפן נאָך מענטשן, וואָס זײַנען געקומען מיטן זעלבן צוועק וואָס ער. ער האָט געהערט אַז איינער פון די אָנגעשטעלטע רעדט פויליש. ער האָט זיך צוגערוקט צו יענעמס טיש. נאָך אַ קורצן שמועס איז שלמהקע אַרויס פון דאָרט מיט אַ באַנבילעט צו פאָרן צו אַ סטאַנציע ניט ווײַט פון דער שטאָט באַיאַמאָ. דאָרטן וועט מען אים אָפּוואַרטן און נעמען צום פּלאַץ ווו ער וועט אַרבעטן. מען לייגט דאָרטן אַ באַנליניע וואָס וועט זיך ציִען ביז צו די ברעגן פון קאַראַיִבישן ים.

קאַפּיטל פיר

אויף דער באַנליניע

די באַן איז געגאַנגען לאַנגזאַם, ניט געיאָגט. שלמהקע איז ניט אָפּ־געטראָטן פון פענצטער. ער האָט זיך צוגעקוקט צו די אומענדלעכע פעל־דער מיט הויכע צוקער־קאַניע, צו די קוקורוזע־פעלדער. די פולע קעפּלעך קוקורוזע האָבן געוויגט די גרין־געלע זאַנגען און זיי געצויגן צו דער ערד. פון צײַט צו צײַט האָבן זיך געזען סטאַדעס בהמות אויף גרויסע פּאַשע־פעלדער אַרומגעצאַמט מיט שטעכיקע דראָטן. פון דער ווײַטן האָבן פּאַר־בײַגעשוועבט הויכע פּאַלמעס מיט גרינע קרוינען.

נאָענט צו דער באַנליניע זײַנען געשטאַנען נידעריקע הײַזקעס, הינטער די הײַזקעס — באַאַרבעטע גערטנער. שלמהקע האָט דערזען כינעזער, וואָס האָבן מיט לאַנגע מעסערס אַרויסגעשניטן די ווילדע גראָזן. „די גאַנצע וועלט זוכט אַ מקלט, זוכט צו לעבן אין רו...״ — האָט שלמהקע אַ טראַכט געטאָן.

מיט אַ מאָל האָבן זיך באַוויזן שפּיצן בערג פאַרדעקטע מיט קוסטעס, מיט ביימער פאַרפלאָכטענע איינער אין דעם צווייטן. די בערג האָבן זיך געריסן צו די קלאָרע בלויע הימלען. פאַר שלמהקען האָט זיך אַנטפּלעקט אַ נײַע וועלט, אַ זוניקע, אַ ליכטיקע. ער דערפילט אַ ליבשאַפט צו אַלץ וואָס ער זעט. ער האָט נאָך קיין מאָל אין זײַן לעבן זיך ניט געפילט אַזוי נאָענט צו דער נאַטור, ער האָט קיין מאָל ניט אָפּגעפילט אַזוי איר קראַפט, איר רײַכקייט.

נאָר אָט האָט זיך שלמהקע אַרומגעקוקט אויף די מיטפאָרער אין וואַגאָן: „פרעמדע. איך בין דאָ אַליין, זיי שווײַגן... ניטאָ צו וועמען צו ריידן, אַלע שווײַגן״...

אַז שלמהקע איז מאַנטיק אין דער פרי אָנגעקומען צום אַרבעטספּלאַץ און האָט דערזען די גרויסע אַלטע ביימער, פאַרפלאָכטענע איינער אין דעם צווייטן, אַרומגערינגלט מיט געוויקסן און קוסטעס, ווו ס׳איז באַך, דאַכט זיך, קיין מענטשלעכער פוס ניט באַטראָטן, אַז ער האָט באַטראַכט

די גרינע פּאַלאַטקעס ווו מען וועט דאָרפן וווינען, לעבן דאָרט, איז אים געוואָרן אומעטיק אויפן האַרצן. אַ טראַקטאָר האָט געריסן די קוסטעס פון דער ערד און זיי צונויפגעשאַרט אין אַ באַרג. עלעקטרישע זעגן האָבן געשניטן די מאַסיוועביימער און זיי געפירט צו אַ זײַטיקן, אָפּגעריי־ניקטן פּלאַץ, ווו מען האָט געטשעשעט די צווײַגן און געלייגט זיי שפּעטער אין רייען איינע אויף דער צווייטער, איינע נעבן דער צווייטער...

שלמהקע האָט אַ טראַכט געטאָן: „איך האָב אונטערגעשריבן אַז איך דאַרף אַרבעטן צום וויינציקסטן צוועלף וואָכן. אויב איך פאַרלאָז די אַרבעט פאַר דער צײַט דאַרף איך צוריקצאָלן דער קאָמפּאַני פאַרן בילעט אַכצן דאָלער... און אַכצן פאַרן צוריקפאָרן... מען וועט זיך צוגעווינען, אַ מענטש קען זיך צו אַלץ צוגעווינען...".

דער טאָג איז געווען אַ קילער. מען האָט געגעבן פרישטיק. דער אויפזעער האָט אָנגעוויזן שלמהקען וואָס צו טאָן: דאָרטן, ווו דער טראַקטאָר רײַסט אַרויס און טראָגט אַוועק די קוסטעס און פון די אָפּגעזעגענע ביימער בלײַבן צווײַגן און שטיקער האָלץ, זאָל ער זיי אויפקלײַבן און אַוועקטראָגן צום באַרג. דער אויסגעשניטענער וועג זאָל זײַן ריין צו שיטן דעם זאַמד מיט שטיינדלעך און צו לייגן די שפּאַלן.

שלמהקע האָט אָנגעטאָן די גראָבע הענטשקעס, וואָס מען האָט אים געגעבן, און זיך געשטעלט צו דער אַרבעט.

אַ דרײַסיק־פערציק פוס הינטער דער גרופּע וואָס האָט געריייניקט די ביימער און קוסטעס האָט מען פון אַ וואָגן, מיט אַן אָקסנגעשפּאַן, גע־בראַכט זאַמד און דאָס אָנגעשאָטן אויף בערגלעך און געגרייט — ווען די ערד וועט ווערן טרוקן וועט מען שיטן דעם זאַמד און מיט אַ פּרעסמאַשין פאַרהאַרטעווען.

שלמהקע האָט פון דער ווײַטן באַמערקט אַ דיקן מאַן מיט אַ רידל אין האַנט. „דאַכט זיך אַ ייִד". יענער האָט געקוקט אויף שלמהקען. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז דער מאַן מיטן רידל צוגעקומען צו שלמהקען און אים געפרעגט מיט אַ טרוקענער שטים: „דאַכט זיך אַ ייִדישער בחור".

— יע — האָט אים שלמהקע געענטפערט קורץ, כאָטש אין האַרצן האָט ער דערפילט אַ פריידי וואָס ער האָט געטראָפן אַ ייִדן.

— היינט אָנגעקומען? דער ערשטער טאָג, אַ שווערע פּראַצע. כ׳ווייס ניט צי איר וועט דאָס קענען טאָן, יונגער־מאַן... וואָס האָט איר געטאָן אין דער היים?

— געלערנט — האָט אים שלמהקע געענטפערט און דאָס פריידיק געפיל וואָס ער האָט געטראָפן אַ ייִדן האָט זיך ווי אויסגעוועפּט.

— ווי לאַנג קלערסטו דאָ שטיין? — פרעגט אים דער ייִד מיט אַ ביטערן שמייכעלע — איך קלייב זיך אַוועקפאָרן אין שטאָט. כ׳וועל עפּעס אַ געשעפט...

שלמהקע האָט ניט געענטפערט. דער ייִד האָט נאָך אַ מאָל איבער־געחזרט די זעלבע רייד, ווי ס׳וואָלט אים געגאַנגען אין לעבן דאָס צו לאָזן וויסן דעם נייעם... ער האָט נאָר צוגעגעבן: „מיין נאָמען איז בערקע זוסמאַן. קענסט מיך רופן בערקע".

— פאַניע זוסמאַן! איך וועל דאָ שטיין אַזוי לאַנג ווי איך וועל דאַרפן — האָט שלמהקע געענטפערט קורץ.

זוסמאַן האָט באַטראַכט שלמהקען פון אויבן אַראָפּ און געשוויגן. ער איז צוריקגעגאַנגען צו זיין פּלאַץ.

כאָטש די אַרבעט איז ניט געווען קיין שווערע, האָט זיך שלמהקע נאָכן ערשטן טאָג געפילט זייער אויסגעמאַטערט. אין דער פּאַלאַטקע, וואָס מען האָט גערופן דער „עסצימער", האָט זיך געטראָגן אַ ריח וואָס האָט פאַרטריבן שלמהקעס אַפּעטיט, ער איז געווען הונגעריק. ער האָט זיך באַמיט עסן, נאָר דער טעם איז אים געווען פרעמד און מער ווי עטלעכע לעפל האָט ער ניט געקאָנט טועם זיין.

דער קובאַנער טאָג איז לאַנג. ס׳איז ליכטיק פון פרי ווען די זון הייבט אָן אויפגיין ביז שפּעט אין אָוונט, נאָך דעם ווי די זון איז שוין פאַרגאַנגען.

אין דער פּאַלאַטקע, וווּ מען איז געשלאָפן, האָט זיך געפילט אַ ריח פון פאַרפוילט גראָז, פון פאַרדומפּענער ערד. געשלאָפן אין דער פּאַלאַטקע האָבן אַכט אַרבעטער. דאָס קליינע לעמפּל, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט זיין אייגענעם שאָטן, האָט שלמהקען דערמאָנט אָן די פּימפּערס וואָס מען האָט גענוצט מלחמה־צייט אין דער היים. נאָך איידער ער האָט זיך צוגע־וווינט צו דער ליכט און צום גערוך פון פּאַלאַטקע איז ער איינגעשלאָפן.

אינעם דרימל האָט ער דערהערט ווי מען רעדט יידיש. ער האָט אויפֿ־געריסן די אויגן און זיך אַרומגעקוקט. עס האָט גערעדט זײַן שכן, דער דיקער ייִד. „ווײַזט אויס פֿון שלאָף" — האָט שלמהקע אַ טראַכט געטאָן.

— הער זוסמאַן, איר רעדט פֿון שלאָף! איר לאָזט אונדז ניט שלאָפֿן!

— פֿון שלאָף? איך רעד ניט פֿון שלאָף, איך בין וואַך, איך רעד צו זיך אַליין... איך האָב זיי אין דער ערד מיט דער גאַנצער ליניע... איך האָב מײַן גאַנץ לעבן געהאַנדלט מיט פֿערד, מיט די בעסטע פֿערד, פֿון די פּריצים. איך וועל ניט אַרבעטן אויף דער באַליניע, איך וועל ניט אַרבעטן אין דער ווילדעניש און לעבן אין אַ פֿינצטערער פּאַלאַטקע. איך פֿאָר אין שטאָט. איך האָב געשריבן צו מײַנע קרובים אין אַמעריקע, וואָס האָבן זיי מיך דאָ אַראָפּגעבראַכט? איך וועל פֿאַרשרפֿעט פֿון דער זון, איך בין שוואַרץ געוואָרן... איך וועל דאָ ניט אַרבעטן... פֿאַר אַ דאָלער פּופֿציק אַ טאָג... זעכציק סענט נעמט מען אַראָפּ פֿאַרן עסן. כ'קען דאָס ניט פֿאַר־זוכן... אַ זופּ פֿון קוקורוזע־מעל מיט שטיקלעך חזיר־פֿלייש, מיט טאָמאַטן. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מאכל, קימבאַמבאַ. איך האָב קיין מאָל דעם נאָמען ניט געהערט. בײַ אונדז פֿלעגט מען דאָס געבן די בהמות... אַ פֿערד וואָלט דאָס ניט געגעסן.

— הער זוסמאַן, באַמיט זיך אײַנשלאָפֿן. מיר דאַרפֿן שוין באַלד גיין צו דער אַרבעט.

ס'האָט זיך דערהערט נאָך אַ שטימע:

— יאַ יעסטעם פּאַן טוואַרדאָווסקי — האָט די שטים גערעדט אויף פּויליש. — יאַ ראָזומיעם צאָ ווי מוּוויטשע (איך פֿאַרשטיי וואָס איר רעדט). כ'ווייס ניט וואָס איר, יידן, טוט דאָ אויף דער באַליניע. בײַ אונדז האָבן יידן געהאַט שניטקראָמען, באַקאַליי־קראָמען, שענקען, געלעבט אין צענטער פֿון שטעטל, אַרום מאַרק... איך בין אַ פּויער. דאָ האָב איך ניט קיין ערד, האָב איך געמוזט קומען אַרבעטן אויף דער ליניע... אָבער דו ביסט דאָך אַ ייִד. ווי קומט עס אַז יידן זאָלן אַרבעטן אויף דער באַליניע? לאָמיר אײַנשלאָפֿן, זאָל זײַן שטיל... מען דאַרף שוין באַלד גיין צו דער אַרבעט. — אין פּאַלאַטקע איז געוואָרן שטיל.

דער פערדהענדלער האָט נאָך אַ פּאָר מאָל אַ קרעכץ געטאָן און פאַר־שוויגן געוואָרן.

פון דרויסן האָט זיך געהערט דער רויש פון די קוסטעס, פוןביימער, דאָס אַריבערפליִען פון אַ פויגל פון איין צווייַג צום צווייטן. די מידע אויסגעהאָרעוועטע מענטשן, וואָס האָבן איבערגעלאָזט זייערע היימען און געפּאָרן זוכן נייַע וועגן אין לעבן, האָבן געררוט אין די פאַרצווייַגטע וויל־דענישן פון דער אָריענטע פּראָווינץ אויפן קובאַנער אינדזל.

*

די טעג האָבן זיך געצויגן ווי פּעך, די נעכט זייַנען געווען הייסע, דושנע, פאַרמאַטערנדיקע. די ערד אין די פּאַלאַטקעס פלעגט זיך אָנברענען דורכן טאָג און בייַ נאַכט דאָס אַרויסגעבן צוריק. דער פאַרפוילטער ריח פון די געטריקנטע קוסטעס האָט געשטיקט. די מענטשן האָבן געאַרבעט פאַרטרויערטע, יעדער פאַרטאָן אין זיך. זיי האָבן ניט אויפגעהערט צו טראַכטן ווי זיך צו באַפרייַען פון דער שקלאַפערייַ און געשפּונען זייערע פּלענער פאַר אַ לייַכטער לעבן.

איין פרימאָרגן האָט זיך דורכן וואַלד, דורך די קוסטעס, דורכגעריסן ליכט. אַ פלאַך פעלד האָט זיך געצויגן בייַם סוף פון די ווילדענישן. קיינער האָט ניט געוווּסט צי מען וועט דאָרט אָפּשטעלן די אַרבעט צי מען וועט גיין ווייַטער. די אָפענע פעלדער האָבן לייַכטער געמאַכט דאָס געמיט. ווען די גרופּע וואָס האָט גערייניקט די ווילדגעוויקסן האָט זיך דערנענ־טערט, האָבן זיי געזען, אַז מען בויט שאָפּעס. מען בויט אַ טאַרטאַק אויף צו שנייַדן האָלץ. אַ זאַמדיקער וועג האָט זיך געצויגן בייַ דער זייַט פון דעם פעלד.

די רייניקער האָט מען אַריבערגעפירט צו דער הינטערשטער גרופּע זיי זאָלן אָנפילן דעם זאַמד און אויסגלייַכן דעם וועג. באַלד האָט מען אָנגע־הויבן לייגן שפּאַלן, דיקע, פּירקאַנטיקע קלעצער, און ווידער אָנשיטן שטיינדלעך צווישן די שפּאַלן זיי זאָלן זיך האַלטן שטאַרקער און זיכערער בעת די שווערע וואַגאָנעס פון דער באַן וועלן לויפן איבער זיי.

שלמהקע האָט געקוקט אויף די געהובלטע פּירקאַנטיקע שפּאַלן וואָס

מען האָט געלייגט און געטראַכט: „אפשר שטאַמען זיי פון די וועלדער אַרום יאַגוסטאָוו, אפשר זײַנען זיי געשוואומען אין פּליטן איבער דער באַברע, דער טײַך אָוו איך האָב פאַרבראַכט מײַנע יוגנט־יאָרן". און אַלץ וואָס שלמהקע האָט דערקענט אַ שפּור פון זײַן היים איז אים געווען ליב. ער האָט אַ סך מאָל געטראַכט וועגן דעם כּוח וואָס האָט אים צוגעבונדן צו זײַן היים און עס פאַרענטפערט: „איך האָב דאָרטן מײַן טאַטע־מאַמע, איך האָב דאָרט געזען אויפגיין די זון און פאַרגיין אין פלאַמען... איך האָב אויסגעשווומען אַלע ווינקלעך פון דער גרויסער באַברע, איך האָב דאָרטן דערשפּירט מײַנע ערשטע ליבע־פאַרלאַנגען, איך האָב דאָרטן אַרײַנגע־זאַפּט אַלץ וואָס איך ווייס..."

— וואָס שטייסטו? — האָט ער דערהערט דעם קול פון אויפזעער. ער האָט שוין גוט געקענט די שטימע און פאַרשטאַנען די שפּאַנישע ווער־טער. אָט די זײַנען דאָך געווען די ערשטע ווערטער וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט.

— ס'וועט דיר אַראָפּפאַלן אַ שפּאַל אויפן פוס, וועסטו וויסן וויפל ער וועגט...

ער האָט זיך מיט אימפּעט אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט.

*

שלמהקע האָט זיך באַפרײַנדעט מיט די מענטשן פון זײַן גרופּע, וואָס האָבן געאַרבעט בײַם בויען די ליניע. זיי האָבן זיך צו אים גוט באַצויגן און געהאַלטן אים פאַר אַ געלערנטן. דער ליטווישער לערער, מיטן אײדעלן פּנים, האָט זייער געלויבט שלמהקען פאַר די אַנדערע.

דער פּאָליאַק טוואַרדאָווסקי האָט דערציילט שלמהקען אַז אַלע זונטיק פאָרט ער אין שטאָט. שלמהקע האָט זיך גלײַך געכאַפּט אַז דערפאַר איז טוואַרדאָווסקי זונטיק בײַ נאַכט שיכּור... שלמהקע האָט אים געבעטן ער זאָל אים מיטנעמען, ער וויל פאָרן אין שטאָט, ער וויל זיך באַקענען מיט דער שטאָט.

זונטיק פאַר טאָג האָט שלמהקע מיט טוואַרדאָווסקין און נאָך איינער פון די אַרבעטער, זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ וואָגן און אַוועקגעפאָרן אין

שטאָט. לויט די פאַרדינסטן פון די אַרבעטער אויף דער ליניע איז דאָס פאָרן אין שטאָט געווען אַ לוקסוס — צוויי דאָלער אַהין און צוריק. שלמהקע האָט אָבער געהאַט אַ פאַרלאַנג אַרויס פון דער עלנטקייט, אַרויס פון דער שווערער טאָג־טעגלעכקייט, און זיך כאַטש אויף אַ ביסל באַפרייַען, זאָל זייַן אויף אַ טאָג. געוואָלט האָט ער אויך זיך אייַנשאַפן אַ ווערטערבוך, וועט ער אפשר צו ביסלעך דערלערנען די שפּראַך.

די שטאָט איז אים זייער געפעלן — דער גרויסער פּאַרק מיט פונאַנדערגעבליטעביימער אין צענטער, די מאַרמאָרנע בענק אַרום דעם פּאַרק, די ריינקייט אויף די גאַסן, די געפּאַרבטע מויערן, די אויסגעשטעלטע סחורות אין די גרויסע שויפענצטער האָבן אים אויסגעקוקט רייַך און שיין.

זונטיק זייַנען די קראָמען פאַרמאַכט, נאָר עטלעכע קאַפעהייַזער און די אַרייַנגענג צו די צוויי קליינע האָטעלן אויפן ווינקל זייַנען געווען אָפן. אַרייַנגערוקט אין אַ גאַס, אין איינעם פון די ווינקלען פון פּאַרק, איז געשטאַנען אַ גרויסער קלויסטער.

פאַרבייַגייענדיק האָט שלמהקע דערזען אויסגעלייגט צייַטונגען אויף אַ באַנק. ער איז צוגעגאַנגען און אין זיי אַרייַנגעקוקט. ער האָט איבערגעלייענט די נעמען און געטראַכט — אפשר וואָלט ער געדאַרפט קויפן אַ צייַטונג. ער האָט אַ שמייכל געטאָן אין זיך... „ווען איך ווייס אַז איך וועל פאַרשטיין, אַז די צייַטונג וועט מיך דערנענטערן צו די מענטשן, וואָלט איך געקויפט צוויי...". ס'איז אים געוואָרן אומעטיק. ער האָט זיך דערפילט פרעמד צו אַלץ וואָס האָט אים אַרומגערינגלט. ער האָט זיך אָפּגערוקט פון די צייַטונגען, זיך אַרומגעקוקט און שווער אָפּגעאָטעמט. דערמאָנט זיך וועגן ווערטערבוך, איז ער צוריקגעקומען צו דער באַנק און געפּרוווט אויפקלערן דעם אַלטן צייַטונגס־פאַרקויפער אַז ער וויל קויפן אַ ווערטערבוך. דער אַלטער האָט אָנגעשטרענגט זייַן צעקנייטשט פּנים, צעעפנט די אויגן, נאָר ער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס מען וויל פון אים.

שלמהקע האָט אַזוי געוואָלט, אַז דער צייַטונגס־פאַרקויפער זאָל אים פאַרשטיין. „איך וויל מען זאָל מיך פאַרשטיין. שטומע ריידן דאָך אויך און לאָזן זיך פאַרשטיין". ער האָט צונויפגעלייגט די הענט, פאַרמאַכט די

אויגן און זיך אָנגעהויבן שאָקלען וויבײַ אַ תּפילה, ווי בעת מען דאַוונט. דער אַלטער מולאַט האָט אַ געשריי געטאָן פֿאַר פֿרייד און אָנגעהויבן שאָקלען מיטן קאָפּ. ער ווייס שוין וואָס שלמהקע וויל. ער זוכט אַ געבעט־הויז און ער האָט אים אָנגעוויזן אויף דער קירכע אויפֿן ווינקל פֿון פּאַרק אין דעם אַרײַנגאַנג צו דער שמאָלער גאַס.

דער אַלטער האָט מיך ניט פֿאַרשטאַנען — האָט שלמהקע געטראַכט — נאָר אפשר איז ער גערעכט... ער איז צוגעקומען צו דער קירכע, אַרויף אויף די צעמענטענע טרעפּ און געבליבן שטיין אין דער אָפֿענער טיר. ער האָט אַרײַנגעקוקט אינעווייניק און דערזען די אָנגעצונדענע ליכט אַרום אַלטאַר.

ס'איז צוגעקומען צו אים אַ קלויסטערמאַן און אים עפּעס געפֿרעגט. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ בוך. שלמהקע האָט זיך דערפֿרייט. איצט קען ער אים אָנווײַזן וואָס ער זוכט. ער האָט זיך פֿאַרבייגט און מיטן פֿינגער אָנגעוויזן אויפֿן בוך און צוגעטראָגן די פֿינגער צום מויל. דער קלויסטערמאַן האָט אים פֿאַרשטאַנען. איבער זײַן פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ צופֿרידן שמייכל:

— דו זוכסט אַ ווערטערבוך — האָט ער צו שלמהקען געזאָגט אויף דײַטש.

שלמהקע איז געוואָרן איבערראַשט. ער האָט זיך אַזש פֿונאַנדער־געלאַכט.

— איך דאַרף אַ ווערטערבוך זיך צו לערנען די שפּאַנישע שפּראַך — האָט ער געזאָגט האַלב אויף דײַטש, האַלב אויף ייִדיש.

— פֿון וועלכן לאַנד קומט איר ?

— פֿון פּוילן.

— אָ, פֿון פּוילן, אַ קאַטויליש לאַנד...

— יאָ, האָט שלמהקע געענטפֿערט, איך בין אָבער אַ ייִד.

— קענסטו העברעיִש ?

— יאָ !

דאָס פּנים בײַם אַלטן מאַן איז געוואָרן ערנסט. ער האָט אַ טראָט געטאָן פֿאָרויס און מיט טיפֿער פֿאַרטראַכטקייט געזאָגט :

— איך בין געבוירן אין שפּאַניע. דאָרטן האָב איך געלערנט אין אַ קאַטוילישן סעמינאַר. מען האָט אונדז געלערנט העברעיִש מיר זאָלן קענען לערנען אין אָריגינאַל דעם אַלטן טעסטאַמענט.

ער איז גלײַך, אָן קווענקלעניש, איבערגעגאַנגען צום ריידן העב־רעיִש. שלמהקע האָט אָפּגענומען דער לשון... אַ גלח אין אַ פּאַרוואָרפּענער שטאָט, אויפן קובאַנער אינדזל, רעדט צו אים זײַן לשון, העברעיִש. ער שווײַגט אַ ווײַלע ביז ער קומט צו זיך און ער שרײַט אויס:

— דאָס איז דאָך אַ נס! איך בין דאָ אַ פרעמדער, קיינער פאַרשטייט מיך ניט און איך פאַרשטיי קיינעם ניט, אויסער עטלעכע ווערטער בײַ דער אַרבעט, און דער אַלטער צײַטונגסמאַן האָט מיך געשיקט אַהער, ניט וויסנ־דיק וואָס איך פרעג בײַ אים... און דו רעדסט ביידע לשונות וואָס איך פאַרשטיי.

דער גלח האָט זיך מיט וואַרעמקייט צעשמייכלט און געזאָגט:

— דו ביסט אַ ייִד, מעג איך דיר זאָגן: דײַן פאָלק האָט דורכגע־מאַכט שווערע נסיונות און דורך ניסים געבליבן לעבן און לעבט און וועט לעבן... איך ווייס גוט אײַער געשיכטע און האָב גרויס רעספּעקט פאַרן ייִדישן וויסן.

שלמהקע האָט דעם גײַסטלעכן דערציילט, אַז ער אַרבעט בײַ דער באַנליניע וואָס מען בויט, אַז ער איז עטלעכע מאָנאַטן דאָ אין לאַנד און פילט זיך זייער איינזאַם, אַז ס׳פעלן אים ווערטער אויסצודריקן זײַן פרייד פאַר דער הײַנטיקער באַגעגעניש.

דער גלח האָט אויסגעהערט שלמהקען אויפמערקזאַם און ווי פאַרבײַ־גייענדיק אים אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב פאַרבראַכט עטלעכע יאָר אין וואַטיקאַן. דאָרטן האָב איך זיך באַקענט מיט אַ פּוילישן גײַסטלעכן. איך האָב אים געלערנט שפּאַניש און ער האָט מיך געלערנט פּויליש — כ׳רעד און פאַרשטיי אַ ביסל פּויליש.

ס׳האָט אים צערודערט, שלמהקען. טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זײַנע אויגן.

— אָ, טײַערער פרײַנד, איך פאַרשטיי זייער גוט ווי דו פילסט זיך אין דײַן איינזאַמקייט און דײַן פרייד וואָס דו האָסט געטראָפן אַ מענטשן

צו וועמען צו רעדן... זאָג מיר אין וואָס פאַראַ שפּראַך דו ווילסט דאָס ווערטערבוך. איך האָב אַ שפּאַניש־העברעיִשן ווערטערבוך. כ׳וועל דיר אים באַרגן. דעם קומענדיקן זונטיק פאַר איך קיין וויקטאָריאַ דע לאַס טונאַס. איך וועל דאָרט אָפּהאַלטן אַ „מיסאַ". דאָרטן וועל איך קריגן פאַר דיר אַ שפּאַניש־פּוילישן ווערטערבוך. דאָס וועט זײַן מײַן געשאַנק דיר.

שלמהקע האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג צו שטיין און ריידן אָן אַ סוף. ער האָט שטענדיק געהאַט אַ ווידערגעפיל צו גלחים. ער האָט געוווּסט אַז גלחים האָבן אָנגעטאָן ייִדן צרות אין שטעט און שטעטלעך, אַז זיי פלעגן דערציילן די פּויערים אַז די ייִדן האָבן געקרייצט זייער גאָט און דערפאַר דאַרף מען זיך נוקם זײַן אין זיי, און דאָ שטייט ער מיט אַ קאַטוילישן גלח און וויל ניט אַוועקגיין.

— קענסט קומען ווען דו ווילסט. די טירן פון דעם הויז זײַנען פאַר דיר אָפן... — האָט דער גלח פרײַנדלעך געזאָגט און דערבײַ דערלאַנגט שלמהקען דאָס ווערטערבוך.

זיי האָבן זיך געזעגנט ווי אַלטע באַקאַנטע, ווי גוטע פרײַנד.

בײַם אַראָפּגיין פון די ברייטע צעמענטענע טרעפּ האָט שלמהקען ניט אָפּגעלאָזט „וואָס טראַכט דער גלח? וואָס האָט ער אין זינען?".

*

איין זונטיק אין דער פרי האָבן די מענטשן וואָס זײַנען אַרויסגע־קומען פון דער פּאַלאַטקע דערזען אויפן זאַמדיקן וועג, ניט ווײַט פון דער ליניע וואָס מען בויט, זיך אָפּשטעלן אַ „קיטרין" *, געשפּאַנט צו אַ ברוינעם גלאַנציקן פערד. פון „קיטרין" איז לאַנגזאַם אַראָפּגעגאַנגען אַ גײַסטלעכער און זיך געלאָזט גיין צו זיי. טוואַרדאָווסקי, דער פּאָליאַק, איז צוגעלאָפן צום גלח, אײַנגעבויגן זײַן גאַנצן קערפּער און געקושט דעם צלם וואָס ער האָט געטראָגן.

— פּאַניע קשיאַנדזשו! (הער גײַסטלעכער) וואָס ברענגט דיך אַהער אַזוי פרי?

* „קיטרין" איז אַ בריטשקע מיט צוויי רעדער.

דער גלח האָט געענטפערט טוואַרדאָווסקין אויף פּויליש:

— איך בין געקומען זען פּאַנאַ שלאָמקאַ.

דער פּאָליאַק האָט אַן איבערראַשטער זיך איבערגעצלמט. דער ליט־ווישער לערער איז צוגעקומען און געגעבן דעם גלח די האַנט.

שלמהקע איז אַרויסגעקומען פון דער פּאַלאַטקע אָנגעטאָן אין זײַן פּאַר־מאַכטן רעקל מיטן הויכן קאָלנער, וואָס ער האָט געבראַכט פון דער היים. ער האָט אויסגעזען צעשראָקן און פאַרווונדערט. ער איז צוגעקומען צום גלח, וואָס האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט.

— איך האָב דיר געבראַכט אַ שפּאַניש־פּוילישן ווערטערבוך און אַ שפּאַניש־ייִדישן וואָס איז דערשינען אין אַרגענטינע. דאָס האָב איך געקראָגן בײַ מײַנעם אַ פרײַנד, אַ גלח, וואָס איז פון דאָרטן געקומען.

— גראַסיאַס, גראַסיאַס! — האָט שלמהקע איבערגעחזרט אין שפּאַניש און זיך פאַרנייגט פאַרן גײַסטלעכן.

די מענטשן אַרום האָבן מיט נײַגער זיך צוגעקוקט צו דער פרײַנד־לעכער באַגעגעניש צווישן דעם קאַטוילישן גײַסטלעכן און ייִדישן בחור.

— ווילסט זיך אפשר דורכפאָרן אין „קיטרין" איבער דעם זאַמדיקן וועג? האָט דער גלח אַ פרעג געטאָן שלמהקען, און געבנדיק זײַן ברכה צו די מענטשן — זײַט אַלע באַגליקט! — איז ער געגאַנגען צו דער בריטשקע.

דער גלח האָט אויסגעפרעגט וועגן לעבן פון ייִדן איבער דער וועלט. אויפגעהערט ריידן, געשוויגן אַ לאַנגע ווײַלע, ווי ער וואָלט זיך אויף עפּעס פאַרטראַכט. ער האָט אָפּגעשטעלט די בריטשקע, אָנגעקוקט שלמהקען און אַ זאָג געטאָן:

— לויט ווי מײַן זיידע האָט מיר דערציילט שטאַם איך פון ייִדן. מיר זײַנען „טשעועטאָס", שפּאַניאָלן וואָס שטאַמען פון מאַראַנען. מיר עסן ניט קײַן חזיר־פלייש.

ביידע האָבן לאַנג געשוויגן.

קאַפּיטל פינף

די אַרבעט אויף דער באַן

די זומערטעג זײַנען געשטאַנען ברענענדיק־הייסע. די זון האָט געבריט מיט פײַער. די אײַזערנע קאַסקעטן וואָס די אַרבעטער האָבן געטראָגן פלעגן זיך אָנברענען און סמאַליען די הויט אויפן קאָפּ. די אויפזעער האָבן געביטן די אַרבעטס־שעהן. מען פלעגט אָנהייבן אַרבעטן גאָר פרי, איבעררײַסן אין מיטן טאָג. פיר אַ זייגער האָט מען פון דאָס נײַ זיך געשטעלט אַרבעטן ביז פינצטער.

אין מיטן טאָג איז געווען אוממעגלעך אַרײַנצוגיין אין דער פּאַלאַטקע. די מענטשן האָבן געזוכט אַ שאָטן פון אַ בוים, נאָר דיביימער האָבן ניט געהאַט קיין שאָטן. די זון איז געשטאַנען אין מיטן הימל און אָנגעגליט אַלץ אויף וואָס אירע שטראַלן זײַנען געפאַלן.

שלמהקע האָט זיך געפילט אַנטמוטיקט, ווי ער וואָלט זיך צעגאַנגען, זיך צעשאָטן אין אַש אונטער דער ברענענדיקער זון. אין איינעם אַ פאַר־טאָג, זיצנדיק אויף אַ שטיין בײַ דעם געצעלט און אַרײַנאָטעמנדיק דאָס קילע ווינטל וואָס האָט זיך געטראָגן פון די בערג, האָט עס אים ווידער געמאַטערט: „איך וועל דאָ אומקומען. גענוג, שוין נײַן מאָנאַטן. איך האָב גאָרניט געטראַכט אַז איך וועל דאָ זײַן אַזוי לאַנג...". נאָך דעם ווי די שכנים זײַנען אַוועק צו דער אַרבעט איז ער צוריק אַרײַנגעגאַנגען און זיך געזעצט אויפן בעטל.

דער אויפזעער איז געקומען צו לויפן זען וואָס ס'איז געשען מיט אים. שלמהקע האָט אים געזאָגט:

— איך אַרבעט ניט מער, איך פאָר אַוועק.

— וווּ פאָרסטו ?

— כ'ווייס ניט, ווּ די פיס וועלן מיך טראָגן. נאָר דאָ אונטערן פײַער פון דער זון קען איך מער ניט אַרבעטן.

— קום מיט מיר, וועסטו רעדן מיטן אינזשעניר.

דער ביוראָ האָט זיך געפונען אין אַ פּאַלאַטקע לעבן עסצימער. גלײַך

ווי ער איז אַרײַן האָט ער דערפילט אַ קילקייט. ס׳האָט זיך דערהערט דאָס פּליוכען פון וואַסער...

— וואָס איז געשען? — האָט אים געפרעגט דער אינזשעניר וואָס איז געזעסן בײַ אַ שרײַבטיש.

— איך וויל מער ניט אַרבעטן, איך קען מער ניט אַרבעטן אונטער דער ברענענדיקער זון.

— האָסט אָפּגעאַרבעט די הייסטע מאָנאַטן און איצט אַז ס׳ווערט קילער גייסטו אַוועק! האָסט שוין אַן אַנדער אַרבעט?...

— איך האָב ניט... איך וועל קריגן.

— ווילסט איך זאָל דיר קריגן אַן אַרבעט?

— אויב ניט ערגער ווי די. — האָט שלמהקע אַ שמייכל געטאָן.

— האָסט זיך אויסגעלערנט שפּאַניש — האָט געשמייכלט דער אינזשעניר. — איך האָב פאַר דיר אַן אַרבעט. מען צאָלט טאָפּלט ווי דאָ. וועסט דאַרפן אָנשליסן און אָפּשליסן די וואַגאָנעס פון דער באַן אויף די סטאַנציעס, ווײַט פון דאַנען, צווישן קאַמאַגוויי און סאַנטאַ קרוז.

דער אינזשעניר האָט אים געוויזן אַ בילד פון אַ באַן און אויפגע־קלערט וואָס זײַן אַרבעט וועט זײַן.

שלמהקע האָט אים אָנגעקוקט. ער האָט זיך געוואָלט איבערצײַגן אַז די נײַע אַרבעט וועט ניט זײַן ערגער פון דער וואָס ער פאַרלאָזט. ער האָט געקוקט אויפן בילד, אויפן אינזשיניער און געטראַכט וואָס צו ענטפערן.

— איך וויל פּרוּוון.

„זיך אַרויסרײַסן פון דאַנען... כ׳וועל פאַרדינען מער וועל איך אָפּ־שפּאָרן מער" — איז אים פּלוצלינג אײַנגעפאַלן.

— יע — האָט ער איבערגעחזרט — מען וועט מיר זיכער אויסלערנען וואָס איך האָב צו טאָן.

— וועסט פּראַקטיצירן מיט אַן אינסטרוקטאָר.

— ווען דאַרף איך פאָרן?

— הײַנט! — האָט דער אינזשעניר געענטפערט.

שלמהקע האָט זיך אַרומגעקוקט. דער אויפזעער וואָס האָט אים

געבראַכט אין ביוראָ איז שוין ניט געווען. ער האָט זיך צוגערוקט נעבן־טער צום שרײַבטיש.

— איך האָב מײַן אָפּגעשפּאָרט געלט... ווּ קען איך דאָס באַהאַלטן? איך האָב שוין פון לאַנג דיך געוואָלט פרעגן.

דער אינזשעניר האָט אָנגעקוקט שלמהקען:

— פאַר וואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט, מען האָט דאָס געקענט בײַ דיר אַרויסנעמען...

— ס׳וואָלט געווען אַ גרויסער ווייטיק — האָט שלמהקע גערעדט ווי צו זיך אַליין. די שווערע בלוטיקע פּראַצע פון נײַן חדשים. ניט געווען אויף וואָס אויסצוגעבן... אַלע האָבן געוואָשן זייערע העמדער אין די זונ־טיקס, האָב איך זיך אויך אויסגעלערנט.

— אַז דו וועסט אָנקומען אין קאַמאַגואיי זאָלסטו אַרײַנגיין אין דער נאַוואָ סקאָשיאַ באַנק. דאָ גיב איך דיר דעם אַדרעס. זאָג זיי אַז דו אַר־בעטסט אויף דער באַן. וועסטו דאָס דעפּאָזיטירן. זיי וועלן דיר אַרויסגעבן אַ באַנק־ביכעלע. דאָס איז אַן אָפּשפּאָר־קאָנטע. זיי וועלן דיר צאָלן פּראָ־צענט פאַר דעם געלט.

דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס שלמהקע הערט די אַלע טערמינען. די באַנק־פּראָצעדור וואָס צאָלט געלט פאַר דעם געלט אַנשטאָט צו נעמען אַן אָפּצאָל פאַרן היטן דאָס! ער האָט אַ ווײַלע געצווייפלט, געהאַט עפּעס אַ חשד צום גאַנצן ענין. דער ענגלענדער האָט געשמייכלט.

— וויפל שפּראַכן רעדסטו?

— איך פאַרשטיי פיר שפּראַכן... ניט גוט, אָבער גענוג זיך צו פאַר־שטענדיקן.

— מיט שפּאַניש וועסטו זיך קענען פאַרשטענדיקן אין פינף שפּראַכן. האָסט אָפּגעאַרבעט נײַן מאָנאַטן. איצט שיק איך דיך אויף אַ צווייטער אַרבעט...

ס׳האָט זיך געפילט ווי דער אינזשעניר וואָלט עפּעס געוואָלט זאָגן און זיך געצוימט.

— דו וועסט ניט פאַרלוירן גיין... איך ווינטש דיר אַ סך גליק. זאָלסט זיך היטן בײַ דער אַרבעט און פאַר מענטשן אויך...

דער אינזשעניר האָט אים נאָך שאַרפער אָנגעקוקט, אָנגעקוקט מיט אַ בליק פון באַוווּנדערונג.

*

די אַרבעט אָנצושליסן די וואַגאָנען איינער צום צווייטן איז אַ ריזי־קאַלישע, אַ געפערלעכע. נאָך איידער די באַן שטעלט זיך אָפּ, דאַרף מען שוין שטיין צווישן די צוויי וואַגאָנען, אַרויפוואַרפן דעם שווערן אײַזערנעם הוקקייטל צום צווייטן וואַגאָן. אַן אינסטרוקטאָר האָט אים עטלעכע מאָל געוויזן ווי מען דאַרף דאָס טאָן:

— דו מוזסט שטיין אַלע מאָל אויפן זעלבן פּלאַץ, צווישן די רעלסן, צו האָבן פּלאַץ אָנצונעמען דעם קרוק און זײַן אָפּגעהיט ניט צו ווערן פאַרכאַפּט פון די טאַצן וואָס לאָזן ניט צו נענטער איין וואַגאָן צום צווייטן.

שלמהקע האָט זיך אין אַ פּאָר טעג אויסגעלערנט די מלאָכה. ער האָט דאָס געטאָן זייער געשיקט. ער האָט זיך גלײַך אָפּגעגעבן אַ חשבון ווי גע־פערלעך די אַרבעט איז. און כאָטש ער איז גיך געוואָרן געניט אין דער אַרבעט, האָט אים ניט אָפּגעלאָזט דער געדאַנק, אַז איין טאָג וועלן די טאַצן אים אַרײַנכאַפּן און צעקוועטשן ווי אַ נוס. ס'וועט פון אים קיין זכר ניט בלײַבן. קיינער וועט אַפילו ניט וויסן ווו ער איז אומגעקומען.

שלמהקען איז באַלד פון דעם ערשטן טאָג אײַנגעפאַלן אַז ער דאַרף איבערלאָזן די אַרבעט, ער טאָר דאָ ניט שטיין. אַן איינערלעכער שרעק פאַר דער געפאַר האָט געהאַלטן שלמהקען אין אומרו. ס'איז אים אָבער געווען אַ שאָד דער דרײַדאָלערדיקער טאָגגעהאַלט. האָט ער זיך געפּרוווט באַרויִקן, צוגעבן זיך אַליין מוט און אויסדויער. „ווײַל קיין צווייטע אַרבעט וועסטו אפשר ניט קריגן". דאָ האָט שלמהקע געוווינט אין אַ באַקוועמען צימער, ער האָט זיך שוין צוגעוווינט צו די מאכלים... ס'איז געווען אַ שאָד איבער־צולאָזן דאָס אַלץ.

אין די פרײַע זונטיקס האָט שלמהקע אַרומשפּאַצירט איבער קאַמאַגוּאיי. ער האָט געוווּסט אַז דאָרטן זײַנען דאָ עטלעכע יידישע געשעפטן וואָס פאַר־קויפן צו פּעדלער און קליינע קרעמער אין די שטעטלעך אַרום קאַמאַגוּאיי. ער האָט געבענקט נאָך יידן... נאָר גיין זיי זוכן האָט ער ניט געוואָלט.

איין טאָג האָט מען אים אָנגעזאָגט אַז ער דאַרף אַרבעטן נאָך פיר שעה. דער וואָס דאַרף אים פאַרבײַטן קען ניט קומען. ס'האָט אים אויפגע־בראַכט און ער האָט געצאַרנט פון פאַרדראָס. „צוועלף שעה, ביז בײַ נאַכט. ס'זײַנען מיר שווער און איבעריק די אַכט שעה, גיט מען מיר צו נאָך...". ער איז געבליבן אַרבעטן די פיר שעה.

שלמהקע האָט זיך דעם גאַנצן טאָג געפילט אומרויִק און פאַראומערט. ס'זײַנען פאַר אים אויפגעשוווּמען געדאַנקען פון וואָס ער האָט שוין לאַנג ניט געטראַכט — ער ווייסט ניט ווען ס'פאַלן אויס די יִדישע יום־טובים. אפשר איז הײַנט אַ יִדישער יום־טוב... אַ שווערער טאָג פון מחשבות און בענקשאַפט. ער איז אַהיימגעקומען שפּעט בײַ נאַכט, זיך אַ וואָרף געטאָן אַ מידער אויף זײַן בעטל און אײַנגעשלאָפן.

דער שלאָף איז געווען אַן אומרויִקער און קאָשמאַרנער. אָט זעט ער פרײַטיק צו נאַכט, די מאַמע בענטשט ליכט. „דו זאָלסט זיך אָפּהיטן פון שלעכטע מענטשן. זאָלסט זײַן פאָרזיכטיק בײַ דער אַרבעט. דו ביסט אַן אָפּטער גאַסט בײַ אונדז... דו קומסט מיר צו חלום...". שלמהקע הערט דער מאַמעס קול. ער איז בײַ זיך אין דער היים. ער כאַפּט זיך אויף. דאָס, וואָס ער האָט געזען און געהערט איז אַזוי נאָענט, אַזוי נאָענט. ער עפנט די אויגן אויף אַן אויגנבליק און ווערט צוריק אַנטשלאָפן.

ווידער זעט ער זיך ווי ער טראָגט אַ שווער זעקל קאָרן אויף זײַנע פּלייצע. ער גייט פון נאָענטן דערפל בעדנאַרקע. אַ שגץ רייצט אַן אויף אים אַ גרויסן הונט און אַליין שטייט ער הינטערן פאַרקאַן און לאַכט. דער הונט איז אים באַפאַלן. אָנגעהויבן בײַסן פאַרן פוס, רײַסן פאַר די הויזן, שפּרינגען צום זעקל. שלמהקע דערפילט אַז דער זאַק רײַסט זיך, אַז דער קאָרן שיט זיך אַרויס. ער וויל אַנטלויפן און קען ניט... זײַנע פיס זײַנען פאַרגליווערט. ער וויל שרײַען און קען ניט. ער האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס זעקל אויפן הונט און אַליין זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים. געשטיקט דעם הונט מיט זײַן קערפּער און מיט דער משא פון זעקל. דער שגץ האָט מורא געהאַט צוצוקומען... שלמהקע האָט דערפילט אַז ער האָט דער־שטיקט דעם הונט... ער האָט זיך אַ פאַרמאַטערטער, אַ דערשעפּטער אויפ־געכאַפּט.

פאַר וואָס איז צו מיר געקומען דער בייזער חלום? אַזוי קלאָר ווי איך האָב געזען אַלע הײַזער אויף יענער גאַס, די פאַרצאַמטע גערטנער וואָס ציִען זיך ביז צום טײַך, דעם גרויסן טאַרטאַק, דעם באַרג־אַרויף צום שטעטל... ווי קען אַ חלום דיר ברענגען איבערגעלעבטע טעג?

שלמהקע איז אַזוי אָפּגעלעגן לאַנגע שעהן. אַ העלקייט האָט אָנגעהויבן אַרײַנשלאָגן דורכן פענצטער פון זײַן צימער און פאַרטריבן זײַנע שווערע געדאַנקען. ער איז איבער אַ נײַס אײַנגעשלאָפן.

*

שלמהקע האָט אַ ווילדן געשריי געטאָן. ער האָט אויפגעריסן די אויגן און מיט די הענט זיך באַטאַפּט. ער האָט געוואָלט זיך איבערצײַגן צי דאָס איז אַ חלום. ער איז געשטאַנען צווישן די רעלסן ווי אַלע מאָל. אויפן ריכטיקן פּלאַץ. פּלוצלינג האָט זיך דער פוס אַ גליטש געטאָן אויף אַ שטיינדל. די טאַצן וואָס טיילן אָפּ איין וואַגאָן פונעם צווייטן האָבן אים אַרײַנגעכאַפּט און צעקוועטשט. ווען די וואַגאָנען האָבן זיך אָפּגערוקט איז ער אַ צעדריקטער אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. פאַלנדיק האָט זיך שלמהקע אויפגעכאַפּט. „דאָס האָט מען מיר אָנגעזאָגט אײדער ס'איז צו שפּעט... מער גיי איך ניט צו דער אַרבעט!" — האָט ער צו זיך גערעדט אויפן קול.

שלמהקע איז אַוועק זען דעם פאַרוואַלטער אויף דער סטאַנציע און אים זאָגן אַז ער קען הײַנט ניט אַרבעטן...

דער פאַרוואַלטער איז אַראָפּגעקומען שפּעט. שלמהקעס אָנמעלדונג האָט אים זייער אויפגעבראַכט.

— דו קענסט ניט איבערלאָזן די אַרבעט, איך האָב ניט קיין צווייטן.

— איך קען ניט אַרבעטן...

— בעסער זאָג זיך אָפּ אין גאַנצן!

— גוט, אָפּגעמאַכט! דאַרף איך עפּעס אונטערשרײַבן?

דער פאַרוואַלטער האָט געביטן זײַן שאַרפן טאָן. דאַרפסט פאַרשטיין מײַן לאַגע. ס'פאַלט אויף מיר די פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

— כ'פאַרשטיי דאָס זייער גוט, נאָר פריִער פון אַלץ מוז איך זײַן פאַראַנטוואָרטלעך צו זיך...

דער פּאַרוואַלטער האָט אים אָנגעקוקט.

שלמהקע האָט אַ טראַכט געטאָן: „דאָס איז די בעסטע געלעגנהייט צו פאַרענדיקן".

שלמהקע איז אַרויס פון דער סטאַנציע אַ באַרויִקטער. זײַנע אָנגעשטרענגטע נערוון, די שרעק פאַר דער געפאַר האָבן נאָכגעלאָזט. ער האָט זיך אומגעקערט צו זײַן צימער. „כ׳וועל אַ ביסל שלאָפן וועט מיר זײַן גרינגער צום טראַכטן".

בײַם עפענען די טיר פון צימער האָט ער אויף דער פּאָדלאָגע באַמערקט אַ קאַרטל, אַן אָנזאָג פון פּאָסט, אַז ער האָט אָפּצונעמען אַ רעגיסטרירטן בריוו.

— פון וועמען קען דאָס זײַן, ווער האָט מײַן אַדרעס? איך האָב דאָך פאַר דער גאַנצער צײַט קיינעם ניט געשריבן, אַפילו ניט מײַן מאַמען... איך בין דאָך פאַר אַלעמען אַ פאַרלוירענער...

שלמהקע איז גלײַך אַוועקגעגאַנגען אָפּנעמען דעם בריוו: סטענלי ווילסאָן, דער אינזשעניר אויף דער באַנליניע, פון האָטעל „ניו־יאָרק" אין באַיאַמאַ וווּ ער וווינט. ער איז געווען איבערראַשט. ער האָט געוואָלט וויסן וואָס ער שרײַבט. ס׳איז אים געווען אַ שאָד צו צערײַסן דעם קאָנווערט... „דער אינזשעניר סטענלי ווילסאָן שרײַבט צו מיר...". ער האָט געבעטן בײַם פּאָסט־אָנגעשטעלטן ער זאָל אים באָרגן אַ מעסערל צו עפענען דעם קאָנווערט.

שלמהקע האָט זיך אַוועקגעשטעלט בײַם פענצטער און געלייענט וואָרט נאָך וואָרט. אַלץ איז געווען אין אים אָנגעשטרענגט און געשפּאַנט.

„דעם 24סטן נאָוועמבער, 1924.

מײַן ליבער פרײַנד, סאָלאָמאָן קאָנער:

איך בין באַאומרויִקט וועגן דער אַרבעט וואָס איך האָב דיר רעקאָמענדירט. איך וואָלט דיר ראָטן דו זאָלסט זי פאַרלאָזן.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגען אין די צענטראַלן פאַר דער קומענדיקער סאַפרע. איך וואָלט דיר ראָטן דו זאָלסט פאָרן אין אַ צענטראַל. כ׳בין זיכער דו וועסט דאָרטן קריגן אַרבעט.

ווי אַן אָנגעשטעלטער אין דער קאָמפּאַניע דאַרף איך דיר אַזאַ בריוו

ניט שרײַבן... ס׳מאַטערט מיר מײַן געוויסן וואָס איך האָב דיר אָנגעוויזן אַזאַ געפערלעכע אַרבעט... ווײַז ניט קיינעם דעם בריוו, צערײַס.

דײַן פרײַנד,

סטענלי ווילסאָן

נ. ב.: שרײַב מיר. כ׳בין גרייט צו געבן דיר די בעסטע רעקאָמענ־דאַציעס.

ס. וו.״

כאָטש שלמהקע האָט ניט געוווסט גענוי דעם מיין פון יעדן וואָרט, האָט ער אָבער פאַרשטאַנען דעם אינהאַלט פון בריוו.

„כ׳וועל קומען אַהיים וועל איך איבערלייענען נאָך אַ מאָל״. ער איז געווען איבעררראַשט וואָס דער אינזשעניר האָט אים געהאָט אין זינען, אַרויסגעוויזן אַזאַ באַציִונג.

„ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך אַז פונקט הײַנט ווען איך בין אַוועק פון דער אַרבעט איז אויך אָנגעקומען דער בריוו פון איזשעניר? ווי קענען צוויי מענטשן טראַכטן וועגן דער זעלבער געפאַר אין וואָס ס׳שטייט אַ לעבן?...״. שלמהקע האָט אַן אויפגעהײַטערטער פאַרלאָזט די פאָסט.

דעם קומענדיקן פרימאָרגן איז שלמהקע אַרויסגעפאָרן פון וועריטיענ־טעס קיין קאַמאַגואיי. ס׳איז אים אײַנגעפאַלן צו באַזוכן די ייִדישע קרע־מער און זיך נאָכפרעגן אויף אַרבעט. אפשר וועלן זיי אים אָנווײַזן אַ שטעטל אויף דער פּראָווינץ ווו ער וואָלט געקענט עפענען אַ קרעמל.

ער איז אַרײַן אין באַנק און דעפּאָזיטירט דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט פאַר די לעצטע וואָכן זײַט ער אַרבעט אויף דער באַן. ער האָט איבערגעלאָזט אַ טייל געלט בײַ זיך, וואָס ער וועט דאַרפן צום פאָרן ערגעץ אין אַ צענט־ראַל זוכן אַרבעט. נאָכן אַרויסשרײַבן דעם אײַנצאָל אויף דער קאָנטע, האָט ער פאַרמאָגט אין באַנק דרײַ הונדערט און פופציק פעזעס. ער האָט זיך דערפילט זיכערער.

די קרעמער זײַנען געווען פאַרנומען, געפאַקט און אויסגעפאַקט קעסט־לעך וואָס זײַנען אָנגעקומען פון האַוואַנאַ. שלמהקע האָט פּראָבירט ריידן

צום קרעמער. דער קרעמער האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס. ער האָט זיך געאײַלט.

— איר ווילט עפּעס קויפן? איר האָט אַ קראַם? ווו שטייט איר?

ער האָט אים געפרעגט אַלץ צוזאַמען און געלאָפן ווײַטער, איבער־חזרנדיק אַ רוסיש וואָרט וואָס שלמהקע האָט פאַרשטאַנען: „סקאַזשיטיע" (זאָגט). שלמהקע האָט זיך אויסגעדרייט און אַרויסגעגאַנגען.

ער איז אַרײַן אין נאָך אַ קראַם, אויף אַ צווייטער גאַס, ער האָט גלײַך באַמערקט אַז דאָ אַרבעט אַ טאַטע מיט צוויי זין.

— איר זײַט אַ ייִד? — האָט אים דער טאַטע געפרעגט.

— יאָ.

— וואָס טוט איר אין קאַמאַגוּאַיי? פון וואַנען קומט איר? איר אַרבעט דאָ?

— איך האָב געאַרבעט אויף דער באַן. איך האָב נעכטן פאַרלאָזט די אַרבעט, זוך איך עפּעס וואָס צו טאָן.

— מיר אַרבעטן אַליין, איך מיט מײַנע צוויי זין. אפשר וואָלט איר געעפנט אַ קרעמל אין אַ צענטראַל? איר האָט געלט? איר האָט קרובים אין אַמעריקע?

— איך האָב קרובים אין אַמעריקע, נאָר איך האָב ניט זייער אַדרעס.

— געלט האָט איר? — האָט אים דער קרעמער איבערגעפרעגט.

שלמהקע האָט זיך ניט געאײַלט צו ענטפערן.

— איר קענט אַרויסגיין האַנדלען, פּעדלען. אויף מזומן איז שווער צו פאַרקויפן, זיי ווילן אויף באָרג... ס'איז שווערער אײַנצומאַנען ווי צו פאַרקויפן, דאַרף מען האָבן געלט.

דער קרעמער איז געשטאַנען רויִק און אים אַלץ אויסגעפרעגט — פון וואַנען ער שטאַמט, צי ער האָט געלערנט אין אַ ישיבה, ווען איז ער אָנגעקומען אין קובאַ, ווו ער האָט געאַרבעט די ערשטע צײַט.

— איך ווייס אײַך ניט וואָס צו ראָטן. קיינער ווייסט ניט וואָס ס'איז בעסער. יעדער גייט זיך זײַן וועג... איר וועט ניט פאַרלוירן גיין. איר וועט מצליח זײַן.

שלמהקע האָט פאַרשטאַנען אַז דער קרעמער האָט זיך שוין מיט אים

געזעגנט... ער האָט דאָ מער גאָרניט וואָס צו טאָן. ווען ער האָט צעקייט אַלע פראַגן וואָס דער קרעמער האָט אים געפרעגט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איינציקע וואָס דעם קרעמער אינטערעסירט איז צי ער וועט אים קענען עפּעס פאַרקויפן, אויב ניט היינט איז אַ מאָל, ווייל אַן אימיגראַנט וועט ווערן אַ פּעדלער אָדער אַ קרעמער.

*

אויף דער „גאַס פון דער רעפּובליק" האָט שלמהקע באַמערקט אַ קליין קרעמל. אַ מאַן איז געזעסן אויף אַ שוסטערבענקעלע און פאַרצויגן אַ שוך. אויף הילצערנע שטאַנגען און דראָטן זיינען געהאָנגען אַרבעטער־שיך, פּראָסטע סאַנדאַלן פאַר פרויען און קינדער, עטלעכע פּאָר ייִנגלשע שיך מיט הויכע כאַלעווקעס. „ס'קוקט מיר אויס ווי אַ ייִדיש שוכקרעמל". שלמהקע האָט זיך אַריינגעשטעלט אין טיר. דער שוסטער האָט אויפגעהויבן די אויגן און זעט אויס, דערקענט אַז דאָס איז ניט קיין קונה פאַר זיין סחורה.

— קומט אַריין! האָט ער געזאָגט מיט זיכערקייט אויף ייִדיש. — קומט אַריין. זיצט. אַ האַרטע שטול... כ'האָב אַליין אַרויפגעקלאַפּט די ברעטלעך. נו, ס'וועלן זיין בעסערע שטולן, מיט דער צייט...

—איך קום פון פּוילן, אַ שטעטל לעבן וואַרשע. כ'האָב דאָרטן געהאַט אַ פאַבריקל מיט עטלעכע אַרבעטער. וויפל איך האָב אויסגעאַרבעט האָב איך פאַרקויפט... זיינען געקומען שווערע צייטן: די אַרבעטער האָבן פאַרלאַנגט מער... און די מלוכה אין גאַנצן... האָט מען געמוזט פאַרלאָזן די היים, די פאַבריק, דאָס שטעטל. איצט דאַרף מען דאָ אָנהייבן פון דאָס ניי. ס'קוקט מיר אויס אַז ס'וועט נאָך זיין גוט... זאָל נאָר גאָט געבן אַז איך זאָל אַריבערנעמען מיין ווייב און קינדער. דאָס קרעמעלע, דאָס בענקעלע זיינען בעסער ווי די גאַנצע פאַבריק אין פּוילן... איך האָב שוין אָוועקגעשיקט שיפסקאַרטן פאַרן ווייב און קינדער. איך דאַרף זיי נאָך שיקן אַ ביסל געלט זיך אויסצוקלײדן... וואָס טוט איר?

— איך האָב געאַרבעט אויף דער באַן. כ'האָב נעכטן פאַרלאָזט די אַרבעט... זוך איך וואָס צו טאָן.

ס'איז אַרײַנגעקומען אַ פרוי און געבעטן אַ פּאָר ייִנגלשע שיך.

— דאָ איז די מאָס — האָט זי אַרויסגעשלעפּט אַ שטיקל פּאַפּיר פון בוזעם.

דער שוסטער־קרעמער האָט צוגעגלײַכט די פּאַפּירענע מאָס און איר געגעבן אַ פּאָר שיך.

— ס'וועט ניט זײַן קליין? גרויס אַרט מיך ניט, נאָר קליין איז אַן אומגליק...

— וואָס זאָגט זי? — האָט דער קרעמער געפרעגט שלמהקען.

— זי וויל די ריכטיקע מאָס... ניט קליין.

דער קרעמער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף די ייִנגלשע שיך און ניט געזען קיין בעסערן נומער.

— זאָגט איר אַז זיי וועלן זײַן גוט. טאָמער ניט וועל איך זיי איבער־בײַטן... די שיך זײַנען שטאַרק, איך מאַך זיי אַליין.

שלמהקע האָט דאָס איבערגעגעבן דער פרוי.

— וויפל קאָסטן די שיך? — האָט די פרוי אומזיכער געפרעגט.

— צוויי פעזעס — האָט דער קרעמער איר געזאָגט אויף שפּאַניש און געוויזן מיט די פינגער.

די פרוי האָט באַצאָלט און איז אַרויסגעגאַנגען.

— איר זוכט אַרבעט, האָט איר געזאָגט. איך זע אַז איר רעדט שוין שפּאַניש. אפשר וואָלט איר בלײַבן מיט מיר? איך וועל אײַך צאָלן צען פעזעס אַ וואָך, נאָר איך אַרבעט זיבן טעג. זונטיק פאַרקויף איך מער ווי אַ גאַנצע וואָך. די גרויסע געשעפטן זײַנען פאַרמאַכט...

שלמהקע האָט זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין. דער שוסטער האָט אַ צי געטאָן אַ פאָרהאַנג און געזאָגט: — איך האָב דאָ הינטער דער קראָם אַ צימער. איך שלאָף דאָ. איר קענט דאָ אויך שלאָפן.

שלמהקע האָט אָפּגעדאַנקט דעם ייִדן פאַרן אָנבאָט.

— איך ווייס נאָך ניט וואָס איך וועל טאָן. אויב איך וועל בלײַבן אין קאַמאַגוּאיי וועל איך אײַך זען.

שלמהקע איז צוריקגעפאָרן קיין ווערטיענטעס פאַרקויפן עטלעכע זאַכן וואָס ער האָט אײַנגעקויפט אין די לעצטע וואָכן און זיך גרייטן אַריבערצו־

קליי̆בן ערגעץ אין אַ צענטראַל. די צוגרייטונג צו דער צוקער־סאַפרע*
האָבן זיך שוין אָנגעהויבן.

קאַפּיטל זעקס

אין צענטראַל טשאַפּאַראַ

סוף נאָוועמבער איז שלמהקע אָנגעקומען אין „צענטראַל״ טשאַפּאַראַ. „צענטראַל״ האָט ער געוווּסט רופט מען די פֿאַבריק אַווו ס׳ווערן געמאַלן די צוקער־שטעקלעך (אין שפּאַניש: „קאַניאַ״) און זיי ווערן פֿאַרוואַנדלט אין צוקער.

די גרינע קרוינען פֿון די שלאַנקע פּאַלמעס וואָס האָבן זיך געהויבן צו די הימלען, די פּירקאַנטיקע און קיי̆לעכדיק־ארומגעשניטענע ביימלעך וואָס האָבן אַרויסגעוואַקסן פֿון די סאַמעט־גרינע גראָזטעפּעכער, האָבן אויסגעזען ווי דער אַריי̆נגאַנג צו אַ לוקסוסיעזן פּאַלאַץ.

שלמהקע האָט אויף אַ וויי̆לע פֿאַרגעסן אָן זיך, פֿאַרגעסן אַז ער איז געקומען זוכן אַרבעט, פֿאַרגעסן אָן דער אומעטיקער עלנטקייט וואָס האָט אים באַגלייט. ער איז געוואָרן פֿאַרכּישופֿט פֿון דער גן־עדנדיקער שיינקייט.

דער שמאָלער הויכער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים באַטיי.

ס׳האָט אַ בלאָז געטאָן אַ טראָפּיקאַליש ווינטל, ווי ער וואָלט זיך טראָגן פֿון די הויכע פּאַלמעקרוינען. שלמהקע האָט זיך אַרומגעקוקט, דערזען די ביוראָ־געביי̆דע. האָט ער אַרויפֿגעשלעפּט זיין וואַליזע אויפֿן הילצערנעם גאַנעק און אַריי̆ן אין קאַנצעלאַריע.

די פֿאַרמאַכטע מאַרינאַרקע וואָס ער האָט געבראַכט פֿון דער היים האָט ער איבערגעלאָזט הינטער דער טיר אויף דער באַנליניע. ער האָט איצט געטראָגן אַ ווייס ספּאָרטהעמד מיט אָן אָפֿענעם קראַגן, וואָס האָט גוט געפּאַסט צו זיין אָפּגעברענטן האַלדז און פּנים. די ברוינע הויזן זיי̆נען

* די מאַנאַטן ווען מען מאַלט דעם צוקער.

געלעגן אויף אים אויסגעפּאַסט. זײַן הויכע פיגור האָט געאָטעמט מיט יונגנטלעכקייט.

עטלעכע גוט געקליידטע מענטשן זײַנען געזעסן בײַ שרײַבטישן. שלמהקע איז צוגעגאַנגען צו איינעם פון די מענטשן.

— וואָס איז דײַן פאַרלאַנג? דער באַאַמטער האָט אים אויפמערקזאַם באַטראַכט.

דער מאַן בײַם צווייטן טיש האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זיך צוגעהערט.

— איך זוך אַרבעט — האָט שלמהקע געענטפערט אויף אַ קלאָרן שפּאַניש.

— דו ביסט אַ היגער?... — האָט יענער אים פאָרזיכטיק געפרעגט.

— כ׳ווייס ניט וואָס דיר צו זאָגן... איצט בין איך אַ היגער. געבוירן בין איך אין פּוילן. כ׳בין אַהערגעקומען אין יאַנואַר הײַ יאָר, געאַרבעט נײַן מאָנאַטן בײַ דער באַנליניע וואָס מען בויט ניט ווײַט פון באַיאַמאָ, ביז צו דעם ים־ברעג. עטלעכע וואָכן האָב איך געאַרבעט אויף דער באַן צווישן קאַמאַגואיי און סאַנטאַ־קרוז. איצט בין איך געקומען אַהער.

דער מאַן, וואָס איז געזעסן בײַם צווייטן שרײַבטיש און זיך צוגע־הערט, האָט אויסגעדרייט דעם שטול. ס׳איז געווען קענטיק אויף זײַן פּנים אַז די רייד פון יונגן מענטשן האָבן אים פאַראינטערעסירט.

— ווי לאַנג ביסטו אין קובאַ — האָסטו געזאָגט? — פון יאַנואַר הײַ יאָר?

— עלף מאָנאַטן! — האָט שלמהקע מיט אַ שמייכל געענטפערט.

— אַוווּ האָסטו זיך געלערנט שפּאַניש? אין אייראָפּע?

— ניין, דאָרטן האָב איך קיין שפּאַניש ניט געלערנט. איך האָב געלערנט אַנדערע שפּראַכן... דאָ דאַרף מען זיי ניט.

— האָסט זיך אין עלף מאָנאַטן אויסגעלערנט שפּאַניש? ביסט אַ ייִד?

— יאָ!

— איך בין דער פאַרוואַלטער פון „צענטראַל”. כ׳בין זייער צופרידן וואָס דו ביסט געקומען צו מײַן טיש... איך וויל דיר אויפקלערן אַ פּאָר וויכטיקע ענינים: דער „צענטראַל” געהערט צו אַן אַמעריקאַנער קאָמ־

פּאַניע. דאָ ווערט אַלץ געפירט אין ענגליש. איך וואָלט געוועזן צופרידן ווען איך קען דיך אַרײַננעמען אין אָפיס. איך האָב אָבער אַ צווייטע אַרבעט פאַר וועלכער דו וועסט זיך אויסטויגן. רעכענען קענסטו דאָך ?...

שלמהקע האָט אַ שמייכל געטאָן.

— דו וועסט דאָ בלײַבן אַרבעטן פון הײַנט אָן. איך וויל דו זאָלסט זיך באַקענען מיטן „צענטראַל". ס'וועט דיר נאָך אויסקומען אַרבעטן אין פאַר־שיידענע אָפּטיילונגען...

דער פאַרוואַלטער האָט זיך געווענדט צו זײַן געהילף און מיט אים גערעדט ענגליש.

שלמהקע האָט זיך אויסגעדוכט אַז ער פאַרשטייט אַז דער פאַרוואַלטער זאָגט צום געהילף, ער זאָל אים געבן אַ גוטן פּלאַץ צום ווינען.

— אין די באַראַקן ? — האָט אים דער געהילף געפרעגט.

— האָסט אפשר אַן איבעריקן צימער איבער די אָפיסעס ?

— ס'וועט זײַן אַ פּראָבלעם ווען דער גאַנצער פּערסאָנאַל וועט אָנקומען.

— גיב אים דאָס בעסטע וואָס דו קענסט...

שלמהקע האָט זיך דערפילט העכער אין זײַנע אייגענע אויגן : „וואָס האָט דער פאַרוואַלטער אין מיר געזען ?" — האָט ער געטראַכט אַרויס־גייענדיק מיטן געהילף. „ווי ס'זאָל ניט זײַן. ערגער ווי אין דער פּאַלאַטקע אויף דער באַנליניע קען דאָס ניט זײַן...".

— דו ווייסט וואָס פאַראַ אַרבעט דער פאַרוואַלטער האָט דיר אָנגעטרויט ? די וואָג — דאָס איז זייער אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט.

שלמהקע האָט זיך אײַנגעהערט און ניט געוואָלט גלייבן.

— ווען הייבט זיך אָן די אַרבעט ?

— זאָרג ניט, דו וועסט שוין וויסן. דו אַרבעטסט שוין פון הײַנט... הײַנט האָסטו פרײַ...

שלמהקע האָט זיך גלײַך אַרויסגעלאָזט איבערן „צענטראַל" באַ־טראַכטן די געבײַדעס און דעם גאַנצן צוזאַמענשטעל. די טירן פון די פאַבריקן זײַנען געווען אָפן און אינעווייניק האָבן געאַרבעט מענטשן. ער

האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַן אַלטן גערטנער, וואָס האָט באַגאָסן דאָס גראָז און דיביימער.

— שוין לאַנג ווי דו אַרבעטסט דאָ?

— אַ סך יאָרן! אַ סך... אַ סך... איך אַרבעט אַ גאַנץ יאָר, נאָר איך ווױן ניט אין „צענטראַל", איך ווױן אין נאָענטן שטעטל מיט מײַן פאַמיליע. כ'האָב אַן אייגן הויז — אַ הײַזקע. מיר זײַנען צופרידן. אַ רויִק לעבן.

— פון וואַנען שטאַמסטו?

— געבוירן אין שפּאַניע. אַהערגעקומען אַ קינד. מײַן ווײַב איז אַ היגע פון אַ סך דורות, אַן אָפּשטאַמיקע פון די סיבאָנייער, אַן אינדיאַנערקע, אַ ווילע אַרבעטזאַמע פרוי. זי האָט מיר געבוירן עלף קינדער, נאָר אַכט זײַנען פאַרבליבן...

— ווער שנײַדט דאָ אַרום די ביימער אין אַזעלכע שיינע פיגורן?

— איך! — האָט אים דער אַלטער געענטפערט מיט שטאָלץ. שלמהקע האָט דערפילט אַ וואַרעמקייט צום אַלטן גערטנער, וואָס ער האָט נאָר וואָס באַגעגנט. „ער האָט אַ סך מיר צו דערציילן...".

— איך שטער דיר?

— ניין, אין גאַנצן ניט. איך טו אָפּ מײַן אַרבעט... איך קום פאַר טאָג, מיטן זונאויפגאַנג. איך האָב ליב מײַן אַרבעט — איך האָב ליב די פּאַלמעס, די ביימער און די גראָזן. זיי לעבן און אָטעמען און איך גיב זיי טרינקען... אַ סך מאָל חלום איך אַז זיי ריידן צו מיר... דו ביסט געוויס אַ שפּאַניאָל. דאָ געבוירן?

— ניין! איך בין געבוירן אין פּוילן. האָסט אַ מאָל געהערט פון אַזאַ לאַנד?

— אַוודאי האָב איך געהערט.

— דערצייל מיר עפּעס וועגן דעם „צענטראַל". איך בלײַב דאָ אַרבעטן, וויל איך וויסן.

— אָ, קינד מײַנס, דו וועסט וויסן. כ'זע אַז דיך אינטערעסירן מענטשן, זייער לעבן. וועסט האָבן גענוג זיך דאָ צו לערנען און וויסן. דער „צענטראַל" איז אַן אַמעריקאַנער... דאָ מאָלט מען זייער אַ סך. דער „צענטראַל"

האָט גרויסע פּלאַנטאַציעס צוקער־קאָניע. ס׳זײַנען אויך פֿאַראַן פּלאַנטאַציעס פֿון פּריוואַטע אייגנטימער, קאָלאָניעס. אין דער סאַפּרע קוקט דאָ אויס ווי אַ בינשטאָק, ס׳שווימבלט און גריבלט מיט מענטשן, מיט וואַגאָנעס קאָניע, מיט וועגענער געשפּאַנט צו אָקסן און מיט אָנגעפּילטע זעק מיטן געלן צוקער וואָס ווערן געלייגט אין שטײַגן ביז צו די צינקסופּיטן פֿון די גרויסע שפּײַכלערס. אין דער סאַפּרע טראָגט זיך דאָ אַ שטאַרקער ריח פֿון די געמאָלענע קאָניעס, אַ קלעפּיקע זיסקייט וואָס שנײַדט זיך אַרײַן אין מויל, אין נאָז, אין די אויגן.

דער אַלטער האָט שווער אָפּגעאָטעמט, זיך אָפּגערוט אַ ווײַלע און געזאָגט:

— אַלץ וואָס לעבט האָט אַן ענדע... אַ מענטש גייט אָפּ דעם וועג וואָס ס׳איז אים באַשערט... נאָר די צײַט איז אייביק. אָט דערמאָן איך זיך ווי איך פּלעג קומען אַהיים — אַ פּולע שטוב קינדער, מיט אַ טומל וואָס פּלעגט מיך זייער אָפּט מיד מאַכן, ניט געווען פֿאַר אַלע קיין שטולן צום זיצן, זײַנען די קלענערע געזעסן אויף דער ערד און געוואַרט די מאַמע זאָל זיי געבן דאָס טעלערל מאַיס. און אָט, די קינדער זײַנען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען, חתונה געהאַט אין שטאָט, אין אַנדערע צענטראַלן. אין שטוב זײַנען געבליבן נאָר צוויי, די קראַנקע... ס׳איז גוט זיך צו דערמאָנען אַן אַלטע צײַטן, נאָר שווער, אומעטיק...

שלמהקע האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן זײַן טאַטע־מאַמע, ווו זייערע צוויי קינדער זײַנען פֿאַרפֿלויגן. ווי שווער און אומעטיק ס׳איז זיי...

— איך בין זייער צופֿרידן דיך קענען. איך דאַרף גיין. הײַנט אָנגעקומען. מײַן נאָמען איז סאָלאָמאָן. איך וועל דיך קומען זען...

— סאָלאָמאָן! אַ נאָמען פֿון אַ קלוגן מענטשן. מיך רופֿט מען מאַטעאָ

— מאַטעאָ באַרטאָלאָמע. קענסט אויף מיר פֿרעגן אין קאָנצעלאַריע. איך בין דאָ דער עלטסטער אַרבעטער... געוואָרן דרײַ־און־אַכציק דעם פֿאַריקן מאָנאַט. גאָט זאָל דיך בענטשן.

דער אַלטער האָט נאָכגעקוקט שלמהקען. זײַנע אויגן האָבן אים באַגלייט מיט ליבשאַפֿט.

ווען שלמהקע איז אַרײַנגעקומען אויפֿן צווייטן טאָג אין ביוראָ פֿרעגן

וואָס ער דאַרף דערווײַלע טאָן, האָט אים דער פּאַרוואַלטער געבעטן זיך זעצן אויפן שטול אַנטקעגן זײַן שרײַבטיש.

— מיר האָבן דיר צוגעטײלט זײער אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, מיר האָפן אַז דו וועסט דאָס אויספירן גוט. מיר האָבן דיך באַשטימט פאָרן אויפזועער איבער דער וואָג. די וואָג פון יעדן וואַגאָן, יעדער „קאַררעטאַ״, דאַרף פאַרשריבן ווערן אויף דער קאָנטע פון דעם צו וועמען ס׳באַלאַנגט. דאָס איז זײער אַ וויכטיקע אַרבעט.

שלמהקע האָט אין זײַן לעבן ניט געזען ווי מען וועגט וואַגאָנעס קאַניע. ער האָט אין זײַן לעבן ניט געזען אַזאַ וואָג, ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט און אַ זאָג געטאָן:

— איך פאַרשטײ אַז די קאַניע וואָס געהערט צום „צענטראַל״ דאַרף מען וועגן באַזונדער און די פון די קאָלאָנאָס באַזונדער.

דער פאַרוואַלטער האָט אים אָנגעקוקט.

— פון וואַנען ווײסטו אַז דער „צענטראַל״ האָט אײגענע צוקער־פּלאַנטאַציעס און אַז מיר נעמען אויך פון די קאָלאָנאָס?

— איך האָב גערעדט מיטן אַלטן גערטנער...

— דער אַלטער איז דער עלטסטער אָנגעשטעלטער. ער האָט געאַרבעט בײַם בויען דעם „צענטראַל״. ער האָט זײער ליב דעם „צענטראַל״... באַקען זיך מיטן „צענטראַל״ אַזוי ווי דו האָסט נעכטן געטאָן... מײַן געהילף וועט דיר ווײַזן די וואָג און ווי מען באַגײט זיך מיט איר. ער וועט דיך באַקענען מיט דער גאַנצער פּראָצעדור פון פאַרוואַנדלען די קאַניע אין צוקער.

דער געהילף־פאַרוואַלטער האָט אָפּגעפירט שלמהקען צום שפּײַכלער.

— דאָס איז די וואָג. ווען דער וואַגאָן אָדער קאַררעטע פאָרן צו, לײדיקן זײ זיך אויס אויף דער וואָג. דו זעסט קלאָר אויף דער שטאַנג די וואָג. די קאַניע גײט אַרויף אויף די ראַגאָזשעס און טראָגט זיך צו די מעסערס וואָס צעשנײַדן די שטעקלעך, צעברעקלען זײ און טראָגן זײ צו די וואַלצן וואָס דריקן אויס דעם זאַפט פון דער צעמאַלענער קאַניע...

דער געהילף האָט שלמהקען אויפגעקלערט טריט בײַ טריט אַלע אָפּעראַציעס ביז דער צוקער פאַלט אַרײַן אין גרויסע זעק.

— איך בין איבערראַשט, אומגלײבלעך ווי פון גרין־בראָנדזענע

שטעקלעך קאַניע קומט אַרויס דער געלער צוקער! — האָט אויסגערופן שלמהקע.

— איצט, אַז דו ווייסט שוין ווי קאַניע־שטעקלעך ווערן פאַרוואַנדלט אין צוקער, באַקען זיך מיט אונדזערע שיינע גערטנער. איך גיי צוריק אין ביוראָ.

שלמהקע איז גלייַך אַוועק זוכן דעם אַלטן גערטנער.

— גוט־מאָרגן, סעניאָר מאַטעאָ באַרטאָלאָמע! וואָס מאַכט איר?

— גוט־מאָרגן דיר, סאַלאָמאָן! ס׳פרייט מיר דיך זען. געמיינט אַז איך וועל הייַנט ניט קומען... ס׳האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ ווי אַ גע־פלאָכטענער שטריק...

— אפשר זאָל איך אייַך ניט באַלעסטיקן?...

— אָ, ניין! דו באַלעסטיקסט מיך ניט. ס׳איז פאַר מיר אַ פאַרגעניגן צו שמועסן מיט דיר. ווען איך בין הייַנט געקומען צו דער אַרבעט, האָב איך באַגעגנט דעם פאַרוואַלטער. שוין 18 יאָר ווי ער פאַרוואַלטעט מיט דעם „צענטראַל". האָב איך אים דערציילט, אַז איך האָב נעכטן גערעדט מיט אַ יונגן מאַן מיטן נאָמען סאַלאָמאָן. האָט ער מיר געזאָגט: „אַ פייַנער מענטש סאַלאָמאָן. ער איז דאָ אין לאַנד איין יאָר און רעדט שפּאַניש בעסער פון מיר וואָס וווינט דאָ אַכצן יאָר". האָב איך ניט געוואָלט גלייבן, כ׳האָב געטראַכט צו פרעגן...

— יאָ, פרייַנד מאַטעאָ, איך בין אין דעם לאַנד ניט קיין פול יאָר...

— איך קען דאָס ניט גלייבן. אַזאַ מענטשן ווי דו איז כּדאַי צו דער־ציילן אַלץ וואָס דו ווייסט... ס׳וועט בלייַבן אין דייַן זכּרון אויף לאַנגע יאָרן, נאָך דעם ווי פון מיר וועט שוין קיין זכר ניט זייַן... הייַנט אין דער פרי האָב איך געפילט אַז אויב דער שטריק וועט זיך נאָך איין ביסעלע פאַרדרייען, וועל איך שוין מער ניט זען מייַנע פּאַלמעס, מייַנע גרינע גערטנער. אַ מענטש דאַרף וויסן אַז יעדער טאָג פון זייַן לעבן איז אַ גע־שאַנק, אַן ערלעכער געשאַנק וואָס מען דאַרף גוט פאַרנוצן. מען דאַרף ניט טראַכטן וועגן דעם...

— דערציילט מיר וועגן „צענטראַל", דערציילט מיר וועגן שניט פון די צוקער־קאַניע — דערציילט מיר און איך וועל דאָס אַלץ געדענקען...

— אַז ס׳וועט זיך אָנהייבן די סאַפּרע וועסטו דאָ זען אַ סך מענטשן. זיי קומען פון די נאָענטע אינדזלען אַרבעטן. פון דזשאַמייקע, פון האַיִטי, פון אַנדערע אינדזלען אויך, קובאַנער האָבן ניט ליב צו שניַידן קאַניע. ס׳איז פאַררעכנט פאַר דער נידעריקסטער אַרבעט. זיי ווילן בעסער אַרבעטן אין „צענטראַל״... האָסט געהערט דאָס קובאַנער לידל:

יאָ נאָ טומבאָ קאַניאַ,
קע לאַ טומבע על מיענטאַ,
קאָן סו מאַווימיענטאַ...

איך שניַיד ניט קיין קאַניע,
זאָל זי שניַידן דער ווינט
מיט זיַינע ווינטמעסערס.

— די האַיִטיאַנער — האָט דער אַלטער גערטנער גערעדט — זיַינען די בעסטע קאַניע־שניַידער. זיי זיַינען ווי געבוירן געוואָרן אויף צו שניַידן קאַניע... זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן געשניטן קאַניע, מיט הונדערט־און־פופציק יאָר צוריק. אונטער דער הערשאַפט פון פראַנקריַיך האָבן די האַיִטיאַנער צוגעשטעלט דעם צוקער צו פראַנקריַיך. היַינט זיַינען זיי אַ רעפובליק. נאָר אַרבעט זוכן זיי אויפן קובאַנער אינדזל... אָ, די האַיִטיאַנער זיַינען פעיִקע קאַניע־שניַידער! אונטער פראַנקריַיכס הערשאַפט האָט מען אין האַיִטי געזייט בוימוואָל, טאַבאַק, קאַקאַאָ און קאַניע. היַינט איז האַיִטי זייער פאַראָרעמט... די דזשאַמייקער זיַינען אויך גוטע אַרבעטער, נאָר זיי זיַינען אַנדערש אין כאַראַקטער — זיי זיַינען קריגעריש, פאַרביסן און האָבן ניט קיין צוטרוי צום וויַיסן מענטשן...

— אפשר וויַיל זיי זיַינען אונטער דער שטרענגער הערשאַפט פון ענגלאַנד? אַ מענטש איז דאָס וואָס די דערציִונג אַרבעט אויס פון אים... — האָט געזאָגט שלמהקע.

דער אַלטער איז פאַרשוויגן געוואָרן. ער האָט זיך אָפּגערוט און דערנאָך צוגעגעבן:

— אַלע זייַנען גוט און אַלע קענען זייַן שלעכט...

— ווי אַזוי דערקענסטו ווער ס׳איז אַ דזשאַמייקער, ווער אַ האַיִטאַנער און ווער אַ קובאַנער?

דער אַלטער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט:

— ביסט גערעכט. זיי זייַנען אַלע שוואַרצע. צווישן די האַיִטאַנער זייַנען פאַראַן מולאַטן. די מולאַטן האָבן אַ געלבלעך־ווייַסן קאָליר, אָפּט געלע האָר. די קובאַנער מולאַטן זייַנען טונקל־ווייַסע. אַ סך האָבן די שטריכן פון פּנים ענלעך צו די ווייַסע. די מולאַטע פרויען זייַנען שיינע. דו קענסט ניט די געשיכטע פון דעם אינדזל, דערפאַר פרעגסטו די פראַגע.

די שפּאַנישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געהערשט איבער קובאַ, האָבן ניט געהאַט קיין ווייַסע פרויען, נאָר די אַדללייַט האָבן געבראַכט מיט זיך זייערע ווייַסע פרויען, האָבן זיי געלעבט מיט די שוואַרצע פרויען, וואָס זייַנען נאָך געווען אונטער שקלאַפעריַי. אַ גרויסער טייל האָבן געהייראַט מיט די פרויען, אַנדערע ניט. דערפאַר האָבן מיר אין קובאַ אויסגעַ־האָדעוועט אַ געמישטע ראַסע, ניט שוואַרץ, ניט ווייַס — די מולאַטן.

מייַן ווייַב איז אַן אינדיאַנערין, פון די אַלטע איינוווינער פון קובאַנער אינדזל, די סיבאָנייער. ווען איך טרעף ניט מייַן ווייַב אין יענע יאָרן וואָלט איך אויך געהאַט אַ שוואַרץ ווייַב מיט מולאַטע קינדער, נאָר איך בין אַ צופרידענער אַזוי... מיר זייַנען ביידע קאַטאָליקן — דער גלויבן וואָס איך האָב געבראַכט פון שפּאַניע, אָבער די שוואַרצע האָבן אַרייַנגעפירט אין אונדזער גלויבן זייערע הייליקע. זיי האָבן פאַרדרייט אונדזער גלויבן מיט מנהגים וואָס זיי האָבן געבראַכט פון אַפריקע. דו ווייסט געוויס, אַז אין די פאַרקן, אין שטעט און שטעטלעך טאָרן זיך די שוואַרצע ניט זעצן אויף בענק און ניט אַרומשפּאַצירן.

— און די מולאַטן?

— ס׳ווענדט זיך ווי ווייַס זיי זייַנען. ס׳זייַנען פאָרגעקומען געשלעגן צווישן ווייַסע און שוואַרצע. מען האָט מיר געזאָגט אַז אין האַוואַנאַ מעגן די שוואַרצע שפּאַצירן אין די פאַרקן צוזאַמען מיט די ווייַסע. דו האָסט דאָס געזען?

— איך קען דיר ניט זאָגן. כ׳בין דאָרט נאָר געווען אַ פּאָר טעג... ווי איז מיט די קינדער אין די שולעס?

— אין די דערפער, אין די קליינע שטעטלעך זײַנען ניטאָ קיין שולעס, און וווּ ס׳איז דאָ גייען סײַ ווי זייער ווייניק שוואַרצע קינדער אין די שולעס.

— גוט, מײַן פרײַנד מאַטעאָ. האָב אַ גוטן טאָג. איך וועל דיך נאָך זען.

— אַ גוטן טאָג! גאָט זאָל דיך באַגליקן...

*

די טעג זײַנען געלאָפן, אַזוי די וואָכן. די וואָכן האָבן זיך פאַרבײַ־געשאָרט ניט באַמערקטערהייט. אַלץ איז געווען בײַ — די מענטשן בײַ דער אַרבעט, זייַן אייגענע באַשעפטיקונג, די איבערראַשונג ווי די גרין־בראַנדזענע צוקער־שטעקלעך ווערן פאַרוואַנדלט אין מעלצוקער, די גרינע אויסגעסקולפּטירטע גערטנער. נאָר מער פון אַלץ האָבן שלמהקען באַצוי־בערט די מעשיות פון אַלטן גערטנער, וואָס האָט געטראָגן די געשיכטע פון „צענטראַל״ זינט ער איז אויפגעבויט געוואָרן.

דער „צענטראַל״ האָט געפיבערט מיט מענטשן, מיט באַנען, מיט זעק צוקער. זונטיק האָט דער „צענטראַל״ געאַרבעט ווי יעדן טאָג. אויף צו נעמען אַ פרײַען זונטיק האָט מען געדאַרפט בעטן אַ דערלויבעניש מיט אַ וואָך פריִער צוצוגרייטן אַ מענטשן אויף דײַן אָרט.

שלמהקע זיצט אויף דער הילצערנער ווערענדע בײַ דער טיר פון זײַן צימער. ס׳האָט אַ בלאָז געטאָן אַ טראָפּיקאַליש ווינטל און דערטראָגן קלאַנגען פון מוזיק, וואָס זײַנען געפלאָסן ווי וואַסער־קוואַליעס. די אומע־טיקע, נאָגנדיקע קלאַנגען פון אַ מעלאָדיע וואָס ער האָט קיין מאָל ניט געהערט האָבן אים מיטגעריסן, פאַרכאַפּט, ער האָט זיך געלאָזט גיין פון וואַנען דער ניגון איז געקומען. די מעלאָדיע איז געוואָרן אַלץ קלאָרער, ווי עמעצער וואָלט אויסגיסן זײַן האַרץ, זײַן נשמה פאַר בענקשאַפט. די צאַרטע ברוסטשטימע האָט זיך אַרײַנגעפלאָכטן אין די קלאַנגען פון אַן אינסטרומענט. בײַ דער טיר פון אַ „באַראַק״ איז געזעסן אַ מאַן און אַרײַנ־געזונגען אין דער נאַכט. ער האָט באַגלייט דאָס געזאַנג מיט דעם צושפּיל

פון אַן אַפריקאַנער אינסטרומענט — אַ הילצערן ברעטל מיט עטלעכע סטרונעס.

דערהערט די טריט איז ער פאַרשוויגן געוואָרן.

— גוטע נעכט! * — האָט אים שלמהקע באַגריסט, זעענדיק נאָר דעם שאָטן פון זײַן פיגור.

— איך שטער דיר? האָסט אויפגעהערט צו זינגען...

— ניין! ס'האָט זיך איבערגעריסן מײַן בענקשאַפט נאָך עפּעס וואָס עס איז מיר אַליין ניט קלאָר. דו בענקסט און ווייסט ניט נאָך וואָס... מען קען דען גיין זוכן דאָס געבענקטע?... אַ מענטש בענקט אָפּ זײַן גאַנץ לעבן, מערסטנס בענקען מיר נאָכן נעכטן... נאָכן אַמאָל... מיר בענקען אָפּט אַפילו נאָך דער בענקשאַפט — האָט דער מענטש מיט אַ שטילן קול גערעדט צו אים.

— אַט וועל איך אָנצינדן די ליכט, וועלן מיר זען איינער דעם צווייטן...

— טו דאָס ניט. איך בין געקומען הערן דיך זינגען. דײַן געזאַנג האָט מיך אַהערגעבראַכט.

— ניין, ניט איצט. וועסט מיך אַ מאָל — אַ מאָל אין אַן אָוונט אפשר נאָך אַ מאָל הערן... דאָס קומט אַליין, דאָס קומט פון זיך אַליין, אַן דײַן ווילן, אָן דײַן וויסן.

ער האָט אָנגעצונדן דאָס קליינע עלעקטרישע לעמפּל, אַ קוק געטאָן אויף שלמהקען און אַן איבערראַשטער אַ זאָג געטאָן:

— סאָלאָמאָן! דו וועגסט דאָך די קאָניעס... מיך קענסטו... שלמהקע האָט זיך פאַרוואונדערט:

— זיכער קען איך דיך. דו רייניקסט די קאָנוואָיערס זיי זאָלן זיך ניט אָנפּילן מיט די צוגעקלעפּטע קאָניע־שטעקלעך. איך האָב ניט געוווּסט אַז דו זינגסט אַזוי שיין...

— ס'גיט אַ מאָל עפּעס אַ צופּ אין דער נשמה און זינגסט אַרויס אָן דײַן ווילן, אָן טראַכטן.

— שוין לאַנג ווי דו אַרבעטסט דאָ?

* אויף שפּאַניש באַגריסט מען אין מערצאָל.

— שוין אַ סך יאָרן... איך ווין וויַט פון דאַנען, אויף דער צווייטער זײַט בערגל וואָס מען פאָרט פאַרבײַ. מײַן טאַטע האָט אַ שטוב אויפגעבויט בעת מען האָט אים באַפרײַט פון שקלאַפערײַ. ער איז זייער אַלט, נאָר בײַם פולן זינען. ער דערציילט מיר ווי קובאַ האָט אויסגעזען מיט אַכציק־נײַנציק יאָר צוריק. זײַן בעל־בית איז געווען אַ גוטער מענטש, ער האָט אים זייער גוט באַהאַנדלט. איז ער געבליבן אַרבעטן מיט זײַן אייגענעם ווילן. ער האָט זיך אַרויסגעצויגן פון דער קאָלאָניע, חתונה געהאַט און אויפגעשטעלט אַ משפחה. ווױנען מיר אין יענעם הויז.

— ווי אַלט איז דײַן טאַטע?

— כ׳ווייס ניט... ער ווייסט אויך ניט, נאָר שוין מער ווי הונדערט.

— האָט ער אויך ליב צו זינגען?

— ער האָט מיך אויסגעלערנט... אים איז שוין איצט שווער צו זינגען. ער האָט די מעלאָדיע געבראַכט פון אַן אַנדער וועלט. הײַנט זינגט מען אין קובאַ אַ סך אַלטע מעלאָדיעס, נאָר מען זינגט דאָס אַנדערש. מען האָט אונדזערע מעלאָדיעס פאַרהײַנטיקט, פאַרשפּאַניִשט. קענסט זיי הערן, נאָר ניט ווי מיר האָבן זיי געזונגען מיט בענקשאַפט צום לאַנד פון געבוירן... צו די פרײַע פעלדער און וועלדער פון יענעם לאַנד... פון יענעם קאָנטינענט.

— ברענג אַ מאָל דײַן טאַטען. איך וויל אים קענען, איך וויל ער זאָל מיר דערציילן וועגן יענע יאָרן, וועגן שקלאַפערײַ.

— ס׳וועט אים זײַן שווער... פרעג, אפשר ווייס איך... ער האָט אונדז אַ סך דערציילט און געבעטן מיר זאָלן ניט פאַרגעסן...

— זאָג מיר, האָבן די שקלאַפן זיך קיין מאָל ניט געבונטעוועט?

— כ׳ווייס דיר ניט וואָס צו זאָגן... כ׳ווייס אַז זיי פלעגן נקמה נעמען פאַר שלאָגן, פאַרן צונעמען זייערע פרויען אָדער קינדער. כ׳ווייס אַז זיי פלעגן אַנטלויפן אין די וועלדער, אויף די בערג און זיך געשפּײַזט מיט ווילדע פרוכטן וואָס וואַקסן דאָרטן. מען האָט די אַנטלאָפענע שקלאַפן גערופן צוריק. די אייגנטימער פלעגן שיקן די הינט זיי אויסצוזעפינען אין זייערע באַהעלטענישן און דערנאָך זיי גיין כאַפּן... אַ סך זײַנען אומגעקומען אין די געיעגן... דורך די הינט אָדער דורך די מענטשן. עס פעלן ניט קיין פינצטערע יאָרן אין אונדזער נאָענטן נעכטן...

— איך גיי שוין אַוועק, גוטע נעכט! — האָט שלמהקע אַ ברום געטאָן. אפשר וועסטו קענען איבער אַ ביַיס זינגען? איך וועל דיך מאָרגן זען. גוטע נעכט!

— אויב גאָט וועט וועלן. זיַי געבענטשט.

*

שלמהקע האָט געלאָזט וויסן דעם אַלטן גערטנער אַז דעם קומענדיקן זונטיק איז ער פריַי. ער האָט אים איין מאָל געזאָגט:

— ס׳איז פאַראַן איין זאַך וואָס איך קען דיר ניט דערציילן מיט ווערטער... דאָס דאַרפסטו זען מיט דיַינע אויגן, נאָר דאַן וועסטו דאָס גלייבן. אויב דו האָסט פריַי דעם קומענדיקן זונטיק, וועל איך דיך נעמען אין שטעטל.

וואָס וויל ער מיר וויַיזן? — האָט שלמהקע געטראַכט — זיַין אינדיאַנער וויַיב, זיַינע קינדער, זיַין הויז? וואָס גרייט ער פאַר מיר?...

ווען שלמהקע איז דעם קומענדיקן זונטיק אין דער פרי צוגעקומען צום טויער פון „צענטראַל״. איז דאָרטן געשטאַנען מאַטעאָ און געוואַרט.

— גוטע מאָרגנס, סאָלאָמאָן. ס׳איז ניט נאָענט, נאָר ס׳איז ניט וויַיט. איך גיי דעם וועג אַלע טאָג. ניטאָ קיין בעסערער שפּאַציר. באַטראַכטסט די שיינקייט פון דער נאַטור און קיינער שטערט דיר ניט... אויף דעם וועג צו מיַין היים האָב איך שוין פייגעלעך וואָס קענען מיך און פליִען מיר נאָך. איך ווייס ניט, סאָלאָמאָן, וואָס עס איז מיר איַינגעפאַלן דיך צו שלעפּן צו אַ הענערגעשלעג. צעשטערט דיר אַ זונטיק. אפשר האָסטו גאָר געטראַכט גיין זען אַ מיידל. נאָר איך בין זיכער, אַז דו האָסט דאָס אין דיַין לעבן ניט געזען. איין מאָל מאַכט ניט אויס... אַ מענטש דאַרף אַלץ זען. דו וועסט ניט זיַין אין כּעס אויף מיר... נאָר דעם פאַרוואָלטער זאָלסטו דאָס ניט דערציילן.

דער אַלטער האָט אים אַ ציי געטאָן פאַרן אַרבל:

— זעסט דאָרטן אין דער הילצערנער געביַידע מיטן קיַילעכדיקן דאַך — דאָרטן איז דאָס...

זיי זיַינען אַריַין דורך אַ צעעפנטער טיר.

שלמהקע קוקט זיך אַרום. אויף בענק אַרום דעם לידיקן צענטער פון דעם אַלטן הויז, וואָס זעט אויס ווי אַן אויפגערוימטע שטאַל, זיצן ווײַסע, שוואַרצע, מולאַטע, געלע. ס'איז אַ שטאַרקער געפילדער. אַ מאַן לויפט אַרום מיט אַ פעקל געלט אין האַנט: „איך שפּיל אויפן 'גרויען'. ווער וויל שטעלן אויפן 'ברוינעם'? דרײַ פאַר איינעם. אויב דער 'ברוינער' באַזיגט, צאָל איך דרײַ פאַר איינעם". אַ סך דערלאַנגען אים געלט, זיי זאָגן אים אַ נאָמען, קוקן אים אַרײַן אין פּנים צי ער זעט זיי, צי ער וועט זיי דערקענען...

ס'באַווײַזט זיך אַ צווייטער — ער שפּילט אויפן "ברוינעם" האָן. ער צאָלט צוויי פאַר איינעם. קיינער שפּילט ניט אויפן "גרויען", אַלע האָבן געשטעלט אויפן "ברוינעם". דער באַנקיר וואָס שפּילט אויפן "גרויען" האָט אַרויסגערופן צוטרוי...

פון ביידע זײַטן פון לידיקן צענטער, פון הינטער פאָרהאַנגען קומען אַרויס צוויי מענטשן, אָפּגעברענטע פון דער זון. יעדער האַלט אַ האָן אין די הענט. זיי רייצן איינעם קעגן צווייטן פון דער ווײַטן. די הענער רײַסן זיך מיט רוגזה. עמעצער גיט אַ פײַף און ביידע מענטשן לאָזן אַראָפּ די הענער אויף דער ערד און גיבן זיי אַ שטויס איינעם צום צווייטן. די הענער האַלטן זיך אַ ווײַלע פון דער ווײַטן, ווי זיי וואָלטן באַטראַכטן איינער דעם אַנדערן. ס'ווערט אַ געפערלעכער געפילדער, געשרייען ווי וועלף וואָלטן בילן. די הענער דערשרעקן זיך און לויפן איינער אויפן צווייטן. זיי בײַסן זיך מיט די לאַנגע שפּיציקע שנאָבלען, זיי רײַסן איינער דעם צווייטן מיט די פאַרשאַרפטע נעגל. איינער וויל אַנטלויפן. דער מענטש הינטערן פאָרהאַנג טרײַבט אים צוריק... ער לויפט צוריק מיטן גאַנצן כּוח. די צוקוקער וואַרפן זיך גלײַך ווי די הענער... זיי ווילן העלפן דעם ברוינעם האָן... אויב דער ברוינער וועט געווינען וועלן זיי געווינען... ביידע הענער ליגן אויף דער ערד און רײַסן זיך מיט די פאַרשאַרפטע נעגל. דער גרויער הייבט זיך אויף. דער ברוינער בלײַבט ליגן מיט אַ צעריסן קעפּל. ס'גיסט זיך בלוט... די געשרייען פאַרשטאַרקן זיך. דער געפאַלענער האָן וויל זיך אויפהייבן און קען ניט. ער ציט אויס דאָס קעפּל...

— אָפּגענאַרט! מען האָט אונדז אָפּגענאַרט!

די גוואַלדן זייַנען ווילד. אַלע שרייַען פאַרצאַרנט, אַלע האָבן געשטעלט אויפן ברוינעם. מען האָט זיי פריִער געוויזן די הענער אויפן הויף. דער ברוינער האָט אויסגעקוקט דער שטאַרקער... דער מאַן וואָס האָט געשפּילט אויפן גרויען און צוגענומען ביי אַלעמען דאָס געלט איז שוין ניטאָ... ער האָט זיך אָפּגעטראָגן מען זאָל זיך אויף אים ניט וואַרפן...

שלמהקע זיצט אַ פאַרטראַכטער. ער וויל פאַרשטיין ווי אַזוי מענטשן קענען זיך צוקוקן צו אַזאַ ווילדער הריגה צווישן צוויי אומשולדיקע עופות. אין זייַן קאָפּ שווינדלט: „אפשר דאַרף מען די הריגות צווישן אָרעמע עופות צופרידנצושטעלן די בלוט־דורשטיקייט פון די מענטשן? אין שפּאַניע דער אָקסנקאַמף. דאָרטן פאַרמעסט זיך דער מענטש מיטן ווילדן צערייצטן אָקס. דאָ לאָזט מען די עופות אַליין זיך אומברענגען. ווי אַזוי קענען מענטשן פילן אַזאַ עקסטאַז, אַזאַ ווילדע פרייד אין טויט פון אַ נעבעכדיקן האָן? כ'קען דאָס ניט פאַרשטיין!".

קאַפּיטל זיבן

אין מאַיאָרי אויפן מאַרק

שלמהקע האָט אַ צי געטאָן צו דער קראָם וואָס ער האָט דאָס פאַריקע מאָל ניט באַזוכט. ער האָט געוואָלט זען נייַע מענטשן.

ביים באַטרעטן די שוועל האָט ער דערהערט ווי מען רופט אויס מיט אַ פּוילישן אַקצענט, פון הינטער אַ פּאָליצע:

— אַבראַשע! קום העלף מיר אַראָפּנעמען דאָס קעסטל.

שלמהקע האָט פאַרשטאַנען לויטן רוף, אַז אַבראַשע איז דער אָנגע־שטעלטער...

איינער פון די קרעמער האָט פון הינטער דעם טובאַנק אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס זוכט איר?

— איך וויל זען אַבראַשען.

דער מאַן האָט אַ ווײַלע אָנגעקוקט דעם יונגן גאַסט מיטן ווײַסן העמד:
— אַבראַשע רעדט ניט קיין שפּאַניש.
— יידיש רעדט ער?
דער מאַן איז געוואָרן אומרויִק.
— באַלד קומט אַבראַשע... ס׳מוז זײַן אַבראַשע!... ס׳מוז זײַן אַבראַשע?...
— ניין, ס׳מוז ניט זײַן אַבראַשע, ס׳מעג זײַן אַ צווייטער, נאָר ניט איר. ווו איז אײַער גוט־מאָרגן?
— ווען כ׳דאַרף יעדן זאָגן גוט־מאָרגן וואָלט מיר טרוקן געוואָרן אין האַלדז. אָט האָט איר אַבראַשען...
אַבראַשע, אַ יונגער בחור מיט אַ הויכן שטערן, אַ פּאָר קלוגע אויגן, איז צוגעקומען צו שלמהקען, אויסגעשטרעקט די האַנט:
— שלום־עליכם. איך זע אײַך דאָ דאָס ערשטע מאָל. מעג איך וויסן פון וואַנען איר קומט?
— איר מיינט פון וואַנען איך שטאַם.
— דאָס איז אויך אינטערעסאַנט, נאָר אײַער יידיש האָט אײַך שוין פאַרמסרט. איר זײַט אָדער פון ביאַליסטאָקער געגנט און אפשר פון אַרום ווילנע.
— אַ שטעטל ניט ווײַט פון ביאַליסטאָק.
— שוין לאַנג אויפן אינדזל?
— שוין זעכצן מאָנאַטן.
— איך בין דאָ שוין אַ לענגערע צײַט, פון די ערשטע אימיגראַנטן נאָך דער מלחמה. איך אַרבעט דאָ בײַ די דרײַ ברידער. זיי שטאַמען פון וואַרשע, האָבן זיי ליב צו רעדן פּויליש. איך האָב ליב יידיש. ניט אַלע מאָל פאַרשטיי איך זיי... ניט אַלע מאָל פאַרשטייען זיי מיך... ניטאָ קיין ברירה. קיין פּאַכמאַן בין איך ניט, לאָזט מען אַראָפּ דעם קאָפּ. די שפּראַך קען איך נאָך ניט... אָט באַלד וועט איר זען. זיי וועלן ווערן אין כעס וואָס איך רעד מיט אײַך...
— אַבראַשע! וואָס שטייסטו דאָרטן?!...
— איך האָב אײַך געזאָגט... מײַן נאָמען איז ניט אַבראַשע. מען האָט

מיך שטענדיק גערופן אַברהם. מײַן מאַמע פלעגט מיך רופן אַברעמעלע, האָבן זיי מיך אַ נאָמען געגעבן אַבראַשע. זיי רופן זיך מיט גויִישע נעמען. אָט קומט ער שוין...

— איר זאָגט אַז איר ווילט אײַנקויפן סחורה. וועלכע סחורה? ווו שטייט איר? ס׳ווענדט זיך אָן דעם פּלאַץ. אין אַ שטעטל איז איין סאָרט סחורה, אין אַ צענטראַל דאַרף מען אַרבעטערקליידער, אויף אַ מאַרק דאַרף מען ביליקע...

דער קרעמער, וועמען שלמהקע האָט גלײַך פון אָנהייב ניט געקענט פאַרטראָגן, איז צוגעקומען און זיך געשטעלט לעבן אַבראַשען. שלמהקע האָט אָנגעקוקט זײַנע וואָנצעלעך, די גרויסע ברעמען און רויטלעך פּנים און האָט זייער קלאָר אַ זאָג געטאָן:

— איך בין געקומען אײַנקויפן פאַר אַ קראָם וואָס איך וועל עפענען... איך דאַרף ניט קיין צוויי פאַרקויפער, איך האָב גענוג מיט איינעם. איר קענט לאָזן אַבראַשען ער זאָל מיט מיר האַנדלען? טאָמער ניט איז „אַ גוטן טאָג״.

— צאָ פּאַן מווי? קע דיסע?... וואָס זאָגט איר?... אַבראַשע...

— אָט דאָס וואָס איר האָט געהערט — האָט שלמהקע געענטפערט אין שפּאַניש.

אַבראַשע האָט אָנגעקוקט שלמהקען ווי ער וואָלט ניט געגלייבט וואָס ער הערט. דער קרעמער האָט זיך אָפּגערוקט און געלאָזט אַבראַשען אַליין.

— זאָלט איר זײַן געזונט... ווען איך קען דאָס אים זאָגן. ווו גייט איר עפענען די קראָם?

— כ׳וועל דיר זאָגן, נאָר זיי דאַרפן דאָס ניט וויסן... איך האָב ניט קיין שום אָנונג אין די סחורות. כ׳וועל זיך אין גאַנצן פאַרלאָזן אויף דיר. דאָס וואָס דו גלייבסט אַז ס׳טויג ניט, זאָלסטו מיר ניט געבן, זאָלסט מיר געבן די בעסטע פּרײַזן. בײַ דיר וועל איך קויפן פאַר פיר הונדערט ביז פינף הונדערט פּעזעס. וועסט מיר דערנאָך זאָגן ווו נאָך קען איך אײַנ־קויפן מיט צוטרוי.

— פינף הונדערט פּעזעס? איר וועט צאָלן מזומן?... לאָזט מיך

רעדן צו יאַקובן. ער מוז אײַך געבן הורטפּרײַזן, איר זײַט ניט קיין פּעדלער...

אַבראַשע איז צוגעלאָפן צום עלטסטן ברודער:

— ער וועט קויפן פאַר פינף הונדערט דאָלער, אין גאַנצן מזומן... ער וויל גוטע פּרײַזן.

יאַקוב האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: „דאָבזשע — גוט...".

— איך האָב שוין פאַר דיר הורטאָווע פּרײַזן. — ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ ליסטע מיט נומערן. — מיר קענען שוין אַרבעטן.

— ווײַז מיר די אַרטיקלען, זאָג מיר די נעמען... זאָג מיר וויפל איך דאַרף קויפן. בײַ מיר פרעג ניט. איך בין אין דעם ווי אַ האָן אין „בני־אָדם"... איך פאַרלאָז זיך אויף דיר. זע ס׳זאָל ניט באַטרעפן מער ווי איך האָב דיר געזאָגט. איך וויל אויך קויפן אין די אַנדערע קראָמען...

— ווי איז דײַן נאָמען? איך האָב ליב ווי קלאָר דו רעדסט, ווי קלאָר דו טראַכסט... אַ גוטער געדאַנק, וועסט האָבן אַ בעסערן אויסוואַל. יעדע קראָם האָט אַנדערע אַרטיקלען... נאָר מיר זײַנען די גרעסטע.

— מײַן נאָמען איז שלמהקע, נאָר איך זע אַז מען וויל מיר שוין בײַטן דעם נאָמען, מען רופט מיך שוין סאָלאָמאָן.

אַרום צוועלף דעם זייגער איז שוין געווען אָפּגעלייגט די סחורה און פאַרטיק דער חשבון.

— זאָג דײַן בעל־הבית אַז דו גייסט מיט מיר עסן און דערנאָך וועסטו גיין מיט מיר אַרויסנעמען געלט פון באַנק. וועסט אַלץ אײַנפּאַקן. איך וועל אײַנקויפן אין די אַנדערע קראָמען און מיר וועלן זען ווי אַזוי דאָס צו שיקן קיין מאַיאַרי.

— וווּ איז דאָס? איך הער דאָס ערשטע מאָל דעם נאָמען. ס׳זײַנען דאָרט פאַראַן ייִדן?

— כ׳ווייס אַזוי ווי דו.

— שלמהקע, איך גלייב ניט אַז זיי וועלן מיך לאָזן גיין מיט דיר עסן...

— זיי וועלן דיך לאָזן. פרעג דעם עלטערן, פרעג ניט דעם מיט די

וואַנצעס. זאָג אים, אַז דו דאַרפסט גיין מיט מיר אין באַנק אַרויסנעמען דאָס געלט.

אַבראַשע האָט גערעדט מיטן עלטערן ברודער. יאַקוב איז צוגעקומען און באַגריסט שלמהקען.

— אַבראַשע וועט גיין מיט אײַך. מיר וועלן דערווײַל אײַנפּאַקן די סחורה. ווי וועט איר דאָס שיקן?

— איר דאַרפט מיר זאָגן, דאָס איז דאָס ערשטע מאָל.

אַבראַשע האָט אויפגעהויבן די אויגן צום בעל־הבית.

— סאָלאָמאָן וועט אײַנקויפן נאָך סחורה. ער וואָלט דאָס געדאַרפט נעמען מיט זיך. ס׳וועט אים לוינען זיך צו באַדינגען מיט א „פלעטשאַ"...

— ס׳קען זײַן. גייט עסן. מיר וועלן פּאַקן. דערנאָך וועט מען זען.

ווען שלמהקע איז צוריקגעקומען און באַצאָלט דעם באַטרעף האָט אים יאַקוב נײַגעריק געפרעגט:

איר האָט קרובים אין אַמעריקע?

— איך ווייס אַז איך האָב קרובים, איך האָב אָבער ניט זייער אַדרעס.

יאַקוב איז געבליבן פאַרוואונדערט: „האָט ניט קיין קרובים אין אַמע־ריקע און קויפט פאַר פינף הונדערט דאָלער סחורה..."

— איך האָב צו אײַך נאָך אַ בקשה. איך וויל אַז אַבראַשע זאָל מיר אַריבערפירן צום ייִדן מיט די צוויי זין און מיר העלפן אָפּקלײַבן אַ ביסל סחורה. איך וויל ניט קויפן די זעלבע וואָס איך האָב געקויפט בײַ אײַך. ער ווייסט וואָס ער האָט מיר פאַרקויפט.

יאַקוב איז געשטאַנען אין אַ פאַרלעגנהייט.

— מיר רעדן ניט מיט זיי. איך ווייס ניט צי זיי וועלן זײַן צופרידן... מיר זײַנען דאָך קאָנקורענטן.

— איך רעד מיט זיי — זיי זײַנען ניט מײַנע קאָנקורענטן... האָט אַבראַשע הכנעהדיק געזאָגט, און גלײַך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָס ניט געדאַרפט זאָגן...

יאַקוב האָט אַ ווײַלע געטראַכט און מיט אַ שווערן געמיט אַ זאָג געטאָן:

— אַבראַשע, גיי מיטן סעניאָר... זאָלן זיי זען אַז מיר זײַנען ניט קיין שונאים.

אַבראַשע האָט געהאָלפן אָפּלייגן די סחורה, וואָס שלמהקע האָט אײַנגעקויפט בײַם טאָטן מיט די צוויי זין, און איז אַוועקגעלאָפן צוריק צו דער אַרבעט. דער אַלטער האָט גלײַך דערקענט שלמהקען און זיך מיט אים דערפרייט.

— איך האָב געוווּסט אַז איר וועט מאַכן אַ קראָם!

ווען סאָלאָמאָן איז צוריקגעקומען, איז דער ברודער מיט די וואָנצעלעך אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַ פרײַנדלעכן שמייכעלע.

— שוין פאַרענדיקט? אײַנגעקויפט... ווען פאָרט איר אַוועק? ווי וועט איר נעמען די סחורה? פינף גרויסע פּעק...

שלמהקע האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג אים צו פאַרשאַפן אַ ביסל פאַרדראָס און אים אַ זאָג געטאָן:

— איך ווייס נאָך ניט, כ׳וועל נאָך אפשר מאָרגן אײַנקויפן נאָך אַ ביסל סחורה.

— בײַ אונדז?

— בײַ אײַך האָב איך דאָך שוין געקויפט.

— איר האָט געוויס קרובים אין אַמעריקע...

— ניין! איך האָב ניט קיין קרובים אין אַמעריקע. אַבראַשע! איך שטיי אין האָטעל „קאָלאָן". איך וויל דו זאָלסט בײַ נאַכט צוקומען וועט מען אַ ביסל שמועסן.

— כ׳וועל קומען אַרום ניַין דעם זייגער. מיר אַרבעטן ביז ניַין...

די באַקאַנטשאַפט צווישן די צוויי יונגע אימיגראַנטן האָט אָנגעהאַלטן פאַר צענדליקע יאָרן, זיך פאַרוואַנדלט אין פרײַנדשאַפט ביז דעם סוף...

*

לאַנגע שעהען זײַנען אָפּגעזעסן שלמהקע מיט זײַן נײַעם באַקאַנטן אין וואַרטזאַל פון האָטעל. פאַרן גאַנצן יאָר אין דער פרעמד האָט שלמהקע אַזוי פיל ניט גערעדט ווי דעם בײַנאַכט. ער האָט דערציילט זײַנע איבער־

לעבונגען ביַים אַרבעטן אויף דער ליניע, אויף דער באַן און אין „צענ־טראַל״.

פלוצלינג, ווי עפּעס וואָלט אים אַ שטאָך געטאָן, ווי עפּעס אומ־אָנגענעמס וואָלט אים געשראָקן, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— דו קלערסט אַז איך טו גוט וואָס איך פּאַר אויף הפקר אין אַ שטאָט וואָס איז מיר פרעמד?

— דאַרפסט ניט מורא האָבן. דו האָסט אַ שטאַרקן כאַראַקטער...

שלמהקע האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— דיַין כאַראַקטער איז שטאַרק ווען אַלץ גייט כשורה... דער כאַראַק־טער פון אַ מענטשן איז אָפּהענגיק אָן די אומשטענדן. טאָמער גייט דיר מיט דער פוטער אַראָפּ, צעפאַלט זיך דער שטאַרקסטער כאַראַקטער.

— דו ווייסט אַז היַי יאָר זיַינען אָנגעקומען אַ סך ייִדן אין קובאַ?

— איך ווייס גאָרניט, איך בין אַ גאַנץ יאָר געווען אָפּגעריסן פון אַלץ און אַלעמען. דערצייל מיר.

— די מערסטע אימיגראַנטן קומען מיטן ציל אַריַינצופאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן צו קרובים. זיי שטייען דאָ אַ יאָר ביז זיי קריגן די וויזעס און פאָר אַוועק. די מערסטע קריגן שטיצע פון זייערע קרובים. די וואָס קומען אויף בליַיבן דאָ אָרדנען זיך איַין ביַי וואָס מען קען. אין די שפּאַנישע פאַבריקן איז שווער אַריַינצוקומען, אויסער אויב דו ביסט אַ פאַכמאַן. די ייִדישע פאַבריקאַנטן גיבן אַרויס די אַרבעט אין די היימען. דאַרפסט נאָר האָבן אַ „זינגער״־מאַשין. זיצן די אימיגראַנטן און נייען הויזן, גאַטקעס, ביז צוועלף ביַי נאַכט אין די צימערן ווו זיי וווינען, אין קיך, אין דורכגאַנג, אַרבעטן אויס דאָס עסן און צו באַצאָלן דירה־געלט. אַ ביטערע לאַגע... משפחות מיט עלטערע קינדער לעבן אין איין צימער... אַלע — דער טאַטע, די מאַמע און די קינדער — נייען גאַטקעס... ס׳זיַינען שוין דאָ ייִדן מיט געשעפטן, זיי ברענגען סחורה פון אַמעריקע. אַ מזל־זאַך. די דריַי ברידער ווו איך אַרבעט, ס׳גייט זיי גאָר גוט, זיי גרייטן זיך אַריבערצופאָרן אין האַוואַנאַ.

שלמהקע האָט אים איבערגעהאַקט די רייד.

— דו קלערסט, אַז איך טו גוט? דאַכט זיך אַז איך האָב ניט געטאָן קיין גרויסע חכמה. פאַרדינט פופציק פעזעס אַ וואָך מיט אַ צימער.

— ווי אַזוי קלערסטו זאָל איך שיקן די סחורה?

— די בעסטע זאַך מיט דער „לאַ פלעטשאַ" („פײַל פון בויגן"). דאָס זײַנען קליינע אויטאָבוסן וואָס פירן פּאַסאַזשירן און אויפן דאַך פירן זיי משׂא. די סחורה קומט אָן גלײַך מיט דיר.

— ווען פאָרן זיי אַרויס?

— מיר וועלן צוגייך צו זייער סטאַנציע — אַ פּאָר גאַסן פון דאַנען.

שלמהקע האָט אָפּגערעדט מיטן שאָפער, אַז ער וועט אויף אים וואַרטן אַכט אין דער פרי אונטן אין האָטעל. פון דאָרטן וועט מען פאָרן נעמען די פעקלעך אין ביידע קראָמען. די „פלעטשאַ" פאָרט פריִער קיין טונאָס און פון דאָרטן וועט מען פאָרן אין מאַיאָרי. מען דאַרף אָנקומען פאַר נאַכט...

*

ווען שלמהקע איז שפּעט בײַ נאַכט אַרויסגעגאַנגען פון אויטאָבוס האָט ער ניט געפילט זײַנע גלידער.

— דאָ האָסטו דעם האָטעל! — האָט דער שאָפער געשריגן פון דאַך.

— כאַפּ אָן דאָס פּעקל. זיי וועלן זיך צעשיטן אויב איך וואַרף אַראָפּ...

— וואַרט, וואַרט אַ ווײַלע. לאָז מיך אויסגלײַכן די פיס... דײַן מאַשין האָט מיר צעמאָלן די ביינער... דו פליסט טאַקע ווי אַ פײַל פון בויגן...

שלמהקע האָט אַרויפגעקוקט צום דאַך פון אויטאָבוס און דערזען דעם הילצערנעם צוויי־שטאָקיקן האָטעל:

— ווער וועט דאָס מיר העלפן אַרויפשלעפּן אויף די טרעפּ?... — האָט ער געטראַכט.

— ווילסט איך זאָל דיר העלפן אַרויפשלעפּן די פּעק אין האָטעל וועסט מיר געבן אַ פעזע?

דעם בעל־הבית פון האָטעל זײַנען די נײַן פּעק ניט געווען צום האַרצן.

— כ'וועל דיר געבן אַ גרויס צימער. וועסטו האָבן וווּ אָוועקצולייגן אַזוי פיל פּעק. ווי לאַנג וועסטו דאָ שטיין?

— כ׳ווייס ניט. מאָרגן וועל איך דיר זאָגן.

— אויב דו ווילסט עסן דאַרפסטו שוין אַראָפּגיין אין רעסטאָראַן, מען גייט שוין פאַרמאַכן.

— איך וויל ניט קיין עסן. איך וויל רוען. שוין צוועלף שעה ווי איך פאָר אַן אויפגעקאָרטשעטער אין דער „פּלעטשאַ״... אַזוי ווי הערינג אין אַ פאַס האָט ער אונדז אַרײַנגעשטופּט און ווער ס׳מאַכט מיט דער האַנט שטעלט ער זיך אָפּ און נעמט אַרויף... ער האָט פּלאַץ פאַר אַלעמען. „גיט אײַך אַ רוק... וועט ער אַרײַנגיין...״

שלמהקע האָט אַרײַנגעשלעפּט די פּעק אין צימער, זיי נאָך אַ מאָל איבערגעציילט, זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט און אײַנגעשלאָפן.

שלמהקע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון שלאָף: „וואָס ליג איך?״. אין צימער איז געווען פינצטער. פון קאָרידאָר האָבן דורך די שפּאַרונעס אַרײַנגעשײַנט שטרײַפן ליכט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגערל וואָס ער האָט געבראַכט פון דער היים. „איינס בײַ נאַכט. ווו וועל איך איצט גיין?״. אַן אומרו האָט אים באַהערשט, ווי ער וואָלט פאַרבלאָנדזשעט אין די טיפענישן פון אַ וואַלד, אַ געפיל פון חרטה האָט ניט אָפּגעלאָזט. ס׳האָט פון אים געריסן שטיקער: „וואָס איז מיר אײַנגעפאַלן צו זוכן גליקן?...״. אַ „שטאַרקער כאַראַקטער״ האָבן אים אַ קלונג געטאָן אַב־ראַשעס רייד... „וואָס טויג דיר דײַן כאַראַקטער, אַז דו ווייסט ניט ווו דו ביסט״. ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַרויס צום קאָרידאָר און אויפגעזוכט די טרעפּ צו דער גאַס.

איינצלנע מענטשן האָבן זיך געזען אויף דער גאַס. ער איז אַראָפּ־געגאַנגען עטלעכע טריט און געבליבן שטיין: „ווו?... ווו איז דער מאַרק? ווו איז דער וועג?... וווהין גייט ער?״

דאָס אָנגעשטרענגטע טראַכטן, די איינזאַמקייט, די פרעמדקייט פון אַרום האָט נאָך פאַרשטאַרקט זײַן פאַרלוירנקייט. דער געדאַנק האָט אים אַ טראָג געטאָן פאַר טויזנטער מײַלן... צום אַלטן מאַרק... אַ שוואַרצע געדיכטע פינצטערניש האָט פאַרדעקט דאָס שטעטל. די שײַן פון די לעמפּלעך האָט זיך ניט געקענט אַדורכרײַסן דורך די שײַבלעך, ניט געקענט באַלײַכטן איין שפּאַן פון דער פינצטערניש. ס׳האָט זיך געהערט דאָס

שאָרכן פון געטשוועקלטע שיך אויפן ברוק. די נאַכט האָט אײַנגע־וויקלט אין חשכות אַלץ — הײַזער,ביימער, בריקלעך, פּאַרקאַנעס, דעם אַלטן מאַרק — איין שטיק פּעכיקע שוואַרצקייט. די הינט אין די בודעס, אויף די פּאָדוואָרכעס האָבן דערפילט אַן אומעט און זיך ביטער פונאַנדער־געבילט. אַ גרויל איז אַדורך איבערן לײַב. אַלע מאָל ווען שלמהקע הערט דאָס געביל פון הינט דערמאָנט ער זיך: „כּלבים בוכים, מלאך המות בא לעיר". דער מלאך־המוות האָט זיך פּאַרטײַעט אין דער פינצטערניש און געזוכט חיה־רחל לייזערס דעם שמידס. ער האָט ניט אָפּגעטראָטן ביז ער האָט בײַ איר צוגענומען אירע יונגע קינדער, אירע ערשטע אייניקלעך, איר קליינינקן מאַן...

„שלמהקע" — האָט ער צו זיך געזאָגט — „ביסט אַראָפּ פון זינען... ווו ביסטו?".

ס'איז פאַרבײַגעגאַנגען אַ מאַן וואָס האָט לויט זײַן אַנטועכץ אויסגעזען צו זײַן אַ בעקער.

— ווו איז דער מאַרק?

דער מאַן האָט אים אַנגעקוקט:

— דער מאַרק? קום מיט מיר. איך אַרבעט לעבן מאַרק אין אַ בע־קערײַ.

אין באַגלייטונג פון בעקער האָט זיך געביטן שלמהקעס שטימונג. זײַן געדאַנק איז געוואָרן קלאָר.

— וואָס גייסטו איצט, בײַ נאַכט, אויפן מאַרק?

— איך ווייס ניט... איך ווייס ניט ווי דאָס דיר אויסצוקלערן... איך בין דאָ אַ פרעמדער. איך בין געקומען נעכטן. ניין! הײַנט בײַ נאַכט. איך האָב געבראַכט סחורה צום פאַרקויפן... אויפן מאַרק, נאָר איך האָב נאָך ניט קיין אָרט... מען לאָזט זיך שטעלן אויפן מאַרק?

שלמהקע האָט גערעדט אָפּגעריסענע זאַצן, אומזיכערע. ער האָט ניט געוווּסט צי ער דאַרף רעדן צי ניט... אפשר טוט ער זיך אַ שאָדן.

דער בעקער האָט אים אַרויפגעפירט אויפן מאַרק.

— ווו קען איך זיך שטעלן?... ווו קען איך קריגן אַ טישל?...

— וואָס פאַראַ סחורה וועסטו פאַרקויפן?

— דאַמעננזאַכן.

— אָט דאָ שטעל זיך, בײַם אַרײַנגאַנג, הינטער דער קאָלומנע. דאָס איז דער בעסטער פּלאַץ פֿאַר דער סחורה. זײַ ניט באַזאָרגט... אָט דאָ אַנטקעגן אין דער בעקערײַ אַרבעט איך. מײַן נאָמען איז כּואַן.

שלמהקע איז אַ װײַלע געשטאַנען, באַטראַכט דעם מאַרק, דעם פּלאַץ װאָס דער בעקער האָט אים אָנגעװיזן. ס׳האָט געשלאָגן אַ ריח פֿון פֿיש, פֿון גרינצײַג.

— מען װעט מיך ניט אַראָפּװאַרפֿן ? אפֿשר איז דאָס עמעצנס פּלאַץ ? כ׳װעל גײן ברענגען די פּעקלעך...

ער איז געלאָפֿן פֿון מאַרק צום האָטעל געשטויסן פֿון שטאַרקן אימפּעט, װי ער װאָלט זיך װעלן דורכרײַסן דורך אַ שװערער צאַם... ער האָט אַ נעם געטאָן אַ גרױסן פּאַק:

— אין דעם ליגן די דאַמענװעש, די זאָקן... װי װעל איך ברענגען דעם צװײטן פּאַק ? װער װעט היטן דעם ערשטן ?... טראָג, טראָג. טראַכט ניט מער...

ער איז צוריקגעלאָפֿן מיטן פּאַק אויף דער פּלײצע און אָנגעהויבן אויסלייגן די סחורה אויף אַ פּאַפּיר.

ס׳איז צוגעקומען דער אויפֿזעער פֿון מאַרק, ער האָט באַטראַכט שלמהקען, זײַן אימפּעטדיק אַרבעטן:

— װעסט דאַרפֿן צאָלן אַ פּעזע אַ טאָג פֿאַרן פּלאַץ. דערפֿאַר װעל איך דיר געבן אַ טישל אַרױפֿצולײגן די סחורה.

שלמהקען איז געװאָרן לײַכטער אויפֿן האַרצן. די שרעק האָט נאָכגעלאָזט. ער האָט זיך דערפֿילט װי אַן אַרטיקער... פֿאַרן ערשטן פּעזע האָט דער אויפֿזעער אים געבראַכט אַ גרױסן טיש און צוגעגעבן:

— אויב דו האָסט מער סחורה, װעל איך דיר געבן נאָך אַ טישל...

שלמהקען איז געװען שװער צו פֿאַרשטײן. דער אויפֿזעער האָט גערעדט ניט קלאָר. „װאָס זאָגט ער, ער װאָלט מיר געגעבן נאָך אַ טישל. ער װײס אַז איך האָב נאָך סחורה ?".

— װי איז דײַן נאָמען ?

— סאַלאָמאָן...

— דו האָסט נאָך סחורה?
שלמהקע האָט געשוויגן. ניט געוווּסט ווי ס׳איז בעסער...
— איך האָב נאָך אַ פּעקל...
— איך וועל דאָ היטן. האָב ניט קיין מורא, ס׳וועט דיר גאָרניט פּעלן. הײַנט איז אַ גרויסער מאַרקטאָג, דו וועסט אַלץ פאַרקויפן.
שלמהקע איז אַ ווײַלע געבליבן אַ צעשראָקענער. זאָל ער אים לאָזן די סחורה... דעם גרעסטן פּאַק? ער וועט היטן?...
— סי! סי! — האָט שלמהקע איבערגעחזרט. איך גיי ברענגען.
אַנטקעגן מאַרק איז געשטאַנען אַ ליידיקע קראָם. אויף די שמוציקע פענצטער איז מיט אָפּגעריבענע אותיות געווען אויפגעשריבן „דאַמען־אַרטיקלען". די אותיות האָבן אַ שניט געטאָן שלמהקען אין די אויגן: „די זעלבע אַרטיקלען וואָס איך האָב געבראַכט... פאַר וואָס האָבן זיי פאַרמאַכט? איך דאַרף ניט קיין קראָם...".
שלמהקע איז געקומען צו לויפן מיט נאָך אַ פּעקל. זײַן פּנים האָט אויפגעשײַנט ווען ער האָט דערזען די סחורה אויפן טיש. דער אויפזעער האָט גלײַך געבראַכט נאָך אַ טיש. שלמהקע האָט דערזען אַ גאַנץ קראָם פאַר זיך. נאָך איידער ער האָט באַוויזן אַרויסצולייגן די סחורה זײַנען שוין געשטאַנען קונים.

קאַפּיטל אַכט

פון די טישלעך אויפן מאַרק צו אַ קראָם

שלמהקע האָט מצליח געווען. דער האַנדל אויפן מאַרק האָט געבליט. ער האָט אָפּגעפאַרבט די גרויע טישלעך אויף ווײַס, צוגעקלאַפּט העכערע ברעטלעך צו די ראַנדן, ס׳זאָל זיך אויסלייגן מער סחורה און ניט אַראָפּפאַלן. ס׳האָבן זיך געמערט די פּעקלעך אין האָטעל־צימער און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן קלײַבן געלט. ער האָט געעפנט אַ קאָנטע אין באַנק.
פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג מיטן פאַרקויף, מיט באַשטעלן דורכן טעלע־

פאַן בײַ אַבראַשען אין קאַמאַגואיי. די „דרײַ ברידער" האָבן ניט געפרעגט אויף געלט, זיי פלעגן גלײַך אַרויסשיקן די באַשטעלונגען. ער האָט אָנגע־הויבן אײַנקויפן נײַע אַרטיקלען בײַ די רײַזנדיקע פאַרקויפערס פון האַוואַנאַ.

כאָטש ער האָט שוין געהאַט אַ געהילף צו טראָגן די פעקלעך פון און צום האָטעל, איז אים דאָס אויספּאַקן און אײַנפּאַקן טאָג־טעגלעך גע־פאַלן ווי אַ שווערע משׂא. קרעמער, וואָס זײַנען שוין לאַנגע יאָרן גע־שטאַנען אויפן מאַרק, האָבן געהאַט אויפגעבויטע גרויסע שאַפעס ווּ זיי פלעגן פאַרבאַהאַלטן די סחורה. אויף דעם אָרט ווּ שלמהקע איז געשטאַנען האָט מען אַזעלכע שאַפעס ניט געקענט אויפבויען. ער איז געשטאַנען צווישן צוויי אַרײַנגענג וואָס זײַנען געווען אַ ברכה פאַרן האַנדל, אָבער אַ חסרון צו קענען האַלטן די סחורה.

דורך די טעג איז שלמהקע געווען פאַרנומען מיטן מסחר, מיטן אײַנ־קויפן און פאַרקויפן. אָבער אין די נעכט האָט ער זיך געפילט עלנט און דערשלאָגן. ער פלעגט זיך וואַלגערן לאַנגע שעהן אויף זײַן געלעגער און טראַכטן: „אַ פוסט לעבן... איינזאַם. איך בין דאָ איין ייִד אין דער גאַנצער שטאָט... ווי לאַנג קען מען אַזוי לעבן ?...".

איין זונטיק האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פאַר טאָג מיט אַ פאַרלאַנג צו גיין אָנקוקן די שטאָט, די פעלדער אַרום, די בערג. „כ'וועל גיין זוכן דעם ים־ברעג וואָס רינגלט אַרום דעם אינדזל...".

דורכן פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צו אַ גרין־גאָלדענעם באַרג אָן געוויקסן, האָבן די גלאַנציקע שטיינדלעך און העלער זאַמד געבליאַסקעט אַנטקעגן די ערשטע זונשטראַלן. ס'האָט זיך דערהערט דער געקלאַנג פון קלויסטערגלאָק. דער געקלאַנג האָט אַרויסגערופן אין אים אַן אומרו: איין מענטש... אַליין... איינזאַם... ס'האָט זיך געפּלאָנטערט אין זײַן גע־דאַנק: „פאַר וואָס שרײַב איך ניט צו אַבראַשען ער זאָל קומען, פאַר וואָס שרײַב איך ניט צו מלכהן, חנה־דינהס טאָכטער, זי זאָל קומען...". ער איז אַרויס אין גאַס.

שלמהקע האָט געקענט די גאַס פון האָטעל, אירע איינשטאָקיקע, צוויי־און דרײַשטאָקיקע מויערלעך. ער וווינט שוין אויף דער גאַס עטלעכע

חדשים, ער האָט אָבער קיין מאָל ניט באַמערקט אַז די גאַס איז ברוקירט מיט פּירקאַנטיקע אויסגעהאַקטע שטיינער, וואָס מען רופט „אַדאָקינעס״. ווער האָט געטאָן אָט די שווערע אַרבעט פון אויסטשעשען האַרטן שטיין פּירקאַנטיק און אויסלייגן אַ גלאַטע גאַס?

ער האָט באַמערקט אַז אַלע הײַזער האָבן גערטנער, אַ טייל ווילד פאַרוואָקסענע, אַנדערע מיט בלומען, מיט ביימער אויף וועלכע ס׳וואַקסן בונטע בלומען. ער האָט זיך געטראָגן איבער די גאַסן און אַרײַנגעקוקט אין די פּנימער פון די פאַרבײַגייער, דערקענט ענלעכקייטן צו מענטשן וואָס ער קען, וואָס ער געדענקט, נאָר זיי זײַנען דאָס ניט...

„זונטיק — זונטיק איז מײַן שבת. די לעצטע יאָרן בין איך ניט געגאַנגען מיט מײַן טאַטן אין שול, הײַנט וואָלט איך געגאַנגען... שבת...״ זונטיק זײַנען געווען אָפן די שענקען... שיכורים, געשלעגן. ער האָט געבענקט נאָך ייִדן, נאָך פרײַנד, נאָך אייגענע.

שלמהקע האָט דורכשפּאַצירט די שטאָט אין דער לענג און ברייט. אַלע אָרעמע געסלעך, נידעריקע הײַזקעס מיט איין פענצטער אין יעדער וואַנט. די דעכער געדעקט מיט „גוואַנאָ״ — אויסגעטריקנטע שמאַלע בלושטש-בלעטער פון דער קרוין פון פּאַלמעס. די קליינע גערטנער פאַר די הײַזקעס אָפּגעלאָזן, אָנגעוואָרפענע שטיינער אין שורות צום פאַרלײַכטערן דאָס דורכגיין אין בלאָטיקע טעג און ליידיקע פלעשער פון ראָם „באַקאַרדי״ און פון ביר זײַנען צעוואָרפן אומעטום.

די זון האָט, ווי אַ צעבערנטער רויטער פײַער, זיך אָנגעהויבן אַראָפּ-לאָזן הינטער די בערג פון מאַיאַרי. „איין הימל, איין זון, איין וועלט, אָבער ווי אַנדערש ס׳איז יעדעס ווינקל אויף דער ערד״ — האָט שלמהקע געטראַכט.

*

שלמהקע האָט אַריבערגעקוקט צו דער ליידיקער קראָם אַנטקעגן מאַרק, די זעלבע וואָס האָט אים די ערשטע נאַכט אין מאַיאַרי געשראָקן.

אין דער צווייטער העלפט פון דער איינשטאָקיקער געבײַדע איז געווען אַ פאַרקויף פון בלומען. איין פרימאָרגן איז שלמהקע אַריבערגעגאַנגען צום

אייגנטימער און זיך נאָכגעפרעגט וויפל ס׳איז דאָס דירה־געלט און ווער ס׳איז דער בעל־הבית.

נאָכן אויספּאַרבן, אָפּוואַשן די טירן און פענצטער האָט ער זיך אַריבערגעצויגן אין דער געדונגענער קראָם. ער האָט אַראָפּגעבראַכט אַלע פעק פון האָטעל־צימער. די קרעמער זייַנען אין די פרימאָרגן־שעהן אים געקומען ווינטשן הצלחה.

— אויב דו וועסט האָבן גוטע פרייַזן פאַר מיר, וועל איך קויפן בייַ דיר — האָבן עטלעכע סוחרים פון מאַרק אים אָפנהאַרציק געזאָגט.

דער אויפזועער פון מאַרק, אַ פרייַנד זייַט דער ערשטער ביטערער נאַכט... איז אַרייַנגעקומען מיט אַ שמייכל אויפן פּנים:

— דו געדענקסט וואָס איך האָב דיר געזאָגט? איצט קום איך דיר זאָגן אַז דו וועסט זייַן דער גרעסטער קרעמער אין מאַיאַרי.

אין הינטערשטן טייל פון קראָם איז געווען אַ צימער. די פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט צו אַ פאַרוואָקסענעם אָפּגעלאָזענעם הויף. שלמהקע האָט זיך אַרייַנגעצויגן אין דעם צימער.

פון פרימאָרגן ביז בייַ נאַכט האָבן ניט אויפגעהערט צו קומען קונים. „בוענאָס דיאַס, סאָלאָמאָן״ — האָט געקלונגען די באַגריסונג פון די פרייַנד־לעכע קונים. אין די שבתים איז פאַר שלמהקען ניט מעגלעך געווען צו באַדינען אַלעמען. אַ סך קונים האָבן זיך אַליין באַדינט. דאָס געשעפט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. ער האָט געטראַכט, ס׳וואָלט גוט געווען פאָרן אייַנקויפן אין האַוואַנאַ, נאָר ווער וועט ער איבערלאָזן אין קראָם? שלמהקע האָט דערפילט אַז ער קען מער ניט אַזוי, ער דאַרף צונעמען אַ מענטשן וואָס זאָל אים העלפן.

איין מאָנטיק אין דער פרי איז אַרייַנגעקומען אַ מיידל, אייַנפאַך אָנגע־טאָן, איר אָפן פּנים האָט אַרויסגערופן צוטרוי.

— איך בין ניט געקומען קויפן — האָט זי אָנגעהויבן זייער שטיל...

— דו האָסט שוין דאָ געקויפט.

— יאָ! אָבער הייַנט בין איך געקומען פרעגן צי איר דאַרפט עמעצן צו דער אַרבעט. מייַן משפּחה וווינט אויף לאַ פּאַלמאַ־גאַס. איך האָב געענ־דיקט די שול, איך שרייַב און רעכן גוט...

שלמהקע האָט זי אָנגעקוקט, זיך פֿאַרטראַכט אַ ווײַלע.
— ביסט געקומען אין דער ריכטיקער צײַט!
דאָס מיידל האָט ממש אָפּגעאָטעמט. אין דעם איז אַרײַנגעקומען אַ פֿרוי און זיך געווענדט צום מיידל וואָס איז געשטאַנען אויסער דעם טובאַנק.
— קען איך איר באַדינען?
— זיכער...
די פֿרוי האָט געקויפֿט פּאָר עטלעכע פּעזעס, געדאַנקט דאָס מיידל און איז אַוועקגעגאַנגען.
— ס'זעט אויס אַז דו וועסט קענען די אַרבעט. האָסט שוין געמאַכט די ערשטע פּראָבע.
— קען איך בלײַבן אַרבעטן? — איז זי נאָך אַלץ ניט געווען זיכער.
— וויפֿל ווילסטו פֿאַרדינען?
זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן.
— איר וועט מיר צאָלן וויפֿל איר וועט קענען. איך דאַרף דאָך פֿריִער זיך אויסלערנען. איך האָף אַז כ'וועל קענען.
— ווי איז דײַן נאָמען?
— מאַריסאָל.
— קענסט בלײַבן אַרבעטן.
אין געשעפֿט איז געוואָרן פֿריילעכער. מאַריסאָלס שפּאַניש האָט גע־קלונגען זייער אָנגענעם. דער פֿאַרקויף איז אָנגעגאַנגען גלאַט און אָן אַן איבעררײַס. שלמהקע איז געווען צופֿרידן.

*

איין פֿרימאָרגן, ווען מאַריסאָל איז געקומען, האָט ער איר געזאָגט:
— איך פֿאָר קיין האַוואַנאַ אײַנקויפֿן סחורה. דו אַרבעטסט שוין דאָ זעקס מאָנאַטן, דו קענסט דאָס געשעפֿט אַזוי גוט ווי איך, וועסטו בלײַבן...
— דו גלייבסט אַז איך וועל דאָס קענען אָנפֿירן? איך ווייס ניט...
— האָב ניט קיין מורא. אַ מענטש דאַרף זײַן זיכער אין זיך, אַ מענטש טאָר זיך ניט פֿאַרלירן. איך דערמאָן זיך מײַן ערשטע נאַכט אין מאַיאַרי...
שלמהקע איז געבליבן שטיל.

— דערציייל!

— איך קען ניט. פאַראַן איבערלעבונגען וואָס אַ מענטש דאַרף ניט איבערלעבן נאָך אַ מאָל... גענוג וואָס מען האָט זיי איין מאָל איבערגע־לעבט...

— ווען פאָרסטו?

— מאָרגן ביי נאַכט.

ווען מאַריסאָל איז אויף מאָרגן געקומען צו דער אַרבעט האָט זי געזאָגט שלמהקען:

— קענסט מיך לאָזן, וועסט זען...

אין דעם איז אין געשעפט אַריינגעקומען אַ דיקע מולאַטע פרוי. אויף איר אָנגעשטרענגטן צעשראָקענעם פנים איז געווען קענטיק אַז זי איז אין אַ צרה.

— סאַלאָמאָן! זי וויל מיר זאָלן איר באָרגן אַ בלוזע. אויב זי וועט אַרויסנעמען אין דער „טשאַראַדע״, וועט זי נאָך היינט אָפּצאָלן די צוויי דאָלער, אויב ניט, וועט זי דאָס אָפּגעבן אַ צווייטן טאָג... איר מאַן האָט איר געגעבן צוויי דאָלער אויף אַ בלוזע. זע ווי זי גייט... פאַרנדיק אין אױ־טאָבוס איז זי איינגעשלאָפן און ס׳האָט זיך איר געחלומט, אַז דער גאָט „פאַ״ וואָס האָט די מאַכט צו באַגליקן אין שפּיל האָט איר געזאָגט אַז זי וועט אַרויסנעמען אויפן נומער צוויי־און־צוואַנציק, האָט זי איינגעשטעלט די צוויי דאָלער, זי איז זיכער אַז זי וועט אַרויסנעמען... אויב זי קומט אַהיים אָן דער בלוזע וועט זי דער מאַן שלאָגן.

— גיב איר די בלוזע!

די מולאַטקע האָט גלייך אויפן אָרט איבערגעטאָן די בלוזע און אַריינ־געוואָרפן די אַלטע אין מיסטקעסטל.

שלמהקע האָט זיך איינגעקוקט ווי מאַריסאָל עפנט איר טייסטער און גיט דער מולאַטקע אַ מטבע.

— וואָס איז געשען?

— זי האָט מיר געבעטן צען סענט אויף אַ קאַווע מיט ברויט.

— זעסט, דאָס איז מיר ניט געפעלן...

— זאָג דאָס ניט, סאַלאָמאָן. הונדערטער קובאַנער שטעלן איין זייערע

לעצטע צען סעגט אויף אַ נומער... דערווײַל בלײַבן זיי אָן קאָווע. די האָפענונג צו געווינען איז שטאַרקער ווי דער הונגער...

אין אַ ווײַלע אַרום איז די מולאַטקע אַ פּאַרסאָפּעטע אַרײַנגעפאַלן און געשעפּט מיט געשרייען פון פרייד און געוויין:

— איך האָב דיר געזאָגט! איך האָב דיר געזאָגט! „פאַ" דער גאָט האָט מיר געהאָלפן...

זי האָט געהאַלטן די האַנט אויפן האַרצן: „איך האָב דיר געזאָגט!".

פאַר די צוויי פּעזעס האָט זי אַרויסגענומען צוויי הונדערט. דאָס איז אַזאַ זעלטענע זאַך ווי זעלטן ס׳איז אַז זומער זאָל אין קובאַ פאַלן אַ שניי. די מולאַטקע האָט געקויפט אַלץ וואָס זי האָט געזען.

— אַ מענטש דאַרף גלייבן, אַ מענטש טאָר ניט פאַרלירן די האָפענונג — האָט זי געהאַלטן אין איין איבערחזרן.

*

שלמהקע האָט געביטן זײַנע פּלענער. ער וועט ניט פאָרן בײַ נאַכט, ער וויל פאָרן בײַ טאָג. ער וויל אָנקוקן דאָס לאַנד אין וועלכן ער קלײַבט זיך צו לעבן, ער וויל אָפּפילן די שפּירונג פון אַ מענטש ווען ער פאָרט מיט אַ ציל, ווען ער טרעט אויף אַ זיכערן באָדן, ווען ער ווייסט וווּ ער פאָרט... ווען קיינער פירט אים ניט. ער האָט פאַרנומען אַן אָרט בײַם פענצטער און אַרויסגעקוקט צו די גאַסן פון זײַן שטאָט.

— איצט איז בײַ אונדז זומער, שטאַרק הייס... האָט ער גערעדט צום שכן וואָס האָט זיך לעבן אים געזעצט.

— אונדזער ווינטער איז אַ פרילינגס־ווינטער. ניטאָ בײַ אונדז קיין ווינטער ווי אין צפון־אַמעריקע אָדער אייראָפּע. מיר זײַנען אַ טראָפּיש לאַנד. אין די ווינטער־מאָנאַטן איז די זון צאַרטער, זי ברענט ניט אַזוי שטאַרק ווי אין די זומער־מאָנאַטן.

שלמהקע האָט אַ שמייכל געטאָן אין זיך.

— דאָס דאַרפסטו מיר ניט דערציילן... איך ווייס גוט ווי די זון ברענט אין זומער.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער באַנליניע, אָן דער פּאַלאַטקע. ער

איז שוויַיגנדיק געזעסן בײַם פענצטער, אַרויסגעקוקט און באַוווּנדערט די שיינקייט פון די פעלדער. ס'האָט אַ בלאָז געטאָן אַ טראָפּיש ווינטל. ער האָט דערפילט די קילקייט פון ימיקע ברעגן געמישט מיטן ריח פון צוקער־זיסקייט. ער האָט דערפילט אַז די לאַנדשאַפט וואָס טראָגט זיך פאַרבײַ וואַקסט זיך אַרײַן אין אים. ער פילט אַ ליבשאַפט צו דער ערד און אין געדאַנק האָבן זיך געפלאָכטן ווערטער:

— איך האָב דיך ליב, מײַן נײַ לאַנד, איך האָב ליב ווי ס'גרינען דײַנע פּאַלמעס. ס'גייט מיר נאָך דער אַראָמאַט פון געברענטער קאַווע און די זיסקייט פון דײַן צוקער־קאַניע.

די שעהען זײַנען לײַכט געלאָפן. די זוניקע העלקייט, די גרינע פעל־דער האָבן געבלענדט זײַנע אויגן און אים פאַרשלעפערט אין אַ זיסן דרימל.

שלמהקע דערזעט אַ „קאַררעטאַ", אַ ספּעציעלער וואָגן מיט צוויי גרויסע רעדער אויף וואָס מען לאָדנט צוקערראָרן, געשפּאַנט אין אָקסן וואָס טרינקען זיך אין אַ בלאָטע. דער אָנטרײַבער שילט, שילט דעם טאָג וואָס ער איז געבוירן געוואָרן.

— גראָד הײַנט ווען איך האָב געוואָלט גיין זען מאַריסאָלן אויפן טאַנצאָוונט, פּונקט הײַנט שבת טרינקען זיך די אָקסן! — שרײַט ער.

שלמהקע האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן: „ווי קומט צו מיר אַזאַ חלום? איך האָב איין מאָל אויף אַ פעלד אין צענטראַל געזען אַן ענלעכע סצענע, אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט מאַריסאָלן?"

דער קאָנדוקטאָר האָט אָנגעזאָגט אַז מען פאָרט אַרײַן אין קאַמאַ־גוּאיי. שלמהקע האָט זיך גלײַך דערמאָנט אַן זײַנע ערשטע באַזוכן אין דער שטאָט. ער האָט געדענקט יעדע גאַס. ער האָט אַ טראַכט געטאָן צי ס'איז שוין אָנגעקומען דעם שוסטערס משפחה פון פּוילן, וועגן אַבראַשען וואָס אַרבעט בײַ די „דרײַ ברידער". עס זײַנען אויפגעשווומען די וואָכן וואָס ער האָט געאַרבעט אויף דער באַן — — —

*

אין האַוואַנאַ האָט שלמהקע באַזוכט די קראָמען מיט וועלכע ער האָט

געהאַט פאַרבינדונגען. קוקנדיק אויף די שילדן איז ער געוואָרן איבער־ראַשט פון דער צאָל ייִדישע נעמען: זונענשטראַל, גרינפעלד, פעלדשטיין. ייִדן פאַבריצירן אַלע סאָרטן קליידונג. מען קען איינקויפן ביי ייִדן אַלץ וואָס אַ געשעפט דאַרף.

שלמהקע האָט זיך באַגעגנט אין די ייִדישע רעסטאָראַנען מיט לאַנדס־לייט און זיך דערוווּסט אַלץ וואָס ס'קומט פאָר אין זיין שטעטל — ווער ס'איז געשטאָרבן, ווער ס'האָט חתונה געהאַט, ווער ס'איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און ווער ס'קלייבט זיך קומען קיין קובאַ.

ער האָט זיך דערוווּסט אַז ס'איז פאַראַן אַ ספּרדיש־ייִדישער צענטער וווּ מען לערנט די קינדער שפּאַניש און העברעיִש, אַז אַ גרופּע בחורים גרייטן זיך עפענען אַ ייִדישן צענטער מיט אַ שול, אַז זיי האַלטן אָפּ זיצונגען אין צענטראַלפּאַרק און אין פּריוואַטע צימערן. ס'האָט זיך גע־שאַפן אַ צווייטע גרופּע וואָס גרייט זיך עפענען אַ קולטור־פאַראיין.

שלמהקע איז צוריקגעפאָרן פון האַוואַנאַ מיט אַ טראַנספּאָרט סחורה און מיט נייעסן וועגן די ייִדישע אימיגראַנטן אין האַוואַנאַ. ס'בויט זיך אַ ייִדישער ישוב!

*

מאַריסאָל, ווען זי האָט דערזען סאָלאָמאָנען, האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענט צו אים און פּלוצלינג אים אַרומגענומען. ס'זיינען אַריינגע־קומען קונים. מאַריסאָל האָט אָנגעהויבן באַדינען די באַזוכער.

שלמהקע האָט דערפילט אַ נאָענטקייט, אַ דאַנקבאַרקייט צום מיידל, פאַר איר איבערגעבנקייט, פאַרן אָנפילן די קראָם מיט יוגנטלעכער פרייד, פאַרן באַגריסן אים מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט, מיט אַזוי פיל ליבשאַפט...

אויף מאָרגן קומט אַריין מאַריסאָל אין קראָם און האַלט אין האַנט אַ פּאַפּירן זעקל מיט דער אויפשריפט פון אַ בלומען־געשעפט.

— וואָס האָסטו געבראַכט?

— מאַריפּאָסאַס, ווייסע בלומען. זע ווי שיין. די שענסטע בלום וואָס וואַקסט אויף קובאַנער ערד.

זי שווייגט אַ ווײַלע און גיט צו מיט אַ שטילן קול:

— פאַר דיר...

זי וויל עפּעס זאָגן, די ליפּן באַוועגן זיך, נאָר זי שוויַיגט.

מאַריסאַל טראָגט אַ וויַיסע בלוזקע. זי האַלט די וויַיסע בלומען אין איר האַנט, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעוואָקסן פון איר...

— מאַריסאַל, אַ דאַנק פאַר די שיינע בלומען...

ער אָטעמט אַריַין דעם ריח... זי האָט זיי געקויפט פאַר אים... ער שטייט און טראַכט וואָס איר צו זאָגן.

— דאַנק מיר ניט... זאָג מיר עפּעס, זאָג מיר!

שלמהקע שוויַיגט.

— סאָלאָמאָן! — האָט זי מיט ליבשאַפט אַרויסגערעדט זיַין נאָמען — ס'איז דיר ניט אומעטיק צו זיַין אַליין?...

— ניין, מאַריסאָל, ס'איז מיר ניט אומעטיק. פאַר וואָס פרעגסטו?

— וויַיל איך וואָלט געבליבן דאָ... מיט דיר...

— איך וויל איבערגיין צו דיַין גלויבן, כ'בין גרייט אויף אַלץ.

— מאַריסאָל! איך האָב דיך ליב ווי אַ שוועסטער, נאָר פאַרלאַנג ניט פון מיר מער... איך ווייס ניט צי איך וועל דאָ בליַיבן אָדער פאָרן צוריק צו מיַינע עלטערן, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט. איך וויל דיר ניט צוזאָגן און אָפּנאַרן. איך האָב אַ סך געליטן אין מיַין לעבן...

— צו וואָס איצטער דערמאָנען די נעכטיקע טעג?!

— מאַריסאָל, — האָט זי שלמהקע אָנגענומען ביַי דער האַנט — ביסט גערעכט, נאָר אויך איצט ווייס איך ניט צי איך שטיי אויפן ריכטיקן וועג. עס קאָן זיַין, אַז דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דערגרייכט, זיַינען נעכטיקע טעג. ביַי אונדז אויף יידיש הייסט עס — גאָרניט מיט גאָרניט...

— איך פאַרשטיי דיך ניט — האָט מאַריסאָל אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— דו מיינסט, אַז איך פאַרשטיי זיך? — האָט זיך ביַי שלמהקען אַרויסגעריסן אַ זיפץ — איינס ווייס איך נאָר, דו טאָרסט זיך מיט מיר ניט פאַרבינדן.

זיַינע לעצטע ווערטער האָט מאַריסאָל ניט געהערט. זי איז אַוועק אָנגיסן וואַסער אין קריגל. איצט האָט זי די בלומען פאַרטראַכטערהייט אַריַינגעשטעקט איינציקוויַיז אין קריגל — זיי זאָלן לענגער געדויערן.

קאַפּיטל נײַן

דער אויפברויז

דער טאָג איז אָנגעקומען ווי אַלע אַנדערע טעג. נאָך פאַרן עפענען די טירן זײַנען שוין געשטאַנען קונים און געוואַרט. ביידע, סאָלאָמאָן און מאַריסאָל, זײַנען געווען שטאַרק פאַרנומען. געטראַכט האָבן זיי ניט פון דער אַרבעט, נאָר איינער פון צווייטן.

יעדעס מאָל וואָס שלמהקע האָט אויפגעהויבן די אויגן האָט ער זיך באַגעגנט מיט איר וואַרעם־שטראַליקן קוק. זי האָט אים דורכגעלעכערט מיט אירע בליקן ווי זי וואָלט געוואָלט אַרײַנדרינגען אין זײַנע געדאַנקען.

„כ׳קען ניט אַרבעטן... וואָס ציט מיך צו קוקן אויף איר? זי איז הײַנט אַנדערש ווי שטענדיק — צעשרויפט... אין אַן אויפגעשטורעמטן געמיט. אפשר בין איך דאָס...״ האָט שלמהקע געטראַכט.

ווען ער האָט פאַרמאַכט די קראָם איז זי געבליבן מיט אים אינע־ווייניק.

— פאַר וואָס גייסטו ניט אַהיים? מאַריסאָל!

— איך וויל בלײַבן מיט דיר — האָט זי אים צערטלעך געענטפערט.

— מען וועט דיך קומען זוכן...

— קיינער וועט מיך ניט קומען זוכן. איך בין שוין איין־און־צוואַנציק.

זי האָט זיך דערנענטערט צו אים, אויפגעהויבן אירע הענט און זיי האַסטיק אַרומגעוויקלט אַרום זײַן האַלדז. זי איז צוגעפאַלן צו זײַנע ליפּן און געקושט מיטן גאַנצן פײַער פון איר אויפגעברויזטער ליבשאַפט. איר צאַרטער קערפּער האָט זיך אַרײַנגעשניטן אין אים און אָנגעצונדן זײַנע בלוטן. זײַן אויסגעבענקטער באַגער האָט אים באַהערשט. ער האָט זי אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך, געביסן אירע ליפּן, איר האַלדז. ער וויל איר עפּעס זאָגן, ענטפערן אויף איר נאָענטקייט... אויף איר גרייטקייט...

— פאַר וואָס האָטסו מיך ניט ליב?... — שעפּטשעט מאַריסאָל — האָב מיך ליב.

ס׳שלאָגט אים איבער אַ קאַלטער געדאַנק ווי די שאַרף פון אַ מעסער:

„פאַרגעסטו, פאַרשפּילסטו דײַן גאַנץ לעבן. וועסט קיין מאָל ניט קענען צוריקכאַפּן". עס שוידערט אים אַ קאַלטער שטראָם, צעגיסט זיך איבער זײַן קערפּער. זײַנע הענט לאָזן זיך אַראָפּ פאַרגליווערטע. אַן אויפגערעגטער פון שטראָמיקע געפילן, פון גלוסטונג טרייסלט זיך שלמהקע ווי אַ פיש וואָס אַ כוואַליע האָט איבערגעלאָזט אויפן ברעג פון טײַך. זײַן קול ציטערט און הערט זיך מאָדנע פרעמד:

— מאַריסאַל! מיר טאָרן ניט... כ'האָב דיך ליב... כ'טאָר דיך ניט ליב האָבן. ס'איז שווער דאָס צו דערקלערן. מיר זײַנען פון צוויי באַזונדערע וועלטן, צוויי באַזונדערע גלויבנס. — ער רעדט אָפּגעהאַקטע ווערטער, קורצע זאַצן ווי זיי וואָלטן זיך אַרויסגעריסן פון די טיפענישן פון זײַן האַרץ. זײַנע רייד האָבן זיך געגאָסן ווי קאַלטע טראָפּנס רעגן אויף אַ צעהיצטן קערפּער. אירע הענט האָבן נאָכגעלאָזט.

שלמהקע ציט צוריק זײַן האַנט ווי זיך אָפּצורוקן פון איר, ניט אָנרירנדיק איר קערפּער.

— מיר טאָרן ניט. דײַן מאַמע האָט צו דיר צוטרוי. דו וועסט זיך דאַרפן מתוודה זײַן פאַרן פּאַדרע. ניין, מאַריסאַל!

מאַריסאַל איז געבליבן שטיין אַ פאַרשעמטע. זי האָט זיך אויסגעגלײַכט.

— מיך... ווילסט מיך ניט ליב האָבן... האָסט אין דײַן לעבן געהאַט אַ שענערע פרוי?

מיט אַ צעבראָכן קול, ווי שטיינער וואָס קלאַפּן זיך אָן פאַלנדיק פון אַ באַרג האָט שלמהקע גערעדט צו זיך אַליין:

— ניין, ניין! מיר טאָרן ניט...

איר אָטעם האָט נאָך געבריט אויף אים. מאַריסאַל האָט אַ טראָט געטאָן אויף צוריק ווי אַ פאַרוווּנדעטע... זי האָט אים אָנגעקוקט מיט פײַכטע אויסגעלאָשענע אויגן, צוגעלאָפן צו דער טיר און אַרויס.

שלמהקע האָט דערפילט אַז אָט פאַלט ער אַנידער. ער האָט זיך אַרײַנגעשלעפּט אין זײַן צימער און זיך געזעצט אויפן קאַנט פון בעטל. ער האָט דורכגעזיפּט דורכן געדאַנק זײַן לאַגע, אַלץ וואָס ס'האָט זיך נאָר

וואָס אָפּגעשפּילט און אויפן קול צו זיך גערעדט: „איך שפּיל זיך מיט פייער. מען דאַרף מאַכן אַ סוף...״.

שלמהקע האָט אָפּגעאָטעמט לייכטער נאָך איר אַוועקגיין, ווי ער וואָלט זיך באַפרייט פון אַ פאַרצויגענער פּעטליע. „איך האָב זי ליב... ס׳ציט מיך צו איר... אפשר זאָל איך אַנטלויפן, איבערלאָזן אַלץ... וואָס פאַר אַן אַבסורד...״ — האָט ער מיט אַ קלאָרן געדאַנק געטראַכט. ס׳איז אים געוואָרן אומעטיק. „ווי קען איך דאָס אַלץ איבערלאָזן?״. „און זי... וואָס זאָל איך טאָן?״.

אויף מאָרגן איז מאַריסאָל געקומען שפּעט צו דער אַרבעט. שלמהקען איז איינגעפאַלן, אַז זי האָט געוויס געטראַכט מער ניט צו קומען, אים מער ניט צו זען. אירע באַוועגונגען זיינען געווען שלאַבעריק פאַרנעפּלטע... איר קול, אומעטיק ווי זי וואָלט דורכגעלעבט אַ שווערן נסיון... ווי זי וואָלט פאַרלוירן עמעצן...

די טעג האָבן זיך גערוקט לאַנגזאַמער. ס׳איז פאַרשטומט געוואָרן מאַריסאָלס יוגנטלעך געלעכטער. אין געשעפט איז געוואָרן טונקעלער...ביידע האָבן זיך פאַרטראַכט אויף זייער גורל, ביידע האָבן געזוכט אַן אויסוועג.

*

דער פאַרקויף אין קראָם איז אָנגעגאַנגען נאָרמאַל, כאָטש קיינער האָט וועגן דעם מער ניט געטראַכט.

די סחורה וואָס שלמהקע האָט געבראַכט פון האַוואַנאַ האָט זיך גוט פאַרקויפט. ס׳האָבן אָנגעהויבן אויספעלן אַרטיקלען, מאָסן, קאָלירן. שלמהקע האָט ניט געטראַכט וועגן די אַלע זאַכן... ער האָט געטראַכט וועגן זיך, וועגן מאַריסאָלן. ביסלעכווייז האָט זיך אין זיין מוח אויסקריסטאַליזירט איין געדאַנק: ער פאָרט קיין האַוואַנאַ, ער וועט זען וואָס צו טאָן...

איין פאַרנאַכט. מאַריסאָל איז געשטאַנען אַ פאַרטראַכטע, אַ פאַרטראָגענע. שלמהקע האָט זי אָנגעקוקט מיט אויגן וואָס האָבן אויסגעדריקט ליבשאַפט, מיט אַ קול וואָס האָט זיך געבראָכן, איבערגעריסן פון שווערער

אָנשטרענגונג, ווי די שטים וואָלט זיך וויקלען אין צער פון אַ טיפן ווייטיק. האָט ער צו איר געזאָגט:

— מאַריסאָל, איך פאָר מאָרגן פאַר טאָג קיין האַוואַנאַ. דו וועסט בלײַבן אין געשעפט ווי ס׳פריִערדיקע מאָל... דו קלערסט אַז ס׳איז בעסער איך זאָל פאַרמאַכן אויף עטלעכע טעג...?

מאַריסאָל האָט אים שאַרף אָנגעקוקט. זי האָט געוואָלט דערגיין וואָס ס׳קומט פאָר אין אים, וואָס טראַכט ער? זי האָט דערפילט, אַז דער וואַרעמער קלאַנג פון זײַנע רייד שטימט ניט מיט זײַן פלוצלינדיקן באַשלוס... זי האָט דערפילט אַז שלמהקע זוכט אַן אויסוועג ווי אַזוי זיך צו באַפרײַען פון איר.

מאַריסאָל האָט מיט וואַקלעניש געענטפערט:

— בעסער מאַך צו... ביז דו וועסט קומען צוריק... ביז דו וועסט קומען... אויף איר אָנגעשטרענגטן פּנים האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די שווערע מינוטן וואָס זי לעבט דורך.

באַלד ווי מאַריסאָל איז אַרויס פון קראָם האָט שלמהקע אַרויסגענומען די וואַליזע אײַנצופּאַקן זײַנע זאַכן.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ לײַכט קלאַפּן אין טיר.

— ווער איז?

— מאַריסאָל.

ער האָט געעפנט די טיר.

— דו ביסט שוין געווען אין שטוב?

— ניין, נאָך ניט... סאַלאָמאָן! איר שטים האָט געקלונגען ווי אַ תּפילה.

— ניין, נאָך ניט... איך בין צוריקגעקומען זאָגן אַז דו קענסט לאָזן די קראָם אָפן, כ׳וועל זי אָפּהיטן ווי דאָס פריִעריקע מאָל... ווי דו אַליין. אויב דו וועסט באַשליסן צו בלײַבן אין האַוואַנאַ, וועסטו מיר אָנזאָגן, וועל איך ביסלעכווײַז אויספאַרקויפן די סחורה. אויב דו וועסט באַשליסן אײַנצוקויפן און קומען צוריק, וועסטו געפינען דײַן געשעפט... פאַרמאַכן, וועט ווערן אַ תּל פון אַלץ... פון דײַן אַרבעט און מי.

— מאַריסאָל! וואָס האָט דיר געמאַכט בײַטן דײַן געדאַנק?

— ווען דו וואָלסט מיך אָפּגענאַרט וואָלט איך דיך פײַנט געהאַט.

כ׳וואָלט געזוכט צו נעמען נקמה... איך פאַרשטיי דײַן שווערן מצב. דו קענסט מיך ניט ליב האָבן... דו טאָרסט מיך ניט ליב האָבן לויט דײַן גלויבן און דו האָסט מיך ליב... מוזסט זיך אויסבאַהאַלטן. אפשר זײַנען דײַנע לײַדן שווערער ווי מײַנע. כ׳וועל דיך אפשר מער קיין מאָל ניט זען, כ׳וועל דיך אָבער שטענדיק ליב האָבן. לאָז מיך דיך דינען מיט וואָס איך קען...

שלמהקע האָט אויפגעציטערט פון די רייד. ער איז צוגעקומען נענטער און איר געגעבן אַ קוש.

— מאַריסאַל, איך אַנטלויף ניט פון דיר, איך אַנטלויף פון זיך אַליין... דו האָסט באַנומען מײַן לאַגע. איך וועל זיך אײַנאָרדענען אין האַוואַנאַ אָדער אין אַ צווייטן פּלאַץ, כ׳וועל דיר איבערלאָזן דאָס געשעפט מיט געננוג סחורה... דו וועסט אָנגיין...

שלמהקע האָט איר דערלאַנגט די שליסלען.

— איך גלייב דיר... איך ווייס אַז דו האָסט מיך ליב. ס׳איז אָבער פאַראַן אַ כּוח וואָס טיילט דיך אָפּ פון מיר. כ׳וואָלט דאָס געוואָלט פאַר־שטיין... איך וואָלט געוואָלט דו זאָלסט פאַרשטיין ווי טײַער איך צאָל פאַר דײַן גלויבן... דער כּוח איז שטאַרקער פון דײַן ווילן. אפשר איז דאָס אַ היי־ליקער אָנזאָג, אפשר אַ נדר... (פּראָמעסאַ). שוין אַ יאָר ווי איך אַרבעט בײַ דיר... איך פאַרשטיי אַז דו ביסט אַנדערש... דײַן גלויבן איז פאַר מיר אַ סוד... אין דײַן ערלעכקייט בין איך איבערצײַגט...

מאַריסאַל האָט זיך לאַנגזאַם צוגעשאַרט צו דער טיר, ווי זי וואָלט זיך אָפּרײַסן... זי האָט אָנגעקוקט שלמהקען, אירע אויגן האָבן געטרערט, און שווײַגנדיק אַרויס פון קראָם.

*

שלמהקע האָט זיך געראַנגלט די גאַנצע נאַכט מיט זײַנע געדאַנקען. ער האָט זיי געוואָלט פאַרטרײַבן און אײַנשלאָפן, נאָר די געדאַנקען האָבן בײַגעקומען דעם שלאָף. ער האָט געוואָלט קלאָר מאַכן פאַר זיך גופא וואָס ס׳קומט פאַר אין אים. „וווּ פאַר איך? פון וועמען אַנטלויף איך?...״.

ס׳האָבן זיך דורכגעטראָגן דורך זײַן מוח ביטערע טעג און נעכט אויף

דער באַלינע, די אַרבעט ווי אַן אָנשליסער פון די וואַגאָנען, די ערשטע נאַכט אין מאַיאַרי, דער מאַרק... „וואָס טו איך?... ווײַטער אויף הפקר, אין די הענט פון עלנטקייט און פרעמדקייט".

זײַנע אָפענע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער צום גאָרטן וואָס מאַריסאָל האָט אָפּגערייניקט פון די ווילדע גראָזן און פאַרזייט בלומען... אַ פאַרטאָגיקע העלקייט פון קובאַנער פרימאָרגן האָט אַרײַנגעקוקט. שלמהקע האָט זיך אַ הייב געטאָן פון בעט און צו זיך געזאָגט: „דו פאָרסט! פאָרסט ווײַטער, דאָס איז דײַן גורל..."

ד ר י ט ע ר ט י י ל

אמעריקאנער דערציילונגען

אָן אַ שפּראַך

פיר־און־דרײַסיק יאָר האָט ער אָפּגעלעבט אין קובאַ. געווען זײַנען עס יאָרן פון גראַנגלען און נסיונות, פון שוועריקייטן און דערגרייכונגען...

בײַם פאַרלאָזן דאָס לאַנד, האָט דער נײַער רעזשים אומגעשטערט דערלויבט אַרויסצופירן אַ קאָפּ מיט לאַנגע האָר... זײַן פרוי האָט אים אָנגעהויבן מוסרן ער זאָל זיך אָפּשערן.

— קיינער וועט דיר ניט געבן קיין אַרבעט מיט אַזאַ קוטשמענע. דו ווילסט דאָך ווערן אַ פּאַרקויפער, קיין אַנדער זאַך קענסטו ניט, דײַן גאַנץ לעבן ביסטו אַ סוחר...

— איך האָב פאַרשטאַנען — דערציילט ער — אַז זי איז גערעכט, נאָר מײַן האַרץ האָט מיר ניט געלאָזט אויסגעבן צוויי דאָלער, ווען איך האָב נאָך אין דעם לאַנד קיין צוויי דאָלער ניט פאַרדינט.

בין איך אַרומגעגאַנגען און געזוכט, אפשר וועט זיך מאַכן אַ ביליקערע שערערײַ...

אין יענע יאָרן האָט מען נאָך קיין לאַנגע האָר ניט געטראָגן. די היפּיס זײַנען נאָך ניט געווען אין דער מאָדע. איך האָב געטראַכט וועגן זיך אָפּ־שערן... ווי נאָר כ'פלעג דערזען די פרײַזן, צוויי דאָלער און נאָך מער, פלעג איך אַראָפּלאָזן די אויגן און זיך מאַכן ניט וויסנדיק.

איין טאָג, אַרויסגייענדיק פון דער אונטערערדישער באַן, ניט דורך דער ריכטיקער זײַט ווו איך האָב געדאַרפט אַרויסגיין, האָב איך דערזען אַז אין דער שערערײַ אויף די טרעפּ פון דער אונטערבאַן שערט מען פאַר פינף און זיבעציק סענט. איך האָב אַ טאַפּ געטאָן אין קעשענע, זען צי איך האָב גענוג צו באַצאָלן און איך בין אַרײַן.

ווי נאָר איך בין אַרײַן האָב איך געקראָגן חרטה. ס'האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אַ געדאַנק: „ס'קען ניט זײַן. דו האָסט ניט גוט געזען...".

אַ רייע שטולן שטייען אין דער לענג פון שמאָלן סאַלאָן, כמעט אַלע פאַרנומען. ס'איז מיר געוואָרן אויפפאַלנדיק: „ווי זשע? פינף און זיבעציק

סענט און אַזוי פיל שערער...״. איך וויל אויסטאָן מײַן אַלטן ענגן מאַנטל, ס׳קומט צו אַ מאַן, גאַנץ איידל, און גיט מיר אַ כאַפּ אָן פאַר די קליאַפּעס. ס׳איז מיר געוואָרן ביטער אויפן האַרצן... עפּעס איז דאָס אַ שפּיצל... איך וויל אים זאָגן אַז איך וועל אַליין אויסטאָן, כ׳האָב ניט די ווערטער און ער ציט דערווײַל אַראָפּ דעם אַלטן מאַנטל און הענגט אים אויף.

איך דריי אויס מײַן קאָפּ, ס׳שטייט לעבן מיר אַ צווייטער. ער ווײַזט מיר מיט דער האַנט דעם שטול וווּ איך דאַרף זיך זעצן. „וואָס וועט דאָ זײַן״ — טראַכט איך. „דאָס אַלץ קאָסט פינף און זיבעציק סענט?״, אָבער איך זיץ שוין. „קורץ צי לאַנג?״ — גיט ער אַ פרעג אויף דער שפּראַך פון לאַנד, אויף ענגליש, אָבער איך פאַרשטיי ניט קיין וואָרט...

ס׳גיט אַ דריק אין האַרצן. ער וואַרט איך זאָל ענטפערן... ער פרעגט מיך געוויס צי איך וויל זיך אָפּשערן... וואָס פאַר אַ פראַגע? יעס! — האָב איך אים געענטפערט — דאָס איינציקע וואָרט וואָס איך בין געווען זיכער אַז ער וועט פאַרשטיין...

מײַן שערער גיט אַ הייב אויף ביידע הענט. אין איינער האַלט ער אַ שערל, אין דער צווייטער, אַ שערמאַשינקע. איך זע ביידע כּלים אין גלאָטן שפּיגל. ער רעדט צו מיר, נאָר איך ווייס ניט וואָס ער פרעגט. דאָס איינציקע וואָרט וואָס איך בין זיכער אַז איך מעג זאָגן און ער וועט מיך פאַרשטיין איז „יעס״, דאָס הייסט, אַז איך וויל זיך אָפּשערן... דער שערער וואַרט אַ מינוט, קוקט אָן מײַן נאַריש פּנים אין שפּיגל, גיט אַ וואַרף דאָס שערל אויף דער פּאָליצע בײַם שפּיגל און מיט דער מאַשינקע און אַ ביסל רוגזה גיט ער אַ פאָר אַרײַן אין מײַנע לאַנגע האָר.

איך זיץ און שווײַג, און כאָטש ס׳איז קאַלט אין דרויסן און קאַלט אויפן האַרצן גיסט זיך פון מיר אַ שווייס. דער שערער שיט אויף מיר פּודער און ווישט מיך נאָכאַנאַנד.

מײַן איינציקע האָפענונג, אַז ס׳וועט זיך באַלד ענדיקן און איך וועל וויסן אויף וועלכער וועלט איך בין.

אַז דער שערער האָט מיך שוין אַרומגעטשעשעט הינטן און בײַ די זײַטן און איך האָב דערזען אַז איך בין ניט איך, אַז ער האָט מיר איבער־

געביטן מײַן גאַנצן אויסזען און געלאָזט אַ קאָפּ ווי אַן אָפּגעשיילטער עפּל, איז מיר געוואָרן ביטער אויפן האַרצן.

פלוצלינג גיט זיך דער שערער אַ רוק צו צו מיר גאָר נאָענט און גיט מיר אַ רעד אַרײַן אויפן קול אין אויער אַרײַן — אויפן לשון פון לאַנד, ער איז געווען זיכער אַז איך בין טויב, — ס׳איז מיר דורך אַ היץ איבערן גאַנצן קערפּער. איך האָב געטראַכט, אַז ער ענדיקט שוין און דאָ אַ נײַע פּראַגע. וואָס מיינט ער? וואָס וויל ער ווײַטער פון מיר? „יעס" — האָט זיך מיר אַרויסגעריסן פון האַרצן מיטן זעלבן קול ווי ער האָט גערעדט צו מיר... מיט רוגזה.

דער שערער האָט פאַרביסן די ליפּן און ס׳איז מיר אײַנגעפאַלן אַז עפּעס גרייט זיך דאָ גאָרניט קיין פריילעכע זאַך.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום — ער איז געקומען צו זיך — האָט ער אויפֿגעהויבן דעם גאָלמעסער און געגעבן אַ שניט די רעכטע פאה, אַז ס׳איז פון איר קיין זכר ניט געבליבן. באַלד איז ער איבערגעגאַנגען צו דער לינקער און אָפּגעטאָן דאָס זעלבע שטיקל אַרבעט — אויס פאות...

אויפן האַרצן איז מיר געווען — איך ווינטש דאָס ניט מײַנע שונאים. איך האָב שוין געוואָלט דערלעבן זיך צו באַפרײַען פון ווײַסן כאַלאַט וואָס האָט מיך געהאַלטן געבונדן.

אַז איך האָב דערהערט אַז ער בינדט שוין אָפּ דאָס קניפּל איז מיר געוואָרן אַ ביסל לײַכטער. אין מיטן דערינען דערפיל איך ווי עמעצער גיט מײַן שערער אַ פּאַטש אין פּלייצע, דאָס איז אַ דרום־אַמעריקאַנער אויסדרוק פון פרײַנדשאַפט, און זאָגט אויף שפּאַניש צו מײַן שערער: „ווי איז דיר געפעלן געוואָרן די נעכטיקע באַילע (טאַנצאָוונט)?".

איך גיב אַ שפּרונג אויף פון שטול, שטעל זיך אַוועק מיטן ווײַסן כאַלאַט גרייט צו דורסן:

— ראַמאָן, צום טײַוול, פאַר וואָס האָסטו צו מיר ניט גערעדט שפּאַניש. כ׳האָב דאָך דיך ניט פאַרשטאַנען קיין וואָרט. וואָס האָסטו מיך געפרעגט?

— איך האָב געוואָלט וויסן צי דו ווילסט איך זאָל דיך שערן מיטן שערל אָדער מיט דער מאַשינקע. אָבער ס׳איז דאָך שוין פאַרפאַלן...

— וואָס נאָך האָסטו מיך געפרעגט?

— צי דו ווילסט איך זאָל דיר לאָזן די באַקנבערד לאַנג אָדער קורץ, נאָר ס׳איז דאָך שוין פאַרפאַלן. איך בין געוועזן זיכער אַז דו פאַרשטייסט מיך ניט, ווײַל איך קען דאָך ניט קיין ענגליש...

— דו קענסט ניט קיין ענגליש? האָסט דאָך גערעדט צו מיר ענגליש...

— ס׳איז יענער ענגליש... דערנאָך איז מיר אײַנגעפאַלן אַז אפשר ביסטו אַ טויבער...

ס׳איז ביטער אָן אַ שפּראַך אין אַ נײַ לאַנד. מיר האָבן זיך אויפן שפּאַנישן לשון געזעגנט ווי צוויי אַלטע פרײַנד.

אויסגעבּרענטע נומערן

וואַלטער קראַוס איז דער אייגנטימער פון דער פאַבריק פון דאַמען־קליידער „קווינס פעשאָן". אין ניו־יאָרק איז ער אָנגעקומען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער איז באַפרײַט געוואָרן דורך דער אַמעריקאַנער אַרמיי פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אַ צעבראָכענער מענטש. ער מײַדט אויס צו טראַכטן וועגן יענע יאָרן און האָט ניט ליב צו קוקן אויפן לאַגער־נומער אויף זײַן האַנט. ער טראָגט זומערהעמדער מיט לאַנגע אַרבל וואָס פאַרשטעלן דעם אויסגעברענטן נומער. ער שעמט זיך ניט מיטן נומער, פאַרקערט, ער פילט זיך שטאָלץ וואָס ער, דער פאַרפאָלגטער ייִד, האָט איבערגעלעבט די רוצחים.

מיט דער הילף פון זײַנעם אַ פעטער, דער מאַמעס אַ ברודער, איז וואַלטער אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. די ערשטע טעג איז ער געווען איבער־ראַשט פון דער גרויסער שטאָט. ער האָט אַרויפגעקוקט צו די וואָלקן־קראַצערס און געטראַכט: „אַ מענטש איז דאָ אַ מילב אַנטקעגן דעם וואָס ער אַליין האָט אויסגעבויט... יעדע מילב געפינט זיך אַן אָרט, וועל איך אויך געפינען".

דער פעטער, וואָס האָט אים אַראָפּגעבראַכט פון דײַטשלאַנד, האָט געהאַט אַ קיאָסק (צײַטונגס־„סטענד") אויף דער איסט־סײַד און ס'איז אים אָנגעקומען שווער אויסצואַרבעטן דעם „אַפּידייוויט" און נאָך מער — דעקן די הוצאות. ער האָט אַלץ געטאָן באַגלייט פון איין געדאַנק: „וועלוועלע, מײַן שוועסטערס קינד. מײַן שוואָגער זלמן קרעטל איז געווען אַ גוטער שנײַדער, גענייט פאַר דער אַריסטאָקראַטיע. דאָ וואָלט ער אפשר געווען אַ צושנײַדער... אַלע אומגעקומען, דאָס לעבן וואָלט איך אַוועק־געגעבן פאַר מײַן שוועסטערס קינד".

וואַלטערן האָט אָבער זייער ווייניק פאַרבונדן מיטן פעטער. ער האָט אים כמעט ניט געדענקט. ווען דער פעטער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמע־ריקע איז ער נאָך געווען אַ קינד, האָט ער זיך שנעל פון אים דערווײַטערט.

עס האָט אים געצויגן צום גאַרמענט־געגנט — אפשר ווײַל דער טאַטע איז געווען אַ שנײַדער און אים אויך געוואָלט מאַכן פאַר אַ שנײַדער... ער האָט גלײַך געקראָגן אַרבעט אין אַ פאַבריק פון דאַמען־קליידער און פלײַסיק זיך גענומען לערנען ענגליש. אין אַ קורצער צײַט האָט וואַלטער גאַנץ גוט באַהערשט די שפּראַך. יאַנקל געלמאַן, דער באַלעבאָס פון דער פאַבריק, האָט אײַנגעזען אַז וואַלטער האָט מער פעיִקייטן ווי זיצן בײַ דער מאַשין. האָט ער אים פאַרגעשלאָגן אַרויסגיין פאַרקויפן צו אַ גרופּע קרעמער, וואָס זײַנען געווען קונדן פאַר אַ סך יאָרן.

וואַלטערס אויפפיר, זײַן קלאָרע אויסשפּראַך, זײַנע אײַנפאַלן ווי פאַר־צושטעלן די מאָדעלן פאַר די געאיבטע אײַנקויפערינס, זײַנע אָנווײַזונגען צו די אײַנקויפערינס פון די גרויסע „טשיין־סטאָרס" (קראָמען) האָבן אים אין אַ קורצער צײַט פאַרוואַנדלט אין אַ דערפאָלגרײַכן פאַרקויפער. ס'האָט אים אויך געהאָלפן וואָס ער איז געווען אַ פליכטלינג. מען האָט געהאָט גרויס אײַנזען צו די פליכטלינגען וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם נאַציזם און זיך געראַטעוועט.

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט יאַנקל געלמאַן, דער אַלטער ייִדישער פאַבריקאַנט, אים פאַרגעשלאָגן צו ווערן אַ שותּף. ער וועט זיך אין גיכן צוריקציִען פון די געשעפטן צוליב זײַן עלטער און שוואַכן געזונט.

הײַנט איז וואַלטער קראַוס דער אייגנטימער פון דער באַוווּסטער פאַבריק פון דאַמען־קליידער „קווינס פעשאָן". ס'איז שוין מער ניט יענע פאַבריק וואָס ער האָט איבערגענומען. ער האָט פאַרגרעסערט און אויס־געבעסערט די קוואַליטעט פון די קליידער וואָס ווערן פאַרקויפט אין די גרעסטע און טײַערסטע קראָמען פון אַמעריקע. וואַלטער קראַוס האָט פאַר־ווירקלעכט כּמעט אַלע פּלענער וואָס ער האָט פאַר זיך אָנגעצייכנט.

אין איינעם אַ טאָג איז אין פאַבריק אָנגעקומען אַרבעטן אַ יונגע פרוי. וואַלטער האָט גלײַך באַמערקט דעם אויסגעברענטן לאַגער־נומער אויף איר אָרעם. ס'האָט אים געצויגן מיט איר זיך צו באַקענען נענטער... ער האָט זי קיין מאָל ניט געפרעגט וועגן יענע יאָרן. ער האָט איר אומ־באַמערקט נאָכגעקוקט און זייער אָפט וועגן איר געטראַכט. ער האָט ניט געוואָגט איר אַרויסווײַזן קיין אויפמערקזאַמקייט. ס'האָט זיך אים אויסגעַ־

דאַכט אַז ער וואָלט געטאָן שאָדן דער פאַבריק ווען מען זאָל באַמערקן אַז ער, דער באַלעבאָס, דערנענטערט זיך צו דער אָנגעשטעלטער. דאָס מיידל איז אים געפעלן שוין פון ערשטן טאָג ווי זי איז אַרײַנגעקומען אין פאַבריק. איר שלאַנקע פיגור, אירע אײדעלע פּנים־שטריכן, איר באַנעם און צוגאַנג צו מענטשן האָבן אים אימפּאָנירט. ער האָט גאָר אָפט געטראַכט וועגן איר. ניט איין מאָל האָט ער זי געוואָלט אײַנלאַדן אַרויסצוגיין אין אַ פרײַען טאָג. אין אַ זונטיק. ער האָט עס אָבער קיין מאָל ניט געטאָן, ניט געהאַט קיין מוט, ניט געוווּסט צי ס'פּאַסט אים און גלײַכצײַטיק זיך געשראָקן פאַר איר ענטפער... ער האָט אָבער געפילט אַז עפּעס פאַרבינדט אים מיט דעם מיידל, מיטן אויסגעברענטן לאַגער־נומער אויף איר צאַרטער האַנט.

אין די מאָנטיקדיקע פרימאָרגנס, ווען וואַלטער פלעגט אַרײַנקומען אין פאַבריק, האָט ער ליב געהאַט זיך אָפּצושטעלן בײַ דער טיר פון אָפיס און באַטראַכטן ווי ס'הייבט זיך אָן די אַרבעטסוואָך. פון צווישן אַלע האָט ער געזוכט דאָס פּנים פון דעם מיידל וואָס צוליב איר האָט ער ווי פאַרלוירן זײַן רו...

ווען ס'פלעגט וואַלטערן אויסקומען צו רעדן מיט איר, מיט רייזלען, האָט ער ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון דעם נומער אויף איר אָרעם און דערבײַ טראַכטן: וואָס פאַראַ פּײַנטערע וועגן אויך זי איז דורכגעגאַנגען.

*

רייזל אין נאָכן באַפרײַט ווערן פון לאַגער אָפּגעלעגן עטלעכע חדשים אין שפּיטאָל. זי האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין פרייד מיט דער באַפרײַונג. אַ טיפע דערשלאָגנקייט האָט געהויערט אין איר. איין געדאַנק האָט געעקבערט איר מוח: „כ'האָב פאַרשפּילט מײַן לעבן, איך האָב קיינעם ניט — צו וואָס דאַרף איך די פרײַהייט?".

די דאָקטוירים האָבן גוט געוווּסט און פאַרשטאַנען וואָס ס'האָט זי געפירט צו דער מרה־שחורה, און זיי האָבן איר געהאָלפן צוריקשטעלן איר גײַסטיק גלײַכגעוויכט.

קיינער פון איר משפּחה איז ניט געבליבן לעבן און זי ווייסט אַליין

ניט ווי ס'איז איר פאַרבליבן אין זכרון דער אַדרעס פון איר מומען אין ניו־יאָרק. פון שנעל־באַקומענעם ענטפער אויף איר ערשטן בריוו האָט זיך רייזל דערוווּסט אַז די מומע איז אַן אַלמנה.

די מומע האָט אײַנגעלייגט וועלטן, געלאָפן אין די הילף־אינסטיטוציעס, ביז זי האָט אויסגעאַרבעט פאַר רייזלען די אַרײַנפאָר־דערלויבעניש און זי אַריבערגעבראַכט קיין אַמעריקע. די מומע איז געווען גליקלעך וואָס איר שוועסטערס אַ קינד האָט זיך געראַטעוועט. זי האָט זי אַרײַנגענומען צו זיך און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן פאַר איר. אָבער ס'האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן די צופרידנקייט פון ביידע, פון אַ לײַכטער פאַרקילונג איז די מומע אַוועק אויפן עולם־האמת.

ס'זײַנען זיך צונויפגעקומען דער מומעס קינדער, אַ טאָכטער און אַ זון. ניט צו דאַרפן צאָלן אומזיסט דירה־געלט האָבן זיי אויף גיך אויסגעפאַרקויפט אַלץ פון הויז. פאַר רייזלען האָבן זיי געקראָגן אַ צימער בײַ אַן אַלטער פרוי וואָס האָט געקענט איר מומען, אײַנגעצאָלט פאַר צוויי חדשים דירה־געלט און צוריקגעפאָרן צו זייערע היימען.

רייזל איז געבליבן אַליין, אָן אַ משפחה און אָן אַ היים. די פרוי צו וועמען זי האָט זיך אַרײַנגעצויגן האָט אָנגעהויבן זוכן פאַר איר אַ באַשעפטיקונג. זי האָט זיך צו איר באַצויגן ווי צו אַן אייגן קינד. איין טאָג האָט איר די פרוי צוגערעדט אַז זי זאָל מיט איר מיטגיין זוכן אַרבעט: „איך האָב צענדליקע יאָרן אָפּגעאַרבעט אין פאַבריקן פון דאַמען־קליידער. קום מיט מיר. דו וועסט זען אַז דו וועסט קריגן אַ גוטע אַרבעט". רייזל האָט עס גערן אָנגענומען. שוין אין דער ערשטער פאַבריק ווו זיי זײַנען אַרײַנגעקומען, האָט דער פאָרמאַן איר גלײַך צוגענומען צו דער אַרבעט.

— דו קענסט נייען אויף אַ מאַשין?

— ניין, מיט דער האַנט קען איך.

— קום, זעץ זיך דאָ לעבן לאַהלען, זי וועט דיר ווײַזן. קוק זיך צו ביז דו וועסט...

דער פאָרמאַן האָט דערזען דעם אויסגעברענטן נומער אויף איר האַנט. ער האָט זי אָנגעקוקט און מיט אַ שטילער שטים איר געזאָגט:

— קום, זעץ זיך לעבן מאַשין, איך וועל דיר ווײַזן...

אַ פּאָר שעה שפּעטער איז שוין רייזל געזעסן און גענייט אויף דער מאַשין.

די צײַט איז געלאָפן שנעל, ווי זי וואָלט געוואָלט אָניאָגן די פאַר־לוירענע יאָרן, און רייזל איז שוין איינע פון די בעסטע נייטאָרינס אין פאַבריק. זי פלעגט צוזאַמענשטעלן און אויספּאַרטיקן די בעסטע קליידער.

שטיל און אויף אַן איידעלן אופן פלעגט זי אָנווײַזן דעם צושנײַדער די חסרונות פון שניט. דער צושנײַדער האָט זי געגומען צום צייכענער. זיי האָבן זיך גערעכנט מיט אירע אָנווײַזונגען און איר געגעבן מאַכן די פּראָבע־מאָדעלן. ווען דער צייכענער, אַן עלטערער מענטש, האָט צוליב זײַן געזונט־צושטאַנד באַשלאָסן אָוועקצוגיין פון דער אַרבעט איז ער אַרײַן צום באַלעבאָס און אים געזאָגט:

— איר דאַרפט ניט זוכן קיין צייכענער. רייזל וואָלט געווען די פּאַסיקסטע אויף מײַן אָרט. איך וועל איר צווײַזן. זי איז זייער אַ פעיִקע, זי האָט אַ געבוירענעם טאַלאַנט צום צייכענען און צום אויסמאַרקירן אַ טיש. ניט איין מאָל האָט זי דאָס מיר געוויזן... איך האָב זי זייער ליב...

ווען דער צייכענער האָט פאַרלאָזט די פאַבריק, איז שוין רייזל גע־שטאַנען בײַם גרויסן טיש און געצייכנט נײַע מאָדעלן, ווי אַ דערפאַרענער עקספּערט.

*

רייזל האָט זיך באַפרײַנדעט מיט עטלעכע מיידלעך וואָס האָבן נאָך פאַר איר געאַרבעט אין פאַבריק. די חברטעס האָבן רייזלען זייער ליב געקראָגן. זי איז געווען די יינגסטע צווישן זיי. זיי האָבן מיט ערנסט און פאַרערונג געקוקט אויפן אויסגעברענטן נומער אויף איר אָרעם און באַוווּנ־דערט איר פריילעכקייט, איר פרישקייט און באַגער צום לעבן.

זי האָט פאַר זיי קיין מאָל ניט דערמאָנט אירע יאָרן אין לאַגער און די חברטעס האָבן זי קיין מאָל ניט געפרעגט פון וואַנען זי שטאַמט, ווער ס'האָט זי אַהער געבראַכט. זיי זײַנען געווען צופרידן זי צו האָבן אין זייער גרופּע און זיך טרעפן מיט איר אין די זונטיקס און גיין צוזאַמען אין קינאָ, אין קאַפעטעריע, זיך אויסריידן און אויסלאַכן פאַר דער גאַנצער גרויער וואָך אין דער קליידער־פאַבריק.

רייזל האָט צוגעצויגן אַ פּאָר יונגע בחורים וואָס האָבן געאַרבעט אין פאַבריק און זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין אַלע צוזאַמען. אָט די יוגנט־לעכע, מיט וועמען זיי פלעגן זיך טרעפן אין די זונטיקס, האָבן געקוקט אויף רייזלען מיט רעספּעקט. דער נומער אויף איר האַנט פלעגט זיך אַרײַנשנײַדן אין זייערע אויגן. זיי האָבן נאָר ניט פאַרשטאַנען ווי קען אַ מענטש, וואָס האָט דורכגעמאַכט דאָס מלחמה־בייז, קאָנצענטראַציע־לאַגער, ווי קען זי אַזוי שמייכלען, אַזוי לאַכן.

כאָטש די חברטעס האָבן זי ליב געהאַט, פלעגט זיי צו מאָל פאַרדריסן איר כּוח צוצוציִען די אויפמערקזאַמקייט פון די מענער... אָבער דער פאַרדראָס פלעגט גיך פאַרשווינדן, ווײַל זיי האָבן זי ליב געהאַט און זי איז געווען אַזוי אויפריכטיק און צוגעלאָזט צו זיי.

איין פרײַטיק האָט לאהלע אָנגעזאָגט אַז זי וועט דעם זונטיק ניט קאָנען קומען. זי דאַרף זיך טרעפן מיט עמעצן... באַלד האָבן זיך די מיידלעך דערוווּסט אַז לאהלע גייט חתונה האָבן מיטן דענטיסט בײַ וועמען זי האָט געהיילט די ציין.

דעם ערשטן זונטיק אָן לאהלען איז געווען אומעטיק. ס׳האָט געפעלט לאהלע, דאָס פאַרחלומטע מיידל מיט די שוואַרצע קורצע האָר און גרויסע בלויע אויגן. אַפילו די צוויי בחורים זײַנען געווען עפּעס ניט אויפגעלייגט. די איינציקע וואָס איז געבליבן הײַטער און פריילעך און אָנגעהאַלטן די שטימונג איז געווען רייזל. זי האָט ווײַטער געשמייכלט, געשטיפט און אָנגעשטעקט מיט איר האַלטונג די חברטעס און די חברים.

אָבער בײַ נאַכט, אין איר איינזאַמען צימער, האָט רייזל ניט געקענט אײַנשלאָפן. זי האָט געטראַכט וועגן לאהלען, וועגן דענטיסט, כאָטש זי האָט אים קיין מאָל ניט געזען. לאהלע האָט זיך מיט אַ מאָל אַזוי דערווײַטערט, זיך פאַרפרעמדט. אויפן געדאַנק זײַנען רייזלען אויפגעקומען די נעכט אין לאַגער... זי האָט זיך דערמאָנט אין אירע קינדעריאָרן אין שטעטל, לייזערקע, איר שול־חבר, וועמען זי האָט דאָס ערשטע מאָל אַ קוש געטאָן, אירע שפּעטערדיקע חברים און פרײַנד. און איצט: „שוין פינף יאָר ווי איך אַרבעט אין פאַבריק. וויפל יאָרן וועל איך אַזוי אַרבעטן?...". ערשט פאַר טאָג איז זי אײַנגעשלאָפן.

ווען רייזל האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי האָבן זי די נעכטיקע, די קאַשמאַריקע דערמאָנונגען ניט אָפּגעלאָזט. זי האָט ווידער געטראַכט וועגן לאהלען וואָס גייט חתונה האָבן מיטן דענטיסט... צום ערשטן מאָל האָט זי אַ טראַכט געטאָן וועלכעס קליידל זי זאָל אָנטאָן. אפשר דאָס וואָס זי טראָגט זונטיק? זי האָט לאַנג געקעמט אירע בלאָנדע האָר, זיך געפּוצט און אַ צופרידענע אַרויס פון איר צימער.

*

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, אין אַ פרײַטיק, האָט חוהלע, אַ צווייטע חברטע, די עלטסטע פון דער גרופּע מיידלעך, אָנגעזאָגט אַז זי וועט זונטיק ניט קומען, זי דאַרף זיך טרעפן מיט אַ באַקאַנטן... מיט אַ פרײַנד. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, האָבן רייזל און גיטעלע זיך דערוווּסט אַז די גראָבטשינקע חוהלע האָט חתונה געהאַט מיט אַ געגטן מאַן, אַ פאַבריקאַנט פון שירעמס און זי וועט אַרבעטן מיט אים אין פאַבריק.

רייזל איז צוגעקומען צו גיטלען און איר געפרעגט:

— דו וועסט קומען זונטיק?

— ווי דו פאַרשטייסט, רייזל.

— קום צו גיין, מיר זײַנען דאָך צוויי. אפשר וועלן קומען די ייִנגלעך...

דער זונטיק איז געווען אַן אומעטיקער. די ייִנגלעך זײַנען ניט גע־קומען. גיטל מיט רייזלען האָבן געשוויגן. פּלוצלינג האָט גיטל אָנגענומען רייזלס האַנט און שטילערהייט איר אַ זאָג געטאָן:

— רייזל, איך וויל דיך עפּעס פרעגן, נאָר זאָלסט אויף מיר ניט זײַן בייז.

— פרעג. פאַר וואָס דאַרף איך זײַן בייז אויף דיר...

— רייזל דו באַמערקסט ניט ווי וואָלטער קוקט נאָך יעדער באַוועגונג דײַנע, מיט וואָס פאַראַ וואַרעמע אויגן ער באַטראַכט דיך. ס'איז דיר קיין מאָל ניט אײַנגעפאַלן אַז וואָלטער איז פאַראינטערעסירט אין דיר?...

גיטל האָט דאָס אַרויסגערעדט מיט אַ ציטערדיק קול, ווי זי וואָלט אַרויף אויף אַ גליטש.

— וואָלטער? איך האָב דאָס ניט באַמערקט. ער האָט דאָס מיר קיין מאָל ניט געזאָגט.

רייזלס רייד האָבן געקלונגען ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס פאַרדעקן, ווי זי וואָלט פאַר זיך אַליין עפּעס אויסבאַהאַלטן.

נאָך אַ ווײַלע שווײַגן האָט זי ווי צום אַראָפּפירן פון דעם שמועס אַ זאָג געטאָן:

— זײַנען מיר געבליבן נאָר צוויי...

בײַם אַוועקגיין האָט רייזל מיט אַן אומעטיקן קול אַרויסגערעדט:

— גיטעלע, מיר וועלן זיך מער שוין ניט צוזאַמענקומען זונטיק, ניטאָ מיט וועמען און צו וואָס...

שווײַגנדיק זײַנען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

רייזל האָט אַ גאַנצע נאַכט זיך געוואַלגערט אויפן געלעגער. ווען זי איז פאַר טאָג אײַנגעשלאָפן האָט זיך... געעפנט די טיר בײַם קאָמענדאַנט פון לאַגער. דער ווײַסער הונט מיט די שוואַרצע לאַטעס איז איר געקומען אַנטקעגן. רייזל האָט אויפגעציטערט, די ציין פאַרקריצט ביז ווייטיק. די געשטאַלט פון קאַרל מילער האָט זיך אַ טראָג געטאָן צו איר. דער קאָמענ־דאַנט לאַשטשעט זי... „האָב ניט קיין מורא, דיר וועט גאָרניט זײַן...". זי בעט זיך בײַ אים. ער איז געוואָרן ווילד ווי אַ חיה... זי ליגט אויף דער ערד, אַ צעווייטיקטע, אַ דערשלאָגענע... לעבן איר שטייט מילערס ווײַסער הונט מיט די שוואַרצע לאַטעס און גלעט זי מיט זײַן מאָרדע.

רייזל האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי: „פאַרשאָלטענע חלו־מות!...".

מאָנטיק אין דער פרי איז וואָלטער אַרײַנגעקומען אין פאַבריק אַן אומעטיקער, אַ פאַרטראַגענער. ער איז די נאַכט ניט געשלאָפן. פינצטערע דערמאָנונגען זײַנען אויפגעקומען און ניט אָפּגעלאָזט... ער האָט זיך אַוועק־געזעצט בײַם שרײַבטיש און אָנגעשפּאַרט זײַן קאָפּ אויף דער האַנט. ניט פילנדיק האָט ער אַרויפגעצויגן דעם אַרבל פון העמד און אָפּגעדעקט דעם לאַגער־נומער. דער טונקעלער טאַטוירטער שטעמפּל האָט געשטאָכן זײַן אויג, האָט אים צערודערט...

„דער נומער פירט מיך צוריק... צום ביטערן קאָשמאַר, צום שוועל

פון אומקום, צו די טעג פון יסורים און דערנידערונג... איך בין שטאָלץ וואָס איך האָב עס איבערגעלעבט. מיר האָבן זיי געזען ווי חיות, ווי וועלף, מיר האָבן פאַר זיי מורא געהאַט ווי פאַר וועלף. כ׳פיל זיך היינט דערהויבן מיטן אויסגעברענטן נומער. איך האָב זיי איבערגעלעבט״...

וואַלטער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן ווי ער וואָלט וועלן פאַרטרייבן די ביטערע געדאַנקען. „איך וועל גיין זען רייזלען״ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. ער איז צוגעקומען צום טיש ווו רייזל האָט געצייכנט. ער האָט זי אָנגעקוקט און אַ שמייכל געטאָן. וואַלטער האָט זייער זעלטן געשמייכלט...

— וואָס שמייכלט איר? ס׳איז אייך געפעלן דער ביַיער מאָדעל?

ער האָט איר אַריינגעקוקט אין פנים און זיך צעלאַכט.

— וואָס ווייס איך פון מאָדעלן?... איך פאַרשטיי זיך אויף פּאַר־טיקע זאַכן.

וואַלטער האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון רייזלען. ער האָט אַ ווייַלע געשוויגן און פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן אויף דייַטש: „דער מאָדעל איז מיר געפעלן...״.

— איך בעט אייַך, וואַלטער, איר זאָלט צו מיר ניט רעדן אין דער שפּראַך, איך האָב זי פייַנט.

אַ טיפער אומעט האָט זיך פאַרצויגן איבער זייַן פּנים. ער האָט באַנומען אירע ווערטער און אַוועקגייענדיק שטיל איבערגעחזרט: „איך האָב פייַנט די שפּראַך... פייַנט... פייַנט״.

לאַנגזאַם און אַ פאַרטראַכטער איז ער צוריקגעגאַנגען אין אָפיס. עפּעס אַן אומרו האָט אים באַוועלטיקט: „רייזל, וואָס פאַרן מאָדנער מענטש. זי׳ באַוועגט מיך זיך צו דערמאָנען אין זאַכן וואָס איך וויל פאַרגעסן... אַ צע־ווייטיקטע נשמה, קלוג און פול מיט ליבשאַפט. וואָס פאַרן ליכטיק פּנים...״.

פּלוצלינג, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס איבערצייַגט, האָט ער אויפן קול אַ זאָג־געטאָן: „איך האָב דאָך זי ליב... פאַר וואָס זאָג איך איר דאָס ניט?... זייַט דעם ערשטן טאָג וואָס איך האָב זי געזען, זינט זי איז אַרייַנ־געקומען אין פאַבריק. כ׳וועל זי שיקן רופן, כ׳וועל איר זאָגן אַלץ וואָס איך טראַכט״.

— קארין, זײַ אַזוי גוט און זאָג רייזלען זי זאָל אַרײַנקומען -- האָט ער אַ זאָג געטאָן צו דער בוכהאַלטערין.

קאַרין איז אַרויסגעגאַנגען. זי האָט אַ װײַלע אָנגעקוקט דעם טיש װוּ רייזל צייכנט.

— װוּ האָסטו דאָס זיך אויסגעלערנט ?

— דאָ אין פאַבריק. איך האָב דאָס קיין מאָל ניט געלערנט.

— ביסט אַ פעיִקער מענטש!

— אפשר...

— װאָלטער האָט מיך געשיקט דיך רופן. ער איז הײַנט אומרויִק און נערוועיִש... װעסט באַלד זען.

רייזל איז אַרײַן אין אָפיס.

װאָלטער איז געזעסן און געצייכנט בלימלעך אויף אַ פּאַפּיר.

— קומט אַרײַן! זיצט. — זײַן פּנים איז געװען אָנגעשטרענגט, זײַן בליק פאַרנעפּלט.

— איך װיל אײַך עפּעס זאָגן...

זײַן שטים האָט געציטערט. די װערטער זײַנען אַרויס צעפּלאָנטערטע, װי ס׳װאָלט אים געװען שװער זיי צוזאַמענצובינדן, װי ער װאָלט זיי װעגן אײַן געדאַנק און ספקן צי ער דאַרף זיי זאָגן. ער האָט אַ רוק געטאָן דאָס בענקל נענטער צום טיש, װי זוכנדיק אַן אָנשפּאַר.

— שוין פינף יאָר װי איך קלײַב זיך אײַך עפּעס זאָגן... ער האָט שװער אָפּגעאָטעמט. איך װיל אײַך פאַרלייגן... איר זאָלט מיך פאַרשטיין... מיר האָבן אַזוי פיל געמיינזאַמעס... — ער האָט אויסגעצויגן צו איר די האַנט איבערן טיש. דער אַרבעל האָט זיך אים אַרויפגעצויגן. זי האָט דערזען דעם אויסגעברענטן נומער.

רייזל איז געװאָרן איבערראַשט. זי האָט ניט געגלייבט אַז װאָלטער זאָל צו איר ריידן מיט אַזאַ אָפנהאַרציקייט. זי האָט אים געקענט פאַר אַ פאַרשלאָסענעם כאַראַקטער. אַלס מאַן איז װאָלטער רייזלען געפעלן — זײַן שטאָלצע האַלטונג, זײַן קלאָרע שטים, זײַן פײַנע קליידונג. זי האָט זיך אַ סך מאָל פאַרטראַכט אויף זײַנע קלוגע אויגן, נאָר עפּעס האָט ער זי געשראָקן. יעדעס מאָל װאָס זי פלעגט זיך דערמאָנען אָן אים פלעגט

זי אויפציטערן. זי האָט פאַר אים עפּעס מורא געהאַט. אפשר האָט זי געוואָלט אַנטלויפן פון אירע אייגענע דערמאָנונגען, און ער האָט איר דערמאָנט אירע איבערלעבונגען. דעם ביטער דורכגעגאַנגענעם וועג...

ווי אַ בליץ איז פאַר איר אַלץ דורכגעגאַנגען. מלחמה־פּײַן, קאַצעט, געראַנגל פאַרן לעבן... אירע איצטיקע חברטעס לאהלע, חוהלע... גיטל האָט איר שוין אויך אָנגעזאָגט אַז זי גייט אַרויס מיט אַ פרײַנד... אַלץ האָט זיך דורכגעמישט, דער נעכטן און דער הײַנט... און... אַן אָפענער שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער איר צעליכטיקטן פּנים.

— ראָוז, ראָוז! — האָט ער מיט אַ ווייכער שטים אַ זאָג געטאָן, ווי ער וואָלט אין איר שמייכל דערקענט איר ענטפער.

רייזל האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט דורכגעשניטן איר קערפּער. אַ בלאַסקייט האָט באַשלאָגן איר פּנים. אָנ־שפּאַרנדיק אירע הענט אָן שרײַבטיש האָט זי זיך אויפגעהויבן און אַרויס פון אָפיס. זי איז צוגעקומען צו איר טיש אויף וועלכן זי האָט געצייכנט. די געלע קרײַד אויפן בלויען געוואַנט האָט גענומען ציטערן ווי דאָס שטעכעדיקע דראָט אַרום לאַגער... די געלע קרײַדליניעס איבערן געוואַנט האָבן זיך פאַרצויגן אַרום לאַגער... אין ווינקל, קאַרל מילערס הויז... וווּ זי האָט געוווינט. זי איז געבליבן שטיין פאַרגליווערט, מיטן בליק אויפן טוך.

— וואָס איז דיר, רייזל? — איז צוגעלאָפן צו איר אַ מיידל.

— וואָס איז דיר? ווילסט וואַסער?... ברענגט וואַסער.

— נעמט מיך אַהיים, נעמט מיך...

עמעצער האָט אָנגעזאָגט וואַלטערן. ער איז צוגעקומען צום טיש:

— אַנטשולדיקט מיר...

— ניין, ניין, ניט איר. איך פיל ניט גוט, איך וויל גיין אַהיים.

— איך וועל אײַך נעמען אַהיים!

— מען דאַרף ניט. איך וועל אַליין פאָרן.

— איר קענט אַליין ניט פאָרן. איך וועל אײַך ניט לאָזן אַליין... קומט מיט מיר... — האָט וואַלטער זיך געבעטן. ער האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און אַרויסגעפירט פון פאַבריק.

שווײַגנדיק זײַנען זיי געפאָרן דורך אַטלאַנטיק עוועניו.

— רייזל — האָט וואַלטער איבערגעריסן דאָס שווייַגן — איך האָב... איך... וואָס איז אײַך געווען ? דערציילט מיר. ווער בעסער ווי איך וועט אײַך פאַרשטיין ?

— איר גלייבט אַז אַלץ קען מען פאַרשטיין ? איך אַליין פאַרשטיי דאָס אויך ניט... עפּעס וואָס איז פאַרבליבן אין זכרון... ניט מעגלעך צו פאַרטרייַבן.

— זאָגט מיר, רעדט צו מיר... האָט זיך וואַלטער בייַ איר געבעטן.

זי האָט אויפגעהויבן די אויגן און אים אָנגעקוקט. זי האָט באַטראַכט זייַנע גלאַטע בלאַסע הענט, וואָס טרייַבן דעם אויטאָ. פון הינטערן מאַנ־זשעט האָט אַרויסגעקוקט דער ווינקל פון אויסגעקריצטן נומער... אַ וואַרעם געפיל האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבער איר קערפּער...

— וואַלטער, איר פירט מיך אַהיים, שוין פינף יאָר ווי איר האָט עס מיר געוואָלט זאָגן... שטעלט זיך אָפּ. איך וויל... איך דאַרף אײַך דערציילן.

ווען דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט בייַם ראַנד פון אַספאַלט, האָט זיך רייזל צוגערוקט נענטער צו דער טיר און אָנגעלענט איר אָרעם.

— רוף מיך ניט מיט דעם נאָמען וואָס דו האָסט מיך גערופן. מיט דעם נאָמען האָט מיך גערופן קאַרל מילער, דער געשטאַפּאָ־אָפיצער... דער מאַן וואָס האָט מיך... אין עלטער פון זיבעצן יאָר... דער נאָמען... כ׳וויל אים ניט אויסריידן פון מייַן מויל. רוף מיך קיין מאָל ניט מיט דעם נאָמען, קיין מאָל ניט...

וואַלטער האָט זיך צוגעבויגן צו איר און זי אַ קוש געטאָן.

— און נעם מיך ניט קיין מאָל אין ערגעץ וווּ ס׳איז דאָ אַ צוים פון שטעכיקע דראָטן...

טרערן זייַנען גערונען איבער זייַן פּנים.

— וואַלטער ! נאָך... זי האָט איבערגעריסן און געשוויגן אַ ווייַלע.

— נאָך איין זאַך... נעם מיך ניט קיין מאָל וווּ ס׳איז דאָ אַ ווייַסער הונט מיט שוואַרצע פלעקן...

אויס היים

ווען דזשאַן איז אַרויס פון סאַבוויי און אַרײַן אין זײַן גאַס, האָט ער באַמערקט אַז מען צעוואַרפט דאָס הויז אַנטקעגן איבער זײַן היים. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און באַטראַכט ווי די שווערע האַמערס און די ברעכ־אײַזנס רײַסן שטיקער פון די אַלטע צעטריקנטע ווענט. ס׳זײַנען שוין ניטאָ מער די געפּאַרבטע פענצטער אויף וועלכע ער פלעגט זיך פאַרקוקן. פאַר זײַנע אויגן זײַנען אויפגעשוווּמען די פנימער וואָס פלעגן זיך באַווײַזן אין די אָפענע פענצטער. ער געדענקט דעם טאַטן, ריימאָנד. ער פלעגט פונאַנדערפירן ביר אין אַ גרויסן וואָגן. אין די פאַרנאַכטן נאָך דער אַרבעט פלעגט ריימאָנד באַגיסן די בלומען וואָס ער האָט פאַרפלאַנצט נעבן ברייטן אַרײַנגאַנג צו דער הויזטיר. דזשאַן האָט זיך דערמאָנט אָן די קינדער. ס׳האָט אויפגעהילכט אין אים דאָס געלעכטער פונעם עלטערן מיידל... עליזאַבעט. פאַר וואָס האָט זי זיך קיין מאָל ניט אָפּגעשטעלט ריידן צו אים? ער האָט ניט געהאַט דעם מוט צוצוגיין און איר זאָגן, אַז ער וואָלט זי וועלן אײַנלאַדן אין קינאָ...

דזשאַן האָט דערהערט דאָס טרומייטערן פון אַן אויטאָמאָביל. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ חלום און דערזען אַז ער שטייט אין מיטן גאַס...

מאָרגן ווען ער וועט קומען פון דער אַרבעט, פון דער שוכפאַבריק וווּהין ער גייט טאָג־טעגלעך שוין דרײַסיק יאָר, עס וועט שוין אפשר ניט זײַן אויף וואָס צו קוקן... אַ שטיק ערד... פאַרשווּנדן די פענצטער, די פנימער, עליזאַבעטס געלעכטער. פאַר וואָס לאָזט מען צעשטערן דעם זכר פון היימען? פון ערלעכע לעבנס? „ביסט אַ נאַר...״ — האָט ער צו זיך געזאָגט. אַלץ איינס איז שוין פון יענע מענטשן קיין זכר ניט געווען אין דעם הויז. ער האָט געעפנט די טיר פון זײַן היים און געלאָזן אַרײַנגע־גאַנגען.

דזשאַן האָט מיטגעבראַכט מיט זיך די שפּײַז וואָס ער האָט אײַנ־געקויפט אין קראָם ניט ווײַט פון זײַן היים. שוין אַ סך יאָרן ווי ער

קויפט דאָרטן. ער קען גוט די בעלי־בתים. ס׳זײַנען דאָרטן נאָר געבליבן די עלטערע, דער טאַטע מיט דער מאַמען... די קינדער זײַנען זיך צעפאָרן, חתונה געהאַט. מען וועט אויך מן־הסתם צעוואָרפן דאָס הויז צוזאַמען מיט דער „גראָסערי״. אַוו וועט ער דעמאָלט אײַנקויפן זײַן עסן ?...

נאָכן אָוונט־עסן פלעגט דזשאָן זיך זעצן אויפן ברייטן שטול בײַם פענצטער וואָס האָט אַרויסגעקוקט צו דעם אַנטקעגנדיקן הויז, לייענען די צײַטונג און פון צײַט צו צײַט אַריבערקוקן, זען וואָס עס געשעט אויף דער גאַס. הײַנט האָט דזשאָן אָוועקגערוקט די שטול צום הינטערשטן פענצטער. ער וויל ניט זען וואָס עס טוט זיך דאָרט...

אָוונט צו איז געוואָרן שטיל אַנטקעגן. ער איז צוגעגאַנגען אַ קוק טאָן דורכן פענצטער און דערזען, אַלץ — די ווענט, דער דאַך, די זײַלן, אַלץ איז געלעגן אין איין באַרג, אַ באַרג פון ברוכוואַרג...

*

ווען דזשאָן איז אויף מאָרגן געקומען פון דער אַרבעט איז שוין פון גרויסן באַרג, פון דעם צענומענעם הויז, ניט געבליבן קיין זכר. ס׳איז געווען בלויז אַן אויסגעגראָבענע גרוב. דאָ וועט מען גיסן דעם פונדאַמענט. דזשאָן האָט ניט געקענט קוקן אויף דער גרוב. זיצנדיק אויפן ברייטן שטול בײַם הינטערשטן פענצטער האָט ער זיך פאַרטראַכט: וואָס וועט דאָ זײַן? וואָס וועט מען דאָ אויסבויען? אַ פאַרמאַטערטער האָט ער אײַנגעדרימלט.

*

אין אַ פאַרנאַכט, ווען דזשאָן איז געקומען אַהיים פון דער אַרבעט, האָט ער געטראָפן צוויי מענטשן שטייענדיק אויפן טראָטואַר אַנטקעגן זײַן היים. ווען ער איז געגאַנגען עפענען די טיר, האָט זיך איינער פון זיי זיך דערנענטערט צו אים און געפרעגט:

— זײַט איר דער אייגנטימער פון דעם הויז?

— יע, — האָט דזשאָן קורץ געענטפערט ווי ער וואָלט געפילט וואָס מען גייט אים פרעגן.

— מיר ווילן אײַך אויפקלערן אַן ענין. וואָלט איר אונדז דערלויבט אַרײַנצוגיין צו אײַך אין הויז?.

דזשאָן האָט זיך פאַר אַ ווײַלע פאַרטראַכט און געענטפערט:

— איר קענט מיר דאָס זאָגן דאָ.

די צוויי מענטשן האָבן זיך איבערגעקוקט און גערעדט צו דזשאָנען מיט וואָרעמער פאַרטרוילעכקייט:

— איר פאַרשטייט, מיר האָבן אָפּגעקויפט די צוויי הײַזקעס פון בײדע זײַטן פון אײַער הויז. וואָלטן מיר וועלן וויסן צי איר זײַט פאַראינטערע־סירט צו פאַרקויפן אײַער אַלט הויז.

— ניין — האָט דזשאָן געענטפערט מיט ביטערניש. — ניין! פאַר קיין געלט ניט. דאָס איז אַ ירושה פון מײַן טאַטן, פון מײַן זיידן, ניין! פאַר קיין געלט ניט...

— נו, דאָס איז אײַער זאַך, איר האָט צײַט, איר קענט זיך באַקלערן. נאַט אײַך אונדזער וויזיטקאַרטל. דאָ האָט איר דעם אַדרעס פון אונדזער אָפיס מיט דעם טעלעפאָן, און ווען איר וועט וועלן, וועט איר אונדז אָפּרופן...

דזשאָן האָט ניט געפונען קיין אָרט אין זײַן היים. ער האָט געטראָטן איבער דער הילצערנער פּאָדלאָגע און זיך צוגעהערט צום קלאַנג פון זײַנע טריט. ער האָט אויסגעמיטן צו קוקן אויפן מעבל, אויף די בילדער. אַלץ האָט אים גערייצט און שווערער געמאַכט זײַן געמיט.

דזשאָן איז צוגעקומען צום ברייטן שטול, געטראַכט זיך צו זעצן אין זיך אַ צי געטאָן צוריק, אַזוי ווי אַלץ וואָלט אים פּלוצלינג געוואָרן פרעמד. „צעשטערט דעם זכר פון איין היים... פון איין משפחה און איצט האָבן זיי זיך גענומען צו מיר. ניין! ניין!".

*

ס'זײַנען אַריבער וואָכן. די געבײַדע הייבט זיך העכער, און איר שאָטן פאַרשטעלט די זון וואָס פלעגט טאָג־טעגלעך אַרײַנשײַנען אין די פענצטער פון דזשאָנס היים. איין פאַרנאַכט, ווען דזשאָן איז אַרײַן אין זײַן גאַס, האָט ער דערזען ווי די האַמערן און שפּאַלטאײַזנס צעוואַרפן די הײַזער וואָס זײַנען געשטאַנען פון בײדע זײַטן פון זײַן הויז. פון איין זײַט האָט אָפּגע־טיילט אַ קליינער דורכגאַנג וואָס האָט אַ מאָל געניצט פאַר אַן אַרײַנפאָר

פון אַ וואָגן מיט פערד. ער האָט דערהערט דאָס קנאַקן און שפּאַלטן פון אַלטן האָלץ. ס'האָט זיך געהויבן אַ גרויער שטויב און געשטיקט דעם אָטעם.

„מען צעוואַרפט די הײַזער...״ פאַר זײַנע אויגן האָט ער דערזען ווי זײַן הויז שטייט אַליין אויף אַ ליידיקן פעלד. „מען רײַסט אַוועק שטיקער פון מײַן גאַס... כ'וועל דאָ בלײַבן דער לעצטער, איינער אַליין... וווּהין וועל איך גיין ?...״.

די טירן און פענצטער פון זײַן הויז זײַנען געווען פול מיט שטויב. ער איז אַרײַנגעקומען אין שטוב מיט אײַנגעהאַלטענער געלאַסנקייט, צוגעגאַנגען צום ברייטן שטול.

„פאַר וואָס האָב איך ניט געפרעגט וויפל זיי שלאָגן מיר פאַר מײַן הויז ? אַזוי לאַנג ווי איך וועל דאָ זיצן קענען זיי ניט בויען... זיי מוזן מיר גוט באַצאָלן...״.

דזשאָן האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן יעדע זאַך פון זײַן היים. „אויף דעם ברייטן שטול פלעגט זיצן מײַן טאַטע... האַלטן זײַנע פאַרהאָרעוועטע הענט אויף די אָנלענס. ער האָט געאַרבעט אין אַ קליין שוכפאַבריקל ניט ווײַט פון דאַנען. ווען ער פלעגט זיך פאַרטראַכטן, פלעגן זיך פאַרטיפן די שניטן אויף זײַן שטערן... קיינער האָט זיך קיין מאָל ניט געזעצט אויף דעם שטול. וווּהין וועל איך דאָס נעמען ? איך מוז פאַרקויפן אַלץ, אַלץ״.

זײַנע אויגן זײַנען געפאַלן אויף די בילדער וואָס זײַנען געהאָנגען אויף די ווענט. „ניין ! ניט אַלץ. די בילדער וועל איך נעמען מיט זיך... וווּהין, וווּהין איך וועל גיין וועלן זיי גיין מיט מיר...״.

*

פרײַטיק אין דער פרי, דזשאָן שטייט בײַ דער באַשנײַד־מאַשין לעבן פענצטער אין דער שוכפאַבריק. דער מעסער לויפט מיט אימפּעט און שנײַדט די קאַנטן פון די זוילן. נאָך גיכער לויפן אין דזשאָנס געדאַנק זײַנע עלטערן, זײַן זיידע. ער פאַרקוקט זיך אַ ווײַלע דורכן פענצטער אויף דער לאַנגער גאַס מיט גרויסע פאַבריק־מויערן...

ער ציט אַרויס פון קעשענע דאָס וויזיטקאַרטל וואָס די לאַנדהענדלער האָבן אים געלאָזן, קוקט עס אָן. דאָס בלוט שלאָגט אים אין די שלייפן.

ער גייט צו דער פרוי אין אָפּיס, קוקט זי אָן אַ ווײַלע, טראַכט וואָס איר צו זאָגן. דזשאָן האָט קיין מאָל ניט איבערגעלאָזט זײַן אַרבעט אויסער ווען אַ נאָענטער איז געשטאָרבן... די פרוי קען אים אַ סך יאָרן, זי וועט אים גלייבן: „איך פּיל זיך ניט גוט, וועל איך גיין אַהיים...". ער דערפילט בײַ די ווערטער ווי ס'וואָלט זיך עפּעס אין אים אָפּגעריסן. ער גייט ניט אַהיים. ער גייט פאַרקויפן זײַן היים. פינף און זעכציק יאָר ווי דאָס הויז איז זײַן היים. אים דוכט זיך, אַז ס'איז פינצטער אַרום אים...

*

שבת און זונטיק, די צוויי שווערסטע טעג פון זײַן לעבן — די לעצטע צוויי טעג פון זײַן היים. ער באַטראַכט יעדע זאַך. ער פילט ווי די אַלע דורך יאָרן אײַנגעשאָפּענע זאַכן וואָלטן געווען גלידער פון זײַן גוף, שטיקער פון זײַן לעבן. ער נעמט אַראָפּ פאָרזיכטיק די בילדער פון די ווענט. יעדעס בילד דערמאָנט אים די מענטשן אויף איר און ווער ס'האָט דאָס אָנגעקלאַפּט אויף דער וואַנט... אַ טייל פון די בילדער טראָגט ער צו צו זײַנע ליפּן, אַנדערע גלעט ער מיט די אויסגעהאָרעוועטע פינגער ווי זיי וואָלטן געווען לעבעדיקע...

זײַן אויג איז געפאַלן אויף אַ פּאָרצעלײַענעם טעפּעלע, מיט בלאָסע בלימעלעך בײַם ראַנד. פון דעם טעפּעלע טרינקט ער קאַווע זינט ער געדענקט. ער האָט עס אָנגענומען, געגלעט אַ ווײַל און אַרײַנגעלייגט אין רענצל מיט די בילדער. — — —

אינהאַלט

ערשטער טייל

היים און שטעטל

צוויי ברידער 7
ליכטיקע שאָטנס 15
צאַלקע דער וואַלד־סוחר 27
איטשע שטומאַק 31
דאָס הויז אויפֿן בערגל 39
אַ בריוו 44
פֿאַרשידענע צײַטן 48
מײַן ערשטע פּרנסה 52
אַ לעבן אויף הפקר 56
פֿרישטיק צו נאַכטס 65
דער העפּט 73
קלוגע חיות 78
אַרויסגעריסן די וואָרצלען 82

צווייטער טייל

קובאַנער דערציילונגען

די דרײַ צויבער־קעניגן 89
טשוטשאָ 98
אַ העמד 109
ווײַט 116
דער מאַשין־וואַשער 128
צו שפּעט 136
נח דעם מילנערס 140

אין פּאַרמעסט

ערשטער נסיון 159
אין האַוואַנער פּאַרט 170
אַ טאָג אין האַוואַנאַ 176
אויף דער באַנליניע 183

די אַרבעט אויף דער באַן 194
אין צענטראַל טשאַפּאַראַ 205
אין מאַיאַרי אויפן מאַרק 219
פון די טישלעך אויפן מאַרק צו אַ קראַם . . . 230
דער אויפברויז 240

דריטער טייל

אַמעריקאַנער דערציילונגען

אַן אַ שפּראַך 249
אויסגעבריענטע נומערן 253
אויס היים 265